אחרי שסיימתי את בית־הספר באוסטרוב באתי אל אחי בוורשה, שם למדתי תפירה ועבדתי שם בסלון אופנה ידוע. בשנת 1933 חזרו הורי לאוסטרוב. גם אחותי אטקה, אחרי שסיימה את לימודיה בבית־הספר באה אלינו לוורשה ועבדה כפקידה. שלושתנו עבדנו וחיינו מעמל כפינו בכבוד. לקראת החגים היינו חוזרים הביתה לבית הורינו, כדי לחגוג איתם את החגים ולהפגש עם ידידינו מנוער שנשארו בעיירה, אבל תמיד עמדנו איתם בקשרים הדוקים. גם באוסטרוב היה אחי מקובל מאוד על חבריו והם באו לשמוע את נאומיו במועדון התרבות המקומי.

הואיל והשתכרנו יפה רצינו להביא את ההורים אלינו, לוורשה, כדי שהמשפחה שוב תהיה מאוחדת, אבל המלחמה שפרצה שמה־לאל את רצוננו הטוב.

בשנת 1938 נישאתי בוורשה ליעקב ליבהבר, בן עיירתנו — אוסטרוב, וכשנה לאחר מכן מצאה אותנו המלחמה בעיר זו. אז אמר אחי, בעת שישבנו אצלו בבית: „אנו כולנו נספה במלחמה הזאת, אם בידי היטלר ואם בידי סטאלין". אחותי, אחי ורעייתו נסעו לאוסטרוב, כדי להיות יחד עם ההורים ולאחר זמן־מה נסעה אחותי ללוצק.

אני נשארתי בוורשה כדי לחכות לשובו של בעלי מהצבא הפולני. וכבר החלו הגסטפו והאס. אס. להחרים את רכושם של היהודים ולהתעלל בהם בכל דרך אפשרית. הם היכו ורצחו יהודים ברחובות, התעללו ביהודים דתיים, בנשים ובילדים והחלו לגרש יהודים לעבודות כפייה. משראיתי כי בעלי אינו חוזר, החלטתי לעזוב את העיר, אך משום שעל היהודים נאסר לנסוע ברכבות, לכן נמלטתי מוורשה בעגלה. גדול היה סבלי במשך כל שנות המלחמה, אבל אחריה גדל סבלי שבעתיים, משנוכח לדעת כי איש מבני משפחותינו לא נשאר בחיים ואנו, הננו השרידים האחרונים מכל משפחותינו הענפות. חקרתי, חיפשתי, שאלתי למצוא אפילו אחד מיקיריי ולא מצאתי זכר ושריד להם.

הגב׳ צביה פונצק מראדזין סיפרה לי, שאחי שבא מוורשה לאוסטרוב, שהה שם זמן קצר בלבד ונסע לכפר פשקה, שם הוא פגש את בן כתתו, פולני, בשם דומנסקי שהסתירו בביתו זמן קצר, אבל אופיו הסוער ואומץ ליבו של אחי דחפו אותו לצאת מהמחבוא והוא ארגן קבוצת פארטיזאנים יהודיים, שפעלה ביערות ראדזין. הגב׳ פונצק שהסתתרה בביתו של היערן, שמעה על עלילות הגבורה של הפארטיזאנים האלה, שכאמור, בראשם עמד אחי לייב לב. בנשק הדל שהיה בידיהם לחמו בחיות-הטרף הנאציות; חיבלו ברכבת שהסיעה חיילים גרמניים, וגרמו להם אבידות רבות; חיבלו בכמה מתקנים צבאיים ואף נלחמו בהם בנשק הדל שהיה ברשותם. וכאשר הרוסים החלו להתקדם בפולין, ביקשה ה-.A. K „ארמייה-קראיובה״ („צבא-הארץ״) האנטישמית לפגוע בפארטיזאנים היהודיים ולא תמיד עלה הדבר בידיהם, אך משהצליחו לפגוע בהם, הם צהלו והשתכרו מרוב שמחה, כי הרגו יהודים. מידיהם מצא גם אחי האמיץ והטוב את מותו, לא הרחק ממקום, בו נולדתי אני. על אחותי הצעירה, איטקה שהיתה נשואה ואם לבן אחד שמעתי מפי פולני, שסיפר לי, כי איטקה ובנה נורו ליד בור יחד עם יהודים רבים אחרים, שנטצוו, לפני הרצחם לחפור לעצמם את קברם ואחר כך נורו לתוכו. הוא סיפר לי כי אדמת בור הטבוחים נעה ימים לאחר הטבח וגניחות הגוססים עלו ממנו. על גורל אבי ואמי שמעתי מפי יהודי מצ׳נסטוחוב, שעלה לישראל אחרי המלחמה. בזמן המלחמה הוא התגורר בבית הורי כי הגרמנים מילאו את אוסטרוב ביהודים, שהביאו אליה מארצות שונות וגם מערי פולין ונפל בגורלו להשתכן בבית אבי. הוא סיפר לי על שתי אחיותי הקטנות שעזרו לו ולמשפחתו והתחלקו איתם בכל שהיה להם. יום אחד, בשובו לעיירה אחרי עבודתו בתחנת המים, עצרה אותו בדרך אשה פולניה אחת שהזהירה אותו לבל יחזור לעיירה כי בשעות הבוקר פרצו לתוכה האס. אס. ורצחו באכזריות את רוב היהודים שמצאו בה ואת השארית שילחו למחנה המוות טרבלינקה. הדבר קרה למחרת חג הסוכות תש״ג (1942).

כוה היה קצם המר של בני משפחתי הקרובה וזה היה גורלם של כל יהודי העיירה

שלנו, שחיו בה דורות רבים. כך נספו גם אחי אבי, אלי לב ושני בניו ושתי בנותיו על משפחותיהם. גם שתי אחיותיה של אמי ומשפחותיהן: משפחת הנדלסמן ומשפחת זוננשיין נרצחו בלוברטוב; אחותה ממשפחת וסונג ואחר מאחיה עם משפחתו נרצחו בעיר ברשניץ ואח אחר נרצח בעיר מזריץ׳. שם שני האחים — פונציק.

אימת ההשמדה של בני משפחתי הקרובים והרחוקים לא משה ממני יומם ולילה והיא מלווה אותי גם בשעות שמחה, כצלו של האדם המלווה אותו בכל מקום ובכל אשר יפנה.

עליתי ארצה עם שני ילדי אחרי המלחמה והתחלנו לאסוף את הריסות חיינו וזכיתי לראות שלושה נכדים ונינה אחת, אך האימה והזוועה והכאב הנורא, שאין לו מלים, הם חלק בלתי נפרד מכל חיי.

אני חשה חובה מצפונית להעלות את זכרה של ידידתי הטובה הגב׳ מנוחה ורמן לבית שטיגליץ ז״ל, שנותרה השריד האחרון מכל בני משפחתה הענפה, שנספו בשואה יחד עם כל בני אוסטרוב.

אחרי המלחמה עלתה ארצה, נישאה ונולדו לה שני בנים. למנוחה ורמן אני חבה תודה על זכרונותיה מאוסטרוב ומבני משפחתי אחרי שעזבתי את העיירה.

מנוחה נפטרה בטרם־עת, אחרי מחלה קשה. יהא זכרה ברוך!

טיפוסים ודמויות

יהושע קורנבלום / חיפה

לאחר הטרגדיה הנוראה מכל, אשר החיה הנאצית המטורפת המיטה על עמנו נשברתי פיזית ורוחנית. אף־על־פי־כן אעשה כמיטב יכולתי לשרטט ולהעלות על הנייר כמה דמויות וטיפוסים, אשר ישקפו את תושביה היהודיים של עיירתנו שההתקדמות הטכנולוגית, התאורה החשמלית והתחבורה הממונעת פסחו עליה. כדי להגיע לתחנת הרכבת הקרובה צריך היה לנסוע כ־10 ק״מ בדרך־עפר. גם לערים הסמוכות, הגדולות יותר — פארצ׳ב, לברטוב או לובלין — התחבורה אליהן התנהלה רק בעגלות רתומות לסוסים. חנווני העיירה קנו את סחורותיהם בלובלין ולמסע זה הם היו יוצאים בחצות הלילה, דבר כשלעצמו היה חוויה בלתי־נשכחת.

רוב יהודי העיירה חיו כל ימי חייהם במצוקה ובעוני ולמרות זאת היו חייהם הציבוריים ערים מאוד. היו בעיירתנו אירגונים ומפלגות פוליטיות מכל גוני הקשת האידאולוגית, מימין ומשמאל. הגדולה והחשובה בין המפלגות היתה מפלגת „מזרחי״, תחת הנהגתו של אחי ישראל ז״ל. היו גם ארגוני־סעד כמו: לינת־הצדק, תלמוד־תורה, הכנסת־כלה והעיקרי ביניהם — קופת גמילות־חסדים, אשר הושיטה עזרה כספית למרבית האוכלוסיה.

אחת הדמויות הבולטות בעיירה היה הד״ר לאסט. על אודות אישיותו אפשר לספר רבות. הוא היה איש נדיב־לב, חי את חיי יהודי העיירה ולא היה זר למצוקתם. הוא ידע אצל מי אפשר לבקש תשלום על הביקור ואצל מי צריך לטמון כסף מתחת לכר, כדי שיוכל לקנות את התרופה שהוא רשם לו. החיוך לא נמחה מעל שפתיו ולכל איש ואיש מצא מילת ניחומים והרגעה. הוא היה בעל דעות ציוניות ואף הזמין מורה מיוחד ללמוד אצלו עברית יחד עם בנו בכורו.

עוד דמות שנחרתה בזכרוני הוא שמואל רולניק, הקופאי של קופת גמילות־חסדים. הוא היה חסידו של הרב מביאלה, בעל זקן קצר ומטופח. הוא היה מאוד מסור לתפקידו כקופאי ויחד עמו תיזכר לטובה רעייתו חווה, אשה עדינה וסימפטית מאוד, אשר היתה עזר כנגדו והושיטה סעד לכל נצרך. לביתה שניהלה בטוב־טעם יצאו מוניטין בכל העיירה. אמרו, כי אצל חווה׳צה שותים תה עם לימון. בכל חג ומועד היה ר׳ שמואל רולניק מזמין את כל החסידים מהשטיבל שלו ל„קידוש״ בביתו. אשתו חווה היתה מכבדת אותם ביי״ש ו„לעקעך״ ו„קוגל״, שטעמו לא פג מפיהם עד ליום־טוב הבא. חברו הקרוב של ר׳

שמואל היה לייבל אלקון, שהיה עסקן תרבות בעיירה. הוא היה תלמיד־חכם גדול, אנציקלופדיה מהלכת על שתיים ובעל ידיעה רחבה בספרות הרוסית. דעותיו היו ליברליות ותמיד גילה הבנה רבה לזולת, בר־לבב ורגש עמוק. בבחרותו היה בעל חנות לבדים. לאחר נישואיו נהפך לאחד מבני המשפחה הידועה בפולין — משפחת הרבנים בלומנפלד, דבר המעיד רבות על אישיותו. גיסו, הרב ישראל בלומנפלד, היה ממנהיגי „המזרחי" בוורשה, כאשר־בירך, בנו של רב העיר, ישראל נלקנבוים ויעקב גולדשטיין, חתנו של ירחמיאל אברמוביץ׳.

היתה גם חבורת יהודים אומרי־תהלים וחסידים מכל החצרות: גור, סוקולוב, ראדזין (א"כ לברטוב). על־אף הבדלי הדעות הפוליטיים וההשתייכות לחצרות השונות, כולם היו כבני משפחה אחת. הכל ידעו מה שמתבשל בקדרתו של שכנו ואם אפילו לא התבשל דבר — אף זאת ידעו הכל ואז השתדלו שהקדרה תהיה מלאה.

שליחים שונים פקדו את העיירה — שליח למען ישיבה או מפלגה כלשהי, או מגיד סתם. כולם התקבלו בעיירה בסבר־פנים יפות ובידידות רבה. ותושביה השתדלו כי לא יצאו את העיירה בידים ריקות ובזכות זה יצא לה שם טוב.

ישראל וולוו׳ס הסנדלר — כך קראו לו כולם, ידע להטליא טלאי. איש צמוק וכחוש בעל לחיים נפולות ועיניים שקועות אך רוחשות טוב. זקנו — כצבע האפר וקצהו הימני ארוך מקצהו השמאלי. הוא היה חשוך ילדים. ביתו הקטן והמט ליפול, שרצפתו רצפת עפר — עמד בסימטה צרה שהובילה לבית־המדרש. כך היה האיש חי ולא קבל על גורלו. ביודעם את טוב־ליבו, יושרו ועוניו ועם זאת לא ביקש תמיכה, לכן היו כל התושבים מביאים אליו את מינעליהם לתיקון, אם נדרש תיקון ואף אם לאו. כך תמכו בו. חרף עוניו הוא עסק הרבה בצרכי ציבור: בחברה־קדישא וחברת־תהלים. אשתו היתה מתחננת בפניו: „ישראל, שב ותקן את הנעליים, הרי בעליו ידרוש אותם מיד ותמורת שלושים הגרושים שתקבל אוכל קנות לחם". ובעלה, ישראל וולוו׳ס, איש בעל מזג־טוב ונוח לבריות היה עונה: „הנה, תיכף, מיד, כבר אני מתיישב לעבודתי". אך משחגר את סינרו, היה מופיע שליח מה„חברה־קדישא" ומודיע לו כי יהודי נפטר בעיירה וצריך לקוברו. מיד הוריד את הסינר ופנה לעיסוקיו בחברה־קדישא ומה לי טלאי ומה לי לחם ואשה. ואם לא נאכל יום — האם השמים יפלו? הן יהודי מצווה לצום לפחות יומיים בשבוע! הרי בעיירה ישנם יהודים רבים שצמים כמעט כל ימות השבוע, מלבד יום שבת — כי ביום קדוש זה אסור לצום. יהודי מצווה להגות בדברים שלא מעולם הזה ולעשות מצוות שיעמדו לזכותו בעולם הבא.

בשבת היה משכים קום, מצטייד בשני קומקומי־תה מלאים ופונה לבית־המדרש,

כדי שחבריו, אומרי־תהלים יוכלו להשיב נפשם וללגום כוס תה חם. כך היה נוהג בימות הקיץ ובימות החורף. וכאשר בגרתי קמעה ועקבתי אחר מעשיו הטובים הייתי תוהה בלבי: מניין לאיש הכחוש והצמוק הזה מרץ רב כל־כך ורצון עז כזה לעשות כל אלה. אני חושב כי אם אמנם קיימים ל״ו צדיקים בעולם, הרי הוא נמנה עם אחד מהם. יהא זכרון ברוך לעד!

בעיירה קראו לו כולם: „לייבוש באגער דער גלעזער״. קומתו היתה קמעה גבוהה מממוצעת, פניו היו עגולים ועיניו בורקות. איש עליז, בעל קול עמוק וזקן צהוב קטן, שכבר חוטים לבנים היו שזורים בו. היה מכריז על עצמו כחסיד הרבי מסוקולוב, אבל היה מתפלל בבית־הכנסת של רב העיר, כי שם היה עובר לפני התיבה, דבר שאהב בכל נימי נפשו.

כל ימות השבוע היה משוטט בכפרי הסביבה, כדי להתקין שמשות בבתי האיכרים ולקראת שבת היה חוזר לביתו, שם המתינו לו שלוש בנות שכבר מזמן הגיעו לפרקן. אבל הוא כדרכו היה אופטימי: בנותי — היה אומר להן — במו אזניכן עוד תשמעו כיצד ישאלו אותי הבחורים — לייבוש, האם יש לך עוד בנות שיהיו לנשים לבחורים! ואכן, לפני פרוץ המלחמה, נישאו שלוש הבנות! הואיל והוא היה אחד מחבורת אומרי־תהלים, אשר כל ימות השבוע רדפו אחר פרנסה לביתם וליל שבת היה היחידי שיכלו לתת מרגוע לעצמותיהם, חשש לייבל כי הם עלולים לישון את שנתם הערבה ולא לקחם לאמירת תהלים. לכן, נטל הוא על עצמו את המשימה הקשה, שהיא גם מצוה גדולה להקיץ את חבריו. ומדי שבת בשבתו, עם שחר, בלילות החורף החשוכים והקרים, היה לייבוש עובר על הבתים, בסימטאות הדלות ובקולו הערב היה קורא: „יהודים, קומו לעבודת הבורא, קומו לאמירת התהלים!״

דמויות כאלה ואחרות חיו בעיירתנו, אך מי יוכל לתאר את כולן? אזכיר רק את שכננו הקרוב, ר׳ שלמה מאגעזס, יהודי רזה, בעל קומה גבוהה וזקנקן שחור ומחודד. הוא היה מחסידי הרבי מגור, מהמכובדים ביותר בעיירה, בן־תורה, אשר כל שעה פנויה היה מעיין בגמרא. בעל חנות לבדים שנתן צדקה הרבה. זמן רב שימש כנציגה של האוכלוסיה היהודית במועצה העירונית.

בקרבתו גרו האחים אברבנאל, ירחמיאל ואלטר גיטה׳ס. ביתם היה היפה ביותר בעיירה, בו שכנו גם חנויותיהם: חנות מכולת וחנות לבדים. הם היו מראשוני ומוותיקי בעלי־הבתים בעיירה וגרו יחד עם חתניהם ונכדיהם.

ר׳ יחיאל צוקרמן היה בעל חנות למוצרי־ברזל. מלומדי תורה בין חסידי גור ובעל־תפילה המקובל ביותר בשטיבל זה — ואף בעיירה כולה. כידוע חסידי גור לא היו

אוהדי התנועה הציונית. אך פעם נזדמן לי לחזור עם ר׳ יחיאל בעגלה אחת מלובארטוב. הואיל ונסענו שעה ארוכה נתקשרה בינינו שיחה. בשומעו כי אבי הוא מאוהדי „המזרחי״, סיפר לי על פרסומים ספרותיים בנושאי הציונות ואף החל לפזם את השיר הידוע „מעל פסגת הר הצופים״. כנראה, במסתרים היה גם ר׳ ירחמיאל חסידו של הרצל.


בקצה הרחוב גרה משפחת שפירא הידועה. ראש משפחתה, ר׳ משה הירש, היה דמות פטריארכלית ובלכתו ברחוב היה מושך עין כולם ומעורר יראת כבוד. שנים רבות היה חבר המועצה העירונית וחבר הקהילה היהודית. כמוהו היה גם אביו של ידידי דוד, ר׳ אהרון לייב קירשנבוים, העילוי הגדול של העיירה. הוא נתבקש לכהן כרב העיירה אך האיש סירב והתפרנס ממסחר זעיר, כדי לא להפוך את התורה קרדום לחפור בה. הוא היה חסיד הרבי מסוקולוב ובשבת, לפני התפילה לימד את הציבור את פרשת השבוע. אבל הוא לא הגביל עצמו לספרי הקודש בלבד והתעניין מאוד גם בכל המתרחש בעולם הרחב.

לצערי הרב, מעשיו הטובים של ישראל וולוו׳ס הסנדלר, דאגתו של ר׳ לייבוש לאמירת תהילים בשחרו של יום השבת, תפילותיו של ר׳ יחיאל, למדנותו של ר׳ אהרון לייב וה„שמע ישראל״ של כל בית ישראל — לא שמע ריבון העולמים, כאשר בניו הטהורים הובלו לטרבלינקה להשמדה.

בל יימחקו מזכרון בניהם עד דור אחרון!

ד.

ה„לנדסמנשפט״



מיפגש ראשון של יוצאי אוסטרוב בארץ, ב־1952, בביתם של משפחת גולדשטיין
ערשטער צוזאמענטרעף פון אסטראווער אין 1952, ביי דער משפחה גאלדשטיין
First meeting of Ostrovites in Israel, in Goldstein home, on 1952



מייסדי ארגון יוצאי אוסטרוב בישראל עם אורחים מחו״ל
די גרינדערס פון דער אסטראווער לאנדסמאנשאפט אין ישראל, מיט געסט פון אויסלאנד
Founders of Israel Ostrov Society with guests from abroad

הקמתו ופעילותו של ארגון יוצאי אוסטרוב בישראל

יעקב ליבהבר / תל־אביב

א.

בשנת 1947, שנתיים לאחר חורבן בית־ישראל בפולין, אשר לא פסח גם על עיירתנו אוסטרובה, שהינו, אני ובני־ביתי בבאד־רייכנהאל, גרמניה, שם התרכזו רבבות יהודים משארית הפליטה, שציפו להגירה לארצות מעבר־לים. ומה גדולה היתה הפתעתי כאשר פגשתי בה את בן־עירנו לייבל אלקון ז״ל, אשר בא להשתתף בוועידת הפועל־המזרחי שנערכה אז בעיר זו. שמחה ועצב שימשו בערבוביה בפגישה האקראית והמרגשת הזאת, שהרי לא פגשנו כמעט בבני עירנו, ששרדו מן השואה — וכל פגישה עם יהודי מוכר ריגשה עד דמעות.

בפגישה האקראית הזאת החלטנו — לייבל אלקון ואנוכי — כי אך יעד אחד לפנינו — ארץ־ישראל. לייבל לא פסק מלשכנעני, כי רק דרך אחת לפנינו — והיא — מדינת היהודים, שעל הקמתה הקרובה דובר אז הרבה במחנות הפליטים היהודיים. הייתי אף תמים־דעות עמו, כי נוכח האסון הנורא שפקד את עמנו בטלים ומבוטלים כל חילוקי־הדעות האידאולוגיים וכי העיקר הוא עתה — העליה למדינה היהודית.

לכן שבעתיים גדולה היתה שמחתנו, כאשר שוב נפגשנו בשנת 1949, ברחובות תל־אביב ומאז נקשרה בינינו ידידות־אמת שלא פסקה עד יומו האחרון של לייבל ז״ל. שנינו הגענו למסקנה דומה, כי חשוב וחיוני מאוד להקים ארגון ליוצאי עירנו, לסיוע הדדי ובייחוד לעולים, בני עירנו, שהחלו אז להגיע ארצה. לכן פנינו לבן עירנו הנכבד, אברמטשה פיירשטיין, שנענה לפנייתנו ונאות לעמוד בראש ארגון יוצאי עירנו, תפקיד אותו הוא ממלא בהצלחה מאז ועד היום.

ב.

אסיפת הייסוד של הארגון התקיימה בביתו של חברנו יצחק גולדשטיין, בתל־אביב, בה נבחר ועד שחבריו היו: א. פיירשטיין, ל. אלקון, אברבנאל, מ. דומן וכותב השורות האלה. כמו־כן הוחלט על הקמת קופת גמילות־חסדים, אבל כסף לא היה בה. אותה שעה ביקר בישראל בן־עירנו מאמריקה, חיים כהן. גם הוא ראה בעין יפה את רעיון הקמת הארגון. הוא הבטיח לנו, כי בשובו לאמריקה יסביר ליהודי אוסטרובה שם, את חשיבותה של הקמת הארגון ובטרם שובו לביתו תרם ח. כהן סכום כסף נכבד שאיפשר את ראשית פעולתו של הארגון וכן מתן הלוואות,

שכה רבים נזקקו להן בימים ההם. אבל לא קרה המקרה שבקשתו של עולה חדש, בן עירנו לסיוע, לא נענתה בחיוב. בתחילה ניתנו הלוואות בסך של מאה לירות ישראליות, שבזמנו היה סכום נכבד ולאחר מכן — מאתיים, חמש מאות ואפילו אלף לירות. בו בזמן דאגנו ותמכנו במשפחות במצוקה, בייחוד בבודדים ובזקנים בין בני עירנו. העזרה ההדדית שהושטה לנזקקים יצרה אווירה של קרבה ומשפחתיות בין שארית הפליטה אשר עלו לישראל.

הוועד החליט לקיים מדי שנה, למחרת חג הסוכות, את ערב־האזכרה לחללי עירנו הקדושים, שמקויים בקפידה מדי שנה. כמו כן הוחלט על התכנסות שנתית שנייה של בני עירנו, בחול־המועד פסח, שתיערך ליד שולחנות ערוכים, לבילוי בצוותא באווירה אינטימית וחמה.

ג.

הרעיון על הוצאת ספר יזכור שינציח את זכר קהילתנו, עלה כבר לפני שנים רבות. אבל הפניות לבני עירנו בישראל ובתפוצות בעניין הוצאת הספר לא זכו להד רב. סיבות שונות מנעו מהם ליטול את עטם ליד ולספר על חייה התרבותיים, הדתיים, הפוליטיים והחברתיים של עיירתנו שחרבה, כפי שנהגו שרידי־השואה ממאות רבות של ערים ועיירות יהודיות שהושמדו בידי הרוצחים הגרמניים. תחת זאת עלה הרעיון לבניית „בית אוסטרובה" או אולם־התכנסות של יוצאי עיירתנו. אולם סכומי הכסף שנשלחו מחו"ל לא הספיקו למימוש הרעיון. לכן הוחלט לתרום את סכום הכסף שהצטבר לקופה — 10.000 דולר — לקרן למחקר רפואי ליד המרכז הרפואי ע"ש ד"ר שיבא בתל־השומר לזכר קדושי אוסטרובה.

כמו־כן הוקמה בבית הקברות בחולון אנדרטה לזכר קדושי אוסטרובה, שלידה נערכת מדי שנה האזכרה לכבודם. הקמתה של האנדרטה היתה כרוכה בקשיים מרובים, אך הוועד השכיל לגבור עליהם.

לפני שלוש שנים חידשו ברוניה ומישה אקהאוס ממלבורן, אוסטרליה, את היוזמה להוצאת ספר־יזכור לקהילת יהודי אוסטרובה והנה הספר לפניכם. הוא מכיל מפרי עטם של בני עירנו, המספרים זכרונותיהם מימים עברו ומן הימים שבין שתי מלחמות העולם ועד לימי השואה והשחרור. בספר מובאים עשרות תמונות ממראותיה ודמויותיה של העיירה, המעידות על חייה החברתיים והתרבותיים התוססים של קהילתנו.

באיסוף ובהכנת החומר לספר זה טיפלה ועדת־מערכת מיוחדת שחבריה היו: אברמטשה פיירשטיין, יצחק גולדשטיין, יעקב ליבהבר, ד"ר איזידור לאסט, עדינה אייכנבוים־אלקון ועורך הספר דוד שטוקפיש.

מי יתן ונזכה להמשיך עוד שנים רבות בפעילותנו למען שארית יהודי אוסטרובה בישראל ובתפוצות.



קבלת פנים למשפחת רוזן מארה״ב שביקרו בישראל
אויפנאַמע פאַר דער פאַמיליע ראָזען, וואָס האָט באַזוכט ישראל
Reception for Rosen family from the U.S.A. on their visit to Israel



קבלת פנים לאורחים מבראזיל וארגנטינה. המברך : מר שטרן
אויפנאַמע פאַר געסט פון בראַזיל און אַרגענטינע. זיי באַגריסט ה׳ שטערן
Reception for guests from Brazil and Argentina ; Greetings : Mr. Stern



חיים כהן (עומד מימין), היוזם והמיסד של הארגון בישראל ב־1952. לידו — אברהם פיירשטיין
חיים כהן (רעכטס), גרינדער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין 1952. נעבן אים — אברהם פייערשטיין
Chaim Cohen (at right) initiator and founder of the Society in Israel in 1952. At his side — Mr. Abraham Feierstein

המרכז הרפואי ע"ש חיים שיבא, תל-השומר
ובית הספר לרפואה, אוניברסיטת תל-אביב

3 במרץ 1975

לכבוד
מר פוירשטיין
ארגון יוצאי אוסטרוב לובלין בישראל
תל-אביב

מר פוירשטיין הנכבד,

שמחתי ביותר על המפגש שהיה לי עמך ועל הידידות שנוצרה בין ביה"ח ובין חוג יוצאי אוסטרוב החיים בארץ ובארה"ב.

חז"ל אמרו כי „שקולה צדקה כנגד כל המצוות", ואכן עזרתכם לנו היא יקרה ביותר וחשובה. אף כי ביה"ח שלנו הנו מוסד ממשלתי, הרי שבפעולות רבות אנו נזקקים לעזרת הצבור וזאת כדי לקדם את שרותנו לצבור. מה טוב שבמקרה זה אף מתהווה קשר בין ביה"ח ובין תושבי עיירתכם החיים בארה"ב. אמונתנו רבה כי כישראלים עלינו לסייע בהדוק היחסים בין אחינו בארה"ב ומובן כי אשמח לעשות כן.

עבודתנו בתחום הציטוגנטיקה נועדה לסייע לבני-אדם בתחום המורכב ביותר של בעיות גנטיות. לרוב ניתן לעזור למשפחות בהן יש מחלה גנטית רק ע"י יעוץ לפני הנשואין. ברם תחום מסוים בציטוגנטיקה מאפשר לגלות לקוי של עוברים עוד בהיותם בבטן אמם. הכוונה היא לבדיקות של מי-השפיר המקיף את העובר בהיותו ברחם האם. אחד הנושאים החשובים המעסיקים אותנו הוא סקר של מחלת טיי-זקס. המדובר הוא במחלה יהודית המצויה בצאצאים של יוצאי אזור המוגבל לגבול רוסיה-פולין. בילדים החולים מתפתחים בגיל 3-2 פגור שכלי ועוורון ובהמשך ילדים אלה מתים. מובנת הטראומה הנפשית לאותם הורים שילדם מת ממחלה זו והם יודעים כי צאצאים נוספים שלהם עלולים לחלות. הבדיקה המבוצעת ביחידתנו מאפשרת לגלות באמצע ההריון האם העובר נגוע (ואז תבוצע הפסקת הריון) או שניתן להרגיע ההורים ולהבטיחם כי ילדם יהא בריא. אין לתאר אושר המשפחות והבטחון שאנו מקנים להם. אנו פתחנו העבודות בשטח זה בו אנו רואים את ההתמחויות שלנו ומתעתדים לבצע מחקרים נרחבים לגלוי מחלה זו. לא אלאה אתכם בבדיקות נוספות ובאפשרויות הגלומות בכך. תקותי רבה כי ישמר בינינו קשר אשר יאפשר לנו לקדם עבודותינו. בינתיים תודתי מקרב לב על המכשיר אשר תרמתם לנו עבור העבודות בתחום מחלת טיי-זקס. תבואו כולכם על הברכה על עזרתכם ונדיבותכם.

בתודה מקרב לב,
פרופ. ב. פדה

ייִדיש־טייל

ה.

אנטוויקלונג
פון שטעטל



תזמורת בעיירה, 1932 • דער אָרקעסטער אין שטעטל, 1932
Orchestra in town, 1932



חסידי „לוורטוב" בעיירה, 1932 • „לעווערטאָווער חסידים אין שטעטל, 1932
Levertov's Hassidim, 1932

פּאָגראָמען, מלחמה, עמיגראַציע

שלמה שאַפּירא / קיבוץ ברור־חיל

אַ שטעטל מיט נעמען

אָסטראָווע האָט פאַרמאָגט פאַרשידענע נעמען, מיט אַ צוגאָב, ווייל ערטער מיטן נאָמען אָסטרווו זענען געווען אין פּוילן עטלעכע, און אין פאַרשידענע געגנטן. דעריבער האָט מען געמוזט אויך באַצייכענען: אָסטרווו שעדלעצקי (איינע פון די 10 גובערניעס אין פּוילן, באַהערשט פון צאַרישן רוסלאַנד); אָסטרווו כעלעבייסקאַ, ווייל דער נאָמען האָט אַנטשפּראָכן דער רוסיפיקאַציע־פּאָליטיק פון דער מאָסקווער רעגירונג, בפרט נאָך, אַז אין אונדזער געגנט האָבן געוווינט פּראַוואָסלאַוונע אוקראַינער; אָסטרווו פּאָדלאַסקי, ווייל דאָס אָרט איז געלעגן אין פּאָדלאַשער געגנט.

אָבער נאָכן פאַרענדיקן די ערשטע וועלט־מלחמה, אַז פּוילן איז געוואָרן זעלבּ־שטענדיק, איז אָסטראָווע געוואָרן איינגעשלאָסן אין דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע — און ס'איז שוין פאַרבליבן אָסטרווו לובעלסקי. אויסער דעם האָט דאָס שטעטל אויך געהאַט אַ צונאָמען — „אָסטראָוווער קאָזעס", ענלעך צו „כעלעמער נאַראָנים". ווייזט אויס, אַז אין דעם אָרט האָבן אַמאָל זיך געפינען אַ סך ציגן — און פון דעם דער צונאָמען.

ווי אַלט איז דער דאָזיקער ישוב? קיין געגויע דאָקומענטן זענען נישט פאַראַן. נאָר מען דאַרף זיך משער זיין, אַז דער ישוב איז אויפגעקומען, ווי נאָר יידן האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן אין פּוילן. לויט ווי די זקנים האָבן דערציילט, זענען דורך זיי נישט אָנגעגעבן געוואָרן קיין גענויע דאַטעס, נאָר צוגעפּאַסט צו היסטאָרישע געשעענישן, אָדער לאָקאַלע אומגליקן, ווי: די ערשטע שריפה, די צווייטע שריפה; די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה; די ערשטע מגיפה; די גרויסע עפּידעמיע — און אַנדערע געשעענישן. אויך די אַלטע מצבה'ס און דער אהל פון אַ גרויסן צדיק אויפן בית־הקברות, האָבן אַנטהאַלטן אַ סך געשיכטעס פונעם יידישן ישוב אין אָסטראָווע.

פונקט ווי דאָס שטעטל האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פאַרשידענע נעמען, אַזוי אויך זענען געווען פאַרשידענע תקופות, וועלכע האָבן באַקומען זייער באַצייכענונג אָדער נאָמען. אין היינטיקן יאָרהונדערט, האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע עמיגראַציע קיין אַמעריקע. נאָר אין שטעטל האָט מען אַזאַ עמיגראַנט באַצייכנט, אַז „ער איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע", און די פאַרבליבענע משפחות אין אָסטראָווע האָט מען גערופן „אַמע־

ריקאַנצעס״. די וואָס האָבן די ערשטע זיך אָפּגעטראָגן אין קאָלאָמבוסעס מדינה, זענען אַ טייל געווען די א. ג. פּריזיווניקעס, וואָס האָבן זיך באַדאַרפט שטעלן צום מיליטער־דינסט און די פּערעספּעקטיוו צו דינען אַ סך יאָרן אין דער צאַרישער אַרמיי, האָט זיי אָפּגעשראָקן. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיטן געזעץ. און נאָכן יאָר 1905, ווען מ׳האָט גענומען פאַרפאָלגן די אָנטיילנעמערס אינעם אויפשטאַנד קעגן צאַר, האָבן אויך געוויסע יידן פון אָסטראָווע געמוזט זוכן אַ מקלט אויף יענער זייט ים. נאָר דער עיקרדיקער שטויס צו עמיגרירן איז געווען — די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג און דער געיעג נאָך פּרנסה, וואָס האָט באַוויגן אַ סך אויסצוואַנדערן. מיט דער צייט, האָט אין די פאַרייניקטע שטאַטן זיך געשאַפן אַן אָסטראָווער לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכע האָט אַ סך געהאָלפן דעם שטעטל אין דער תקופה צווישןביידע וועלט־מלחמות.

ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט אין שטעטל זיך אָנגעהויבן אויספאָרמירן אַ נייע אָנפירונג, וועלכע האָט זיך גענומען בונטעווען קעגן אַלטן לעבנס־שטייגער.

אַ באַזונדערס שווערע צייט האָט דאָס שטעטל אַדורכגעמאַכט אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עסטרייך־דייטשלאַנד האָט געקעמפט קעגן רוסלאַנד. אין אויגוסט 1915 ווערט דאָס שטעטל פאַרברענט מיטן גאַנצן האָב־און־גוטס. אויך די פּרעכטיקע שיל איז אַוועק מיטן רויך. אַלע יידן אַנטלויפן פון אָסטראָווע.

ווען די דייטשן באַזעצן דאָס שטעטל, קומען אַ סך יידן צוריק אין זייערע אַלטע היימען, וואָס דער רוב זענען צעשטערט. דאָס אויסבאַהאַלטן זיך אין די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך האָט בלויז אָפּגעהיטן זייערע לעבנס, נאָר די וווינונגען אין אָסטראָווע זענען געוואָרן אָפּגעברענט.

אין יאָר 1918 פאַרלאָזן די דייטשן דאָס שטעטל און פּוילן ווערט אומאָפּהענגיק. נאָך אין צווישנצייט זענען די אוקראַינער מיט די באַלאַכאָוויצעס אַריין קיין אָסטראָווע און דאָרט פאַגראָמירט, געשענדעט, געראַבעוועט. שפּעטער — די רויטע אַרמיי, נאָכן באָל־שעוויסטישן איבערפאַל אויף פּוילן — און זייער צוריק אַנטלויפן. די אַלע ענדערונגען און דאָס טוישן זיך פון דער צענטראַלער אָדער לאָקאַלער מאַכט, האָט תמיד שווער געטראָפן די ידישע באַפעלקערונג. מיר זענען געווען די ערשטע קרבנות פון די אַלע אומגליקן.

נאָר אין אָנהייב פון די צוואָנציקער יאָרן, ווען דאָס אַלגעמיינע לעבן אין דער אומאָפּהענגיקער פּוילן האָט זיך אָנגעהויבן סטאַביליזירן, איז אויך אונדזער ישוב אַריינ־געטרעטן אין אַ פּעריאָד פון נאָרמאַליזאַציע. יידן קומען צוריק פון פאַרשידענע ערטער.

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אַנטוויקלט זיך — מיט פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס, ביבליאָטעקן, פאַריינען.

אַ שפּעטערדיקע תקופה — דער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע און די אויסוואַנדערונג פון ייִדן אין די גרויסע שטעט, מעבר לים און קיין ארץ־ישראל.

דאָס איז געווען אַ תקופה מיט אַ סך דראַמאַטישע געשעענישן, מיט האָפענונגען און טרוימען, ווי אויך מיט נישט ווייניק — אַנטוישונגען.

ייִדישע פּרנסות

אָסטראָווע ליגט אויף אַ סטראַטעגיש אָרט, צווישן די טייכן בוג און וויעפּש. מזרח־זייט — דער בוג און די שטאָט וולאָדאַווע. מערב־זייט — לובאַרטאָוו. דרום־זייט — דאָס שטעטל לענטשנע, מיט אירע באַרימטע יאַר־יאַרידן. און לובלין — 35 קילאָמעטער פון אונדזער שטאָט. צפון־זייט — פּאַרצעוו, 18 קילאָמעטער פון אונדזער שטעטל. אַ גרויסער וואַלד טיילט אָפּ די שטאָט פון אַנדערע ערטער, און אַרום — אַ דאָרפישע באַפעלקערונג. די שטאָט האָט געהאַט רעליגיעזע אויטאָנאָמיע, מיט דער רעכט אַרויפצולייגן און אויפמאָנען שטייערן דורך דער קהילה, אויסצוהאַלטן רבנים, דיינים, שוחטים, שמשים, אַ בית־הקברות און תלמוד־תורה. די הכנסה איז געווען פון עטאַט־שטייערן און אָפּצאָל פון שחיטה.

די ייִדישע איינוווינערס האָבן געציילט בערך 1200 משפּחות. אין די ראַנדן פון שטאָט — אַ קריסטלעכע באַפעלקערונג, כמעט אַלע פּויערים. די מערהייט אין שטעטל איז געווען אַ ייִדישע, מיט אירע וואַרשטאַטן, געשעפטן, האַנדל, וווינונגען. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דאָס געווען אַ שטעטל פון אַרבעטזאַמע מענטשן, פון אַלערליי שיכטן און פאַרשידענע פּרנסות: גאַרבערייען — מער ווי 20. די חסידישע בעלי־בתים האָבן אַליין נישט געאַרבעט, נאָר באַשעפטיקט מענטשן. אין גאַרבאַרסקע געסל, ביים טייך טישמיניצאַ, זענען די בעלי־בתים, צוזאַמען מיט די אַרבעטער, געווען באַשעפטיקט ביים אויסאַרבעטן די לעדער. דער אָפּזאַץ־מאַרק איז געווען לאָדזש און אומגעגנט, ווי אויך רוסלאַנד. מען האָט געפירט לעדער קיין לענטשנע, צום יערלעכן יאַריד, וועלכער איז געווען באַרימט איבער פּוילן און רוסלאַנד. אַרום די גאַרבערייען זענען געווען סוחרים פון רויע פעל, אויסצואַרבעטן די לעדער. מעקלערס — אַ פאַרצווייגטער, ווירטשאַפטלעכער עלעמענט. איצט די שוסטער־ און שניידער־וואַרשטאַטן. טאַנדעטנע (קאָנפעקציע), „זמאַוונע" (אויף באַשטעלונגען); רימענס צו פערד־און־

וואָגן, קירזשנערס, היטל־מאַכערס, שטריק־דרייערס. געווען אויך אַ שבט פערד־הענד־לערס, בעלי־פּרנסה, וואָס האָט אַרומגענומען אַ סך משפּחות.

איך וויל זיי ווידמען אַ פּאָר שורות. איך פּיל, אַז מ׳איז קענן זיי באַגאַנגען אַן עוולה אין יענער צייט. פערד־הענדלער האָט מען באַצייכנט אַזאַ איינעם מיט נישט קיין יחוס־דיקער באַשעפטיקונג. זיי זענען סיי זומער, סיי ווינטער, שטענדיק געווען אויף ווייטע נסיעות, אויף יאַרידן. מ׳איז אויסגעשטאַנען פאַרשיידענע איבעראַשונגען. מ׳האָט אַמאָל נישט געקאָנט פאַרקויפן די סחורה, האָבן זיי זיך באַקלאָגט: „פערד, לעבעדיקע באַשע־פעניש, ווילן עסן. זיי עסן מיר אָפּ די ביינער". די פּויערים, ביים איינהאַנדלען אַ פערד צו זייער ווירטשאַפט, האָבן שוין געהאַט זייער פאַרטרויאונג־ייד.

איצט — די בהמה־סוחרים. ועל כולם, די אָרטיקע סוחרים פון אַלע לעבנס־אַרטיקלען — מאַנופאַקטור, אייזן, צעלניק. בעקערייען? כמעט אַלע געאַרבעט דערביי אַליין, אָדער מיט דער משפּחה און פאַרקויפט דאָס ברויט און די חלה. געווען אויך תבואה־סוחרים און דאָרפגייערס. גרעסערע — געהאַנדלט מיט די פּריצישע הויפן: צוגעשטעלט די סחורה פאַר זייערע באַדערפעניש און אָפּגענומען פון זיי ווייץ, קאָרן, אינוועטאַר, אַרענדירט זייערע פּרוכטן־סעדער און אַרויסגעהאָלפן מיט הלוואות, הן מיט סחורות, הן מיט מזומן. און מיין זיידעס הויף — אַ ברויערײ — באַרשטש און מאַלץ־ביר, מיט אַלע איינריכטונגען לויט יענער צייט. און יעדער פאַבריקאַנט שאַפט אַ טייל רוישטאָף אויף אייגענע פעלדער, ווו ס׳וואַקסט גערשטן צו פּראָדוצירן מאַלץ־האָפּן. קעלערס צו קאָנסערווירן. דאָס אייז האָט מען ווינטער געהאַקט פון טייך און פון די אַרומיקע אָזיערעס. מולערס האָבן געאַרבעט ביים איינפאַסן דאָס אייז אין דער לאַדאָווניע, אין סימעטריש־גלייכע בלאָקן. ווען מ׳איז אין חודש תמוז, אין די גרויסע היצן, אַראָפּ אין די קעלערס, האָט מען זיך געמוזט אָנטאָן אין ווינטערדיקע בגדים.

מיין פאָטער ע״ה, חוץ זיין גאַרבערײ, איז געווען דער ביר־מייסטער. שפּעטער דאָס איבערגעגעבן מיין ברודער זישען. אין הויף, אַרומגערינגלט מיט די געביידעס פון דער ברויערײ, האָבן געוווינט די נאָענטע משפּחות, ווי אויך מיר, אין באַקוועמע, געמויערטע, און אויך הילצערנע געביידעס. די אַרבעטער — לרוב פּאָלאַקן. אָבער די גאַרבערייען און אַנדערע שטאָטישע וואַרשטאַטן, זענען באַשטאַנען פון יידישע בעלי־בתים און יידישע אַרבעטער. אַלע בעלי־בתים — חסידישע, פון פאַרשידענע רביים־דינאַסטיעס, אויך אַ טייל פון די אַרבעטער, חסידישע, אָבער כמעט אַלע רעליגיעזע.

אונדזערע מלמדים

אין יענע באַדינגונגען און תקופה, האָט דאָס רעליגיעזע לעבן אויסגעפילט די שבתים, יום־טובים און די וואָכנטעג. די חדרים — פאַר די ייִנגלעך, און די „רביצינס״ — פאַר די מיידלעך. מיינע מלמדים, זייערע ווייבער די רביצינס, ווי די צוגאָב־פּרנסות — אַלץ אין דער זעלבער וווינונג, אָדער אין זעלבן חדר. מיין ערשטער רבי, דער דרדקי־מלמד, האָט צוגעהאַנדלט מיט וואַפנע, קאַלעך. שלמה־לייב חומש־מלמד און משנה — זיין ווייב די רביצין האָט אויסגעאַרבעט גאַרטלען פאַר פּויערים און געפאַרבט די וואָל און פלאַקס. מיר האָבן זייער ליב געהאַט זיך צוצוקוקן און אַמאָל מיטהעלפן.

שלום ספּאַניק האָט אויך פאַרקויפט ספרים, טליתים. ער איז געווען אַ טריסקער חסיד. פאַרן טריסקער שטיבל, האָט מיין פאָטער געגעבן דעם פּלאַץ, די איינריכטונג און די הוצאות. ער איז נאָך געווען אַ חסיד פון טריסקער מגיד זצ״ל און בעל־תפילה אינעם שטיבל. איך און נאָך ייִנגלעך מיט קלינגענדיקע שטימעלעך, זענען אין די ימים־נוראים געווען זיינע משוררים: לייבל, אפרים, אויך טריסקער חסידים. מיט וואָס זיין פאָטער אפרים האָט זיך באַשעפטיקט, געדענק איך נישט; נאָר איך געדענק, אַז שמחת־תורה, ווען מ׳האָט געטאַנצט מיט די הקפות, האָט ער פאַרמאַכט זיינע אויגן און התלהבותדיק געזונגען, צוגעפייפט מיט די פינגער אין מויל. מיר, קליינוואַרג, האָבן מיטגעזונגען פריילעך, ביז מיר זענען מיד געוואָרן, האָט אויך אפרים זיך אָפּגעשטעלט. מיר ייִנגלעך האָבן אָפּגעמאַכט, כדי זיך נישט אָפּצושטעלן פון מידקייט, אַז מ׳זאָל דאָס מאַכן אין צוויי טיילן. ווען איין טייל וועט זינגען, זאָל די צווייטע גרופּע שווייגן. מיר זענען טאַקע מיד געוואָרן, אָבער ר׳ אפרים נישט. ביי אים האָב איך געלערנט זעקס זמנים, דריי יאָר, אָן פאַרשריט. קיין צווייטע פּרנסה האָט ער נישט געהאַט. ער האָט פּרובירט שדכנות, אָבער אָן מזל. געווען אַ בטלן. ער האָט, נעבעך, באַהאַלטע־נערהייט געמוזט אַוועק קיין אַמעריקע, די הוצאות צונויפגענומען ביי די חסידים.

דערנאָך האָב איך געלערנט ביים גרויסן, באַרימטן מלמד יענקעלע פישמאַן. געווען ביי אים נאָר פיר געציילטע תלמידים. (זיינס אַן אייניקל געפינט זיך אין ישראל און איז אין אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט). די רביצין מיט די טעכטער האָבן געהאַט אַ בעקעריי. איך האָב נישט ליב געהאַט דעם רבין. ער איז געווען אַ קורצזיכטיקער, אויך איך בין אַ קורצזיכטיקער. אַ באָרד האָט ער געהאַט, אַז מ׳האָט קיין פּנים נישט אַרויסגעזען. אויך די האָר פון זיין באָרד האָבן מיר נישט געשמעקט. ער האָט נישט געוואָלט פאַר־לירן זיין שכר מלמדות, איז ער פון צייט צו צייט געקומען מיר געבן דעם שיעור. מער ווי איין ווינטער, דעם זמן, האָב איך נישט געוואָלט דעם אָנגעזעענעם רבין מיט די קורצזיכטיקע אויגן און גרויסער באָרד — און איך האָב באַקומען אַ „פאַרשטאָפּטן קאָפּ״.

כ'בין איבערגעגאַנגען צום מלמד משה נח'ס. זיין זייטיקע פּרנסה — אַ שטעפּער, געניייט כאַלעוועס פאַר די שוסטערס, און טיילווייז אויך אַ שדכן. דווקא ביי אים האָב איך באַקומען אַן „אָפענעם קאָפּ" און אָנגעהויבן פאַרשטיין דאָס לערנען טיפער און ליב באַקומען דעם „פּילפּול". ביים לערנען האָט מען זיך צייטנווייז פאַרווײלט. אַזוי ווי אין דער פרייער צייט האָט ער געמוזט אַרבעטן ביי זיין פאַך, שטעפּעריי, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן ביים געבן אונדז דעם שיעור — און מיר האָבן אים געלאָזט שלאָפן. ער און זיין משפחה האָבן שפּעטער עמיגרירט קיין אַמעריקע.

פון משה נח'ס, בין איך אַריבערגעגאַנגען אין דער ישיבה, וועלכע האָט זיך געפונען אין די זייטיקע חדרים אין דער שיל. אין אָנהייב האָט מיט אונדז געלערנט אברהמל קאַלכאַוויצער אַ דף, דערנאָך האָב איך געלערנט ביים באַרימטן מלמד ישעיה מאיר. ער האָט יעדן טאָג געגעבן אַ שיעור. בייטאָג האָט מען זיך איינגעחזרט און יעדער האָט געפרעגט זיינע שאלות. צומאָרגנס האָט ער פאַרגעזעצט זיין וויכטיקן שיעור. ער איז געווען אַ גרויסער פּעדאַגאָג.

פאַר אויסערלעכע לימודים, ווי רוסיש, פויליש, יידיש און חשבון, איז אין שטעטל געווען אַ לערער דוד צוקער. זיין פאָטער איז אַמאָל געווען אַ פאַרמעגלעכער בעל־הבית, מיט פיל קינדער, וואָס זענען זיך צעפאָרן אין דער גרויסער וועלט, אויך זיך געלערנט. דוד צוקער איז נאָך אַ צייט צוריק געקומען אין שטעטל פון אַמעריקע, אָבער אָן דאָלאַרן. האָבן ער און זיין פרוי געעפנט די „שול" ביי זיך אין וווינונג, וווּ זיי האָבן געלערנט אַ „שורה גריזל", שרייבן אַ בריוו פון אַ בריוונשטעלער, ווי אויך אַן אַדרעס אויף רוסיש. פויליש האָבן זיי געלערנט אין געהיים, ווייל דאָס איז געווען פאַרבאָטן. איך האָב ביי אים פאַרענדיקט מיין „אוניווערסיטעט" און אָפּטמאָל געוואָרן אַ באַרימטער בריוונשרייבער פאַר די ווייבער, וואָס האָבן געהאַט זייערע מענער אין אַמעריקע. איך דערמאָן זיך ווי העניע, לייבל זיסל'ס מוטער (זי האָט געהאַט אַ זון שלמהלע), האָט זיך צעוויינט, ווען כ'האָב איבערגעלייענט וואָס כ'האָב פאַר איר געשריבן: „אוי וויי, פון וואַנען האָסטו געוווּסט וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין האַרצן?"

די בית־מדרש־בחורים האָבן געהאַט פלינקע קעפּ און אַליין געלערנט חשבון, לשון־קודש, טיילמאָל — אַפילו פרעמדע שפּראַכן. איינער האָט אויך געלערנט דעם צווייטן.

אַליינלערנערס

איך וויל דערציילן וועגן עטלעכע בחורים, אַליינלערנערס:

אהרון אברהם משה'ס ספּיר, מיינער אַ קוזין. אויסער דעם וואָס ער איז געווען

א גוטער לערנער, האָט ער אויך געקענט עברית מיט דיקדוק, פויליש, רוסיש, דייטש און בוכהאַלטעריע. צו דעם איז ער אויך געווען א גוטער שאַכמאַטיסט.

הירשל שטיגליץ, שפּעטער מיין אינטימער חבר. זיין פאָטער, שמואל שטיגליץ, איז געווען א גאַרבער, אַליין געאַרבעט און אויך די קינדער. הירשל האָט געהאַט א גוט קעפּעלע, האָט מען אים געלאָזט ווייטער לערנען אין בית־מדרש. ער איז געווען מיט עטלעכע יאָר עלטער פון מיר, באַליבט ביי די בעלי־בתים און ביי די לערנערס. ווען מען האָט געדאַרפט א ספר און זיך נישט געקאָנט אָריענטירן אינעם ים ספרים אין גרויסן בית־מדרש, האָט מען זיך געוואָנדן צו אים. האָט ער שנעל אַרויפגעקלעטערט צו די פּאָליצעס מיט די ספרים און גלייך געפונען. זיין פאָטער איז נישט געווען פון די לומדים, אָבער א חסיד פון כעלעמער רבי, וואָס האָט געקענט דעם עילוי הירשלען. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־קריג, און אין די גאַרבערייען זענען אַר־בעטער געווען א יקר־מציאות, האָט אים דער פאָטער גענומען צו דער אַרבעט. דער כעלעמער רבי, דערוויסנדיק זיך דערפון, האָט אים אַריינגעשיקט א וואַרענונג־בריוו און פאָדערונג „למען השם דעם עילוי באַפרייען פון דער אַרבעט אין דער גאַרבעריי און אים צוריק שיקן אין בית־מדרש לערנען, ווייל ער וואַקסט א גאון״. דער פאָטער האָט געפאָלגט דעם רבין. שפּעטער, נאָך דער מלחמה, באַגעגענען מיר א גאַנץ אַנדערן הירשל, א „פרייען״, אויס לערנער, אָבער א מתמיד אין אַנדערע לימודים. ער האָט גרינטלעך געקאָנט שפּראַכן, צווישן זיי — אויך ענגליש. גוט געקענט מאַטעמאַטיק. חוץ דעם, איז ער געווען דער בעסטער שווימער. שטענדיק געוווינען אין די פּאַרמעסטן. דער ספּאָרט איז געווען א „יחוס״. זומער, פרייטיק, האָט כמעט דאָס גאַנצע שטעטל זיך געבאָדן אינעם קעסל־טייך ביי מאַטיס סאַפּירס לאָנקע. די מענער — אדם־נאַקעט, און די פרויען, גאַנץ ווייט, אין העמדער.

דאָקעגן גליטשן זיך אין ווינטער און דאָס לאָזן פליִען טויבן, איז שוין נישט געווען אַן ענין פון די לערנערס. אָבער יעדעס ייִנגל האָט ליב געהאַט דאָס צו טאָן, טראָץ דעם פאַרבאָט פון די עלטערן. פרומע לייט פלעגן מיט נישט איבעריקן לויב אַזאַ איינעם אָנרופן: א גליטשער, א טויבן־כאַפּער.

די מיידלעך האָבן נישט געלערנט אין די חדרים און נישט אין קיין בית־מדרש. זיי האָבן געהאַט א רביצין, וועלכע האָט זיי געלערנט דאַווענען, שרייבן און לייענען די צאינה־וראינה. נישט אַלע ווייבער האָבן געהאַט די מעגלעכקייט דורכצוגיין אַזאַ „אוניווערסיטעט״. האָבן זיי טאַקע נישט געקאָנט דאַווענען און לייענען, דעריבער נאָכ־געזאָגט די קענעריגס דאָס דאַווענען אין שיל, ווי דאָס לייענען די צאינה־וראינה און א מעשה־ביכל. איך דערמאָן זיך תשעה־באב, ווי די מענער אין די בתי־מדרשים, שיל

און חסידים־שטיבלעך, זיצן אין די זאָקן אויף די איבערגעדרייטע בענק, נידעריק און קלאָגן מיטן איכה־ניגון „איכה ישבה״. און אין די היימען? איך זע נאָך דאָס בילד, ווי מיין מאַמע ע״ה זיצט אויף אַ נידעריק בענקעלע, אַרומגערינגלט מיט שכנות און דינסט־מיידלעך און לייענט אויף יידיש פון דער צאינה־וראינה, וועגן דעם חורבן בית־המקדש און די פייניקונגען פון טיטוס הרשע. די געוויינען און העשערייען פון די צוהערערינס רירן אַלעמען. מיין מוטער מוז זיך אַלע מאָל אָפּשטעלן, כדי ווייטער קאָנען לייענען וועגן חורבן. און די ווייבער האָבן געוויינט, גלייך דער חורבן וואָלט געשען ערשט נעכטן...

שבתים און יום־טובים

ווי האָט אויסגעזען דער ערב־שבת אָדער ערב יום־טוב אין שטעטל? בעצם, האָט ערב־פסח געהייסן אַ גאַנץ יאָר, פונקט ווי ערב־שבת האָט געהייסן די גאַנצע וואָך, ווייל צו זיי האָט מען זיך געגרייט טעג, וואָכן און חדשים.

שוין נאָך שבועות, האָט מען אין זינען געהאַט איינצולייגן אין גאַנשערס קאַרשן, וויינפּערלעך, שפּעטער — פלוימען. חנוכה האָט מען אויסגעלאָזן גענדזן־שמאַלץ אויף פּסח. נאָך פּורים האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער אמתער ערב־פּסח יריד. מען האָט פאַרווערט צו עסן חמץ אין די בעטן און געגרייט נייע מלבושים און שיך לכבוד פּסח.

איך געדענק, ווי מיין מוטער ע״ה, האָט באַלד נאָך פּורים אונדז געשיקט צו חיה־איטען (לייבל אלקאַנס ע״ה מוטער), אין שניט־געשעפט איינצוהאַנדלען סחורה פאַר קאַפּאָטקעלעך און אַנצוגלעך.

ס׳וואָלט פאַרנומען צו פיל אָרט אויסצורעכענען אַלע יום־טובים און ערב יום־טובים, צי יעדער יום־טוב מיט זיינע מנהגים. שבועות געדענקט זיך גוט מיטן גרינס און אקדמות; און גאַנץ באַזונדערס האָבן זיך איינגעקריצט די ימים־נוראים; דאָס גיין צו סליחות; די מורא, אַז אַפילו די פיש אין וואַסער ציטערן; און דאָס דאַווענען; אין שיל — אַ חזן מיט אַ כאָר. אַלס קינד האָב איך נישט אָפּט געהאַט די געלעגנהייט זיי צו הערן זינגען און דאַווענען, ווייל כ׳בין געזעסן אונטערן טלית ביי מיין זיידן אהרון צוקערמאַן, אָדער ביי מיין טאַטן ע״ה, אין טריסקער שטיבל, וואָס מיין פאָטער האָט איבערגעגעבן צום דאַווענען. אָבער איך קען די אַלע חזנישע „שטיקלעך״, זינג זיי אויס אַזוי, אַז אַפילו אין עזרת נשים קלינגט עס אָפּ...

מיין שטאָם

ווען איך בין געבוירן געוואָרן ו׳ בטבת תר״ס (דעם 20 דעצעמבער 1900), האָט מען מיר אַ נאָמען געגעבן שמואל־שלמה, נאָך מיין עלטער־זיידן שמואל שלמה ספיר. ער האָט שוין צו יענער צייט געהאַט אַנגעזאַמלט אַ פאַרמעגן צו קאָנען געבן זיין זון, מאַטיס ספיר — אַ ברויעריי מיט אַ הויף, ווו מיר מיט אַנדערע מומעס־פעטערס האָבן געוווינט. ס׳זענען דאָרט געווען אַלע איינריכטונגען, מיט קעלערס פאַר אייז, וועלכן מ׳האָט זיך געמוזט איינשאַפן ווינטער־צייט. ס׳זענען געווען פעלדער, וועלדער, וואַסער האָט מען געצויגן פון טייך, וואָס האָט טאַקע געהייסן מאַטיסעס טייך. און ביים קלויס־טער — מאַטיסעס לאָנקע. מ׳האָט דאָרט געטרוקנט מאַלץ און האָפּן. מיין פאָטער, אויסער זיין גאַרבעריי, איז אויך געווען ביר־מייסטער, שפּעטער — אויך מיין ברודער זישע. אַנטקעגן דעם הויף פון דער ברויעריי, וואָס דער עלטער־זיידע האָט געגעבן דער טאָכטער, איז דאָרט געווען אַ הויף פאַר אַ גאַרבעריי און שטאַלן פאַר בהמות. אין אַנדערן עק שטעטל, אַריינקומענדיק פון פאַרצעוו, האָט זיך געפונען דער הויף פון אברהמטשע לייבעלעס. ער האָט געהאַנדלט מיט די גרויסע פריצים. ביי דער זייט איז געווען די שטאָטישע אַפּטייק. אויך אַנדערע גרויסע, געמויערטע הייזער, ווו די אַלטע גיטע, די מוטער פון ירחמיאל־אַלטער באַרבאַנעל, האָט געהאַט, אויסער דעם פראָנט־מויער, אַ הינטערשטע מויער ביי דער לעוואַרטאָווער גאַס. זי האָט ירחמיאלן געגעבן אַ גרויס גאַלאַנטעריע־געשעפט, און פאַר דעם זון אַלתר — אַ שניט־געשעפט. זיי האָבן געהאַט קונים אויך אויסער דער שטאָט, ווי די פריצים און פויערים פון דער סביבה. ס׳איז אויך געווען די שענק פון אברהם משהס ספיר (זייער אייניקל איז לייבל אַלקאָן).

ס׳זענען אויך געווען איינפאַר־הייזער. משה בערס, הירשל באַשעס, אברהמטשע פייערשטיינס עלטערן. דער הויף האָט געהאַט אַ שיינעם איינפאַר־טויער, אַנטקעגן דעם מאַגיסטראַט.

ועל כולם די פּרעכטיקע שיל, מיטן קופּאָל, מאָלערייען און קינסטלערישן ארון־קודש.

סך הכל איז עס ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַן איינגעאָרדנט שטעטל, מיט פאַרשיידענע שיכטן און מענטשן: לערנערס, אַרבעטער, סוחרים, האַנטווערקער, בעלי־עגלות, דאָרפסהענדלערס. די יידן האָבן געוווינט אין צענטער שטאָט. דאָס עקאָ־נאָמישע לעבן צווישן יידן און קריסטן איז געווען איינגעשטעלט, ווי איינס, ווייל געבונדן מיט אַרבעט און האַנדל. די באַציונגען זענען געווען נאָר אויפן ווירטשאַפט־לעכן געביט. אָבער ווי אויף אַ ווייטער פּלאַנעט, איז געווען דאָס רעליגיעזע לעבן: די יום־טובים, חגאות, מינהגים, עסן, קליידונג, וואָס איז געווען אינגאַנצן אַנדערש.

מ׳האָט דערקענט דעם גוי און דעם ייד פון דער ווייטנס. עס האָבן געטראָפן פאַלן, ווען אין אַ מאַרק־טאָג האָבן שיכורע גויים, צוליב וועלכער ס׳איז סיבה, און בדרך כלל — אָן אַ סיבה, אָנגעהויבן שלאָגן יידן. נאָר ביי די יידישע שטעלן אויפן מאַרק, האָבן זיך שטענדיק געפונען יידישע גיבורים, וואָס האָבן זיי איינגעשטילט — און די כוליגאַנעס זענען זיך צעלאָפן.

איניקע גיבורים וועגן וועלכע מען האָט דערציילט, זענען געווען אליהו „אָגער״ און דוד „רימער״, אָרנטלעכע, אַרבעטזאַמע מענטשן. איך האָב קיינמאָל נישט געזען, זיי זאָלן ווען אויסניצן זייער גבורה פאַר אוואַנטורעס.

די ערשטע וועלט־מלחמה

דעם 14טן אויגוסט 1914, ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה. דאָס לעבן ווערט פאַראַליזשירט. אויך אונדזער שטעטל איז נישט קיין אויסנאַם. עס באַווייזן זיך „פּאָלי־טיקערס״, „נביאים״ אין בית־מדרש און אין די חסידים־שטיבלעך, אויך אין גאַס. אַ טייל זענען „רוסן״, די אַנדערע — „דייטשן״. פאַר די קרעמערס פון עסנוואַרג איז אַ מחיה. נאָר די גאַרבערייען בלייבן פאַרמאַכט און אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם צווייג. דער רוסישער צאַר דערקלערט אַ מאָביליזאַציע ביז 48 יאָר. עס ווערן מאָביליזירט יידן און קריסטן. אויך די פערד און וועגענער. די וואָס פאַרמאָגן קופּער, מוזן עס איבער־געבן דער מדינה. ווער האָט אין יענער צייט נישט פאַרמאָגט קיין קופּערנע כלים? ס׳גייט אַרויס אַ פאַרבאָט צו פאַרקויפן און אויסצואַרבעטן אַלקאָהאָל־געטראַנקען. דעם זיידנס מאַטיסעס ברויעריי איז פאַרמאַכט. ער מוז די קופּערנע קעסלען און כלים איבער־געבן פאַר דער אַרמיי. די אַרבעטער פון דעם הויף נעמען אַרויס די איינגעמויערטע קעסלען מיט די ספּעציעלע איינריכטונגען און פירן זיי אַוועק צו דער באַן־סטאַציע אין פאַרצעווע. מען וועגט אַלץ אָפּ און מען שטעלט פעסט דעם פּרייז פון יעדער לאָדונג. ער קריגט אַ „קוויטאַנציע״, אַז נאָך דער מלחמה וועט דער צאַר אַלץ באַצאָלן...

די ערשטע צייט האָבן די רוסן גרויסע נצחונות. עס באַווייזן זיך ביי אונדז אין שטעטל עסטרייכישע און אויך יידישע קריגס־געפאַנגענע. טאָג און נאַכט מאַרשירן מיליטערישע פּולקן מיט אָרקעסטערס, וואָס שפּילן מאַרשן און זינגען „מאָרגן זענען מיר אין בערלין און הוליען״.

אַלע „פּאָליטיקערס״ און „נביאים״ זאָגן פאָר, אַז מער ווי אַ חודש וועט די מלחמה נישט אָנהאַלטן. עס גייט אַוועק מער ווי אַ חודש־צוויי־דריי. די מלחמה ברייטערט זיך אויס. די רוסישע אַרמיי ווערט צעקלאַפּט. די דייטשיש־עסטרייכישע אַרמייען אַטאַקירן און גייען אַריבער די רוסישע גרענעץ. די אַרמיי פאָדערט אַ סך עסן, מלבושים, שטאָל,

שוין אָפּגערעדט — געווער. אַלע צווייגן פון דער ווירטשאַפט ווערן אויפגעלעבט. איבערהויפּט די גאַרבערייען און שוסטער־וואַרשטאַטן. יעדער אַרבעטער איז מיט גאָלד צוגלייך. אַלע פּרייזן שטייגן. אין די וואַרשטאַטן הערט זיך אויפסניי דאָס זינגען אַרבעטער־לידער, ראש־השנהדיקע תפילות, מאַרשן. די „צדדים" אין שטעטל: רוסן — דייטשן. דער פעטער אברהם משה איז אַ „רוס", ער וויל נישט די דייטשן. מיין פאָטער ע"ה, מיט אַ „מאַפּע", ווייזט אויף לויט דעם דייטש־עסטרייכישן מאַרשרוט, אַז רוסלאַנד וועט פאַרלירן, איר מפּלה וועט זיין „מן השמים", צוליב די אַנטיסעמיטישע גזירות און דעם בייליס־פּראָצעס.

אַז רוסלאַנד האָט טאָג־טעגלעכע מפּלות אויפן פראָנט, טאָ ווער איז שולדיק? פאַרשטייט זיך, אַז נאָר די יידן. זיי זענען שפּיאָנען, גיבן איבער די סודות דעם שונא. אַ באַווייז? דער פּיאַטריקאָווער רב איז געשטאַנען אויפן באַלקאָן, פאַרוויקלט אין אַ ספּעציעלן מלבוש און מיט מכשירים סיגנאַליזירט צום שונא — און דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן מיט הענגען.

אין אַלע שטעט און שטעטלעך ווערן אַרויסגענומען די חשובסטע בעלי־בתים אַלס ערובניקעס און אָפּגעשיקט קיין טיף רוסלאַנד. דער שונא דערנענטערט זיך צו אונדזער געגנט. אין די שטילע פרימאָרגנס הערט זיך דער אָפּהילך פון די האַרמאַטן. מיין פאָטער ע"ה, ווי אויך שכנים־קריסטן, לייגן צו אַן אויער צו דער ערד און לויט דעם אָפּהילך פון די אויפרייסן, ווייסן זיי ווער עס אַטאַקירט. דער זיידע מאָטיס און אַנדערע חשובע בעלי־בתים פאָרן אַוועק פון שטאָט. דער זיידע באַגלייט מיין פאָטער אויף צו דינגען אַ דירה אין לובלין. זיי בלייבן אין דער דירה, כדי ברענגען אַהין דעם באַגאַזש. נאָר לובלין ווערט פאַרנומען איידער מען האָט באַוויזן צו ברענגען די זאַכן.

דער פראָנט איז שוין ביים שטעטל. אויף דער מאַפּע איז אָסטראָווע באַצייכנט ווי אַ סטראַטעגיש אָרט, מיט איר גרויסן טייך טישמיניצאַ און שאָסיי. עס קומען אָן מיליטערישע איינהייטן, אָבאָזן, בהמות און פיל היימלאָזע משפחות.

דאָס הויז פון זיידע מאָטיס ווערט רעקוויזירט דורך דעם מיליטערישן שטאָב. מען פאַרפעסטיקט זיך. ערגעץ־ווייט פאַרשטעלט מען דעם טייך מיט זעק זאַמד. אויפן שאָסיי אַרבעטן געברענגטע סיביריאַקעס, מיט נידעריקע פערדלעך. עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז צוליב סטראַטעגישע טעמים וועט די שטאָט ווערן אונטערגעצונדן. אַלע גאַרבערייען דאַרפן אַוועקגעבן זייערע אויסאַרבייטונגען, אָדער זיי זאָלן זיך עוואַקואירן קיין רוס־לאַנד. מען גרייט זיך צו עוואַקואַציע. מיין פאָטער האָט נישט קיין חשק. ער ווייזט אויף דער מאַפּע, אַז סטראַטעגיש, וועט דער דייטש דערגרייכן אויך דאָרט ווו מיר האָבן בדעה זיך צו עוואַקואירן — קיין מינסק.

בלית־ברירה פאַרפּאַקן מיר די אויסגעאַרבעטע לעדער, ווי אויך די באַגאַזשן פון מיינע חתונה־געהאַטע ברידער, גרויסע רייכע „וויפּראַזוועס”, וואָס ווערן עקספּעדירט צו דער פאַרצעווער סטאַציע.

מיר פאַרלאָזן דאָס שטעטל

אין אַ הייסן זומער־טאָג, אויגוסט 1915, גייט אַרויס אַ באַפעל: אַלע יידן מוזן פאַר־לאָזן דאָס שטעטל. עס באַווייזן זיך אָפּטרעטנדיק מיליטער און היימלאָזע. זעלטן מען קריגט אַ פערד און וואָגן. נעמט מען מיט זיך די נייטיקסטע זאַכן. אויך מיין פאָטער וויקלט אַרום זיין ספר־תורה, נעמט טלית און תפילין און אַ ביסל שפּייז.

אין פאַרצעווער וואַלד זעט מען יונג און אַלט, אויסגעמישט מיט הונדערטער וועגענער, פערד און בהמות. מיר קומען אָן קיין פאַרצעוו. דאָס שטעטל איז נישט בכוח אויפצונעמען אַזאַ מאַסן־אַנגעלויף, פאַרזאָרגן אַלעמען מיט נאַכטלעגערס. די משפּחה אונדזערע און נאָך שטעטלדיקע באַקומען אָן „אכסניה” אויפן בוידעם. פון דאַנען זעט מען דעם אָנהייב פונעם וואַלד. מיר טיילן דעם גורל פון די טויזנטער היימלאָזע.

ביינאַכט זעען מיר פון בוידעם דעם וואַלד באַלויכטן און מ'וויל טרעפן פון וואַנען אַזאַ „ליכטיקייט”. טייל זאָגן, אַז ס'זאָל, חלילה, נישט זיין דאָס פייער פון אָסטראָווע. פאַרטאָג קומען אָן די לעצטע אַנטלאָפענע יידן. אָסטראָווע איז טאַקע פאַרברענט צוזאַמען מיט דער פּרעכטיקער שיל, בית־מדרש, די ספרים. די ידיעה וואַרפט אָן אַ שרעק אויף אַלעמען.

מיר פאָרן ווייטער — קיין מעזריטש. נאָר אויף אייניקע טעג. די משפּחה זאַמלט זיך צונויף, מיט די קליינע קינדער. מיין מוטער איז מעוברת. עס קומען: מיין ברודער זישע, די שוועסטער ראַשע מיט די משפּחות. זיי ווילן זיך עוואַקואירן קיין מינסק ווו מען האָט שוין געהאַט אָפּגעשיקט דעם באַגאַזש.

מען פאַרקויפט אָבער נישט קיין באַן־בילעטן אַזוי נאָענט, נאָר ווייטער, טיף אין רוסלאַנד, ווייל קיין מינסק איז בלויז אייניקע הונדערט קילאָמעטער. נאָר ווער ס'האָט צו באַצאָלן מיט גאָלד־רובלס, קאָן האָבן די פּריווילעגיע. מיר קויפן די בילעטן פאַר דער גאַנצער משפּחה. די עלטערן, איך, מיין ברודער אברהם יוחנן, עלי, ביילע. מיר זיצן אויף דער סטאַציע מיט נאָך טויזנטער היימלאָזע און וואַרטן די באַן זאָל אָפּפאָרן, ווי אויך אויף די אַנדערע משפּחה־מיטגלידער, די ברידער, שוועסטער מיט די פאַמיליעס. פלוצלינג ווערט פינצטער. אַ באַפעל, אַז אַלע וואָס דאַרפן פאָרן, זאָלן אַריין אין די וואַגאָנען, ווייל ס'דערנענטערט זיך אַ דייטשער צעפּעלין. אין גרויס בהלה כאַפּט מען זיך אַריין אין די לאַסט־וואַגאָנען און אָפּפאָרנדיק אַ קורצע שטרעקע, הערט מען די

אויפרייסן אויף דער באַן־סטאַציע. אַנשטאָט אַ טאָג רייזע, שלעפּן מיר זיך טעג און נעכט, ווייל מען מוז דורכלאָזן דאָס מיליטער און די פאַרוווּנדעטע.

אין אַ אויגוסט־פרימאָרגן קומען מיר אָן אויף דער סטאַציע אין מינסק — אונדזער משפּחה מיט נאָך פאַמיליעס. צווישן זיי אָסטראָווער, אַמיינסטן גאַרבערס. אָבער די שוועסטער־ברידער מיט זייערע פאַמיליעס זענען געבליבן אין מעזריטש אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, אָן מלבושים, וועש.

מיר אַלע ליגן אויף דער גאַס, לעבן וואָקזאַל אין מינסק. מיין פאָטער מיטן ברודער אברהם פאָרן אין שטאָט זוכן אַ האָטעל, צי אַ וווינונג ווו צו נעכטיקן און זיך איינאָרדענען.

די אָרטיקע יידן שטעלן פראַגן אויף אַ מאָדנעם לשון — ליטוויש. פון ווו זייט איר? איר זייט הונגעריק? זיי באַדויערן אונדז. שפּעטער ווערן מיר אומגעדולדיק. ענטפערט שוין די מאַמע די „באַדויערערס״: „וואָס פרעגט איר אונדז און באַדויערט? שאַפט אונדז בעסער אַן אָרט, אַ ווינקל״. מיר, דעם יינגל, איז אַלץ אינטערעסאַנט, איך זע גאָר נייע זאַכן. איך פיל נישט קיין היימלאָזיקייט, נישט קיין זאָרג.

פאַרנאַכט קומען מיין פאָטער, ברודער און נאָך אָסטראָווער צוריק פון שטאָט. נישטאָ קיין וווינונגען, נישטאָ קיין האָטעלן, אַלץ איז פאַרפולט. דער „רעליף״ פירט זיי ווייזן דעם שול־הויף, פאַרפולט מיט טויזנטער היימלאָזע ווי מיר. די ריחות זענען נישט איבערצוטראָגן. בעסער אויף דער גאַס, איידער אין שול־הויף. יענקעלע גאַרבער, אַ פּשוטער מענטש, גייט פון שטוב צו שטוב זוכן אַ צימער — און געפינט. ער נעמט אַ פערד און וואָגן, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין די גאַסן און זאָגט צו דער פאַמיליע זיינער: „קומט!״ די פּעק לייגט ער אַרויף אויף דער פור. אונדזער משפּחה און אַנדערע אָסטראָווער פרעגן נישט, נאָר מען לייגט אַרויף די פּעקלעך ,און מ׳גייט נאָך דעם געשפּאַן. ס׳איז נישט ווייט פון דער סטאַציע דאָס שטיבל. מיר דערזען אַן עלטערע, דיקע פרוי. זי מאַכט געוואַלדן. „וואָס, אַזוי פיל מענטשן?״ אָבער מיר לייגן אַריין די זאַכן אין שטוב. איך באַזעץ זיך אויף די זאַכן און די יידענע מיט אירע געשרייען: „פרומע, מיט בערד און פּיאות, ווייבער מיט שייטלען — שלאָפן צוזאַמען?״ זי זידלט מיט די ערגסטע ווערטער. דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב דערפילט אונדזער היימלאָזיקייט. אמתע בעזשענצעס. איך בין אַריינגעפאַלן אין ספּאַזמעס.

מיר בלייבן זיצן אויף דעם געפּעק אַ גאַנצע נאַכט. גאַנץ פרי קומט אָן אַן אָסטראָווער, דאַכט זיך פּנחס וואלבערג, אַ גאַרבער און חסידישער ייד. ער שרייט: „וואָס, דאָ, אין מינסק? אין דעם גיהנום? קומט אינעם נאָענטן שטעטל קוידאַנאָוו״.

מיר פאָרן אַהין, דינגען אַן אכסניה פון צוויי צימערן. דאָרט געפינט זיך אַ רבי,

אַ ישיבה. מיין פאָטער און דער עלטערער ברודער פאָרן אָפּט קיין מינסק, ווּ די אַסטראָוועד האָבן זיך אָרגאַניזירט צו פאַרקויפן זייער סחורה. עס קומט אַ מעקלער, וואָס שאַפט אַ קונה אויף דער גאַנצער סחורה און באַשטימט אַ פּרייז. אַז ס׳קומט צום באַצאָלן, נעמט ער אַרויס אַ קוויטאַנציע. האָט מען זיך קעגנגעשטעלט. יענער האָט געסטראַשעט מיט פּאָליציי, אַז מ׳וועט רעקווירירן די סחורה, ווייל לעדער איז אַ מלחמה־אַרטיקל. די משפחות לאָזן נישט אַרויספירן די סחורה אומבאַצאָלט. צום סוף באַצאָלן זיי מזומן, אָבער רעקוויזיציע־פּרייזן.

מיר וווינען אינעם רואיקן שטעטל ביי אַ צוויי חדשים. אָבער נישט לאַנג איז שטיל אין קוידאַנאָוו. דער רוס טרעט אָפּ. דער פראָנט ווערט ווידער נאָענט. פּוילן איז שוין פאַרנומען. אַלע מאָל קומען פרישע היימלאָזע, אַנטלאָפענע פון די ברענענדיקע שטעט־לעך. מיר פאָרן צוריק קיין מינסק, פון וואַנען אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג איז עוואַקואירט; מיר געפינען אַ וווינונג מיט אַ סך צימערן. דאָרט האָט געוווינט אַ גענעראַל. צוויי פאַמיליע דינגען די שטוב. עס קומען אָבער אַ סך אַסטראָוועד, זיי ליגן אויף דער ערד, מיט די פּעק. דאָ גייט מיין מוטער צו קינד. ס׳איז געבוירן געוואָרן מיין שוועסטער ליבע. נאָך אַ היימלאָזע.

מיר דינגען אַ דירה אויף חודש־געלט. מ׳נעמט אַריין די פאַרפּאַקטע באַגאַזשן און מען וואַרט אַז די מלחמה זאָל זיך ענדיקן, מיר זאָלן קענען צוריק פאָרן. דער דייטש האָט זיך פאַרפעסטיקט נישט ווייט, צווישן באַראַנאָוויטש און מינסק. די מלחמה איז אַריבער אויפן מערב־פראָנט: בעלגיע־פראַנקרייך.

דער ווינטער גייט אַדורך. איך און מיין ברודער יוחנן ווערן העלדן צו שטיין אין די רייען נאָך ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן. מען מאַכט זאַפּאַסן פון דעם ליימיקן ברויט, וואָס נאָך עטלעכע טעג, איז עס אוממעגלעך צו עסן.

איך ווער אַן אַרבעטער

ערב פּסח. איך גיי אין שטאָט און באַמערק אַ צעטל: „ס׳איז נייטיק אַ יינגל צו דער אַרבעט״. כ׳גיי אַריין זיך אינפאָרמירן, ס׳איז אַן עסיק־פאַבריק. אַ יינגל צאָלט מען דריי רובל אַ וואָך, אַ דערוואַקסענעם — זעקס רובל. מען מוז אָבער גלייך קומען צו דער אַרבעט. ערב פּסח? די מאַמע וויינט. און דאָ — „מיין שלמהלע?״ איך גיי דאָך ערב פּסח אַרבעטן, הגם מיט שרעק. אַ קלייניקייט — איך אַן אַרבעטער. איך קום אהיים כמעט צום סדר, אין אָוונט. מיין פאָטער זוכט צו פאַרדעקן דעם טרויער, נאָר ס׳איז דאָך פּסח. ער פירט אַדורך דעם סדר מיט התלהבות, אַפילו דעם „מרור״ עסט ער מיט הנאה.

אויך חול המועד מוז איך אַרבעטן. ווייזט אויס, אַז כ'בין אים געפעלן. ער פרעגט מיך: „יינגל, האָסט אַ ברודער?" איך ענטפער: „יאָ, קיין עין-הרע דריי ברידער". „גרויסע?" „איינער אַ גרויסער, אברהם". „גוט, זאָל ער קומען צו דער אַרבעט. מיר וועלן אים צאָלן זעקס רובל אַ וואָך". שפּעטער איז שוין יוחנן, 12 יאָר אַלט, אַ שיין קינד, אויך ביי דער אַרבעט. מיר ברענגען אַריין אין שטוב 12 רובל אַ וואָך. מיט דער צייט העכערט מען דעם געהאַלט. אַנדערע אַסטראָווער, שלום קאָקס גע־צערטלטע קינדער, באַקומען אַרבעט אין אַ באַרשטן-פאַבריק. אויך גרשון, מלך קאַליכ־שטיינס יינגל, איז שוין מייסטער. איך האָב געענדיקט מיטן עסיק און לערן זיך אויס־אַרבעטן פאַרשידענע באַרשטן. מיין ברודער אברהם-ברוך, דורך אַ פּראָטעקציע פון דוד צוקער, באַקומט אַרבעט אין אַ פאַבריק פון עלעקטרישע באַטעריעס. ער פאַרדינט אַ סך מערער, נאָר קומט אַהיים שוואַרץ ווי אַ קוימענקערער. מיין פאָטער באַשטימט מען אַלס אויפזעער אין אַ שול פאַר פרומע, אָרגאַניזירט דורכן „רעליעף" פאַר די היימלאָזע. צווישן די פירערס פון „רעליעף", איז געווען קאַפּלאַן, וועמענס זון איז דערנאָך געווען פינאַנס-מיניסטער אין ישראל. מיט דער צייט פאַסט מען זיך צו, אין שטוב פאַרשווינדט דאָס געפיל פון „בעזשענצעס".

1917. איך אַרבעט אין אַ צימער ביי די באַרשטן. איך הער קולות פון גאַס: „הורא"! דער באַלעבאָס קומט אַריין און דערציילט בסוד: „איר ווייסט? מען זאָגט אַז מען האָט אַראָפּגעזעצט דעם קייסער צאַר ניקאָליי". פרעג איך: „ווער? די סאָ־ציאַליסטן?" ביי אונדז אין שטעטל האָב איך געהערט, אַז אין פינפטן יאָר זענען געווען „סאָציאַליסטן", „ציוניסטן" און מ'האָט דערביי אָנגעוויזן מיט חוזק אויף איי־ניקע מענער און פרויען, אַז זיי ווילן אַראָפּזעצן דעם קיסר. וועגן טאָבע-פראַדל, די שפּעטערדיקע גבירטע האָט מען דערציילט, אַז זי האָט מיט אַ רויטער פאָן אונטערן פאַרטעך געשריגן: „נידער מיטן קיסר".

איך ווער מיטגעריסן מיט דער פרייד פון דער רעוואָלוציע, הגם איך פאַרשטיי נישט דעם באַדייט. דער עיקר — מיר הייבן אָן אַרבעטן 8 שעה אַ טאָג. ס'איז דאָ פרייע צייט. אויף די גאַסן און פּאַרקן זענען אויפגעשטעלט אַ סך בינעס. אַזוי ווי איך אָריענטיר זיך ווינציק, איז יעדער רעדנער ביי מיר גערעכט, ווי זייערע רוסישע, ווייסרוסישע און יידישע פּאַרטייען. פון די לעצטע פּאַרלאַנגען אייניקע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אויטאָנאָמיע. די ציוניסטן — אַז אייגן פאָטערלאַנד אין פּאַלעסטינע. יידן זענען איצט גלייך מיט די רוסן. אין פּעטערבורג הייבט אָן צו דערשיינען אַ יידישע צייטונג, אונטער דער רעדאַקציע פון יצחק גרינבוים. איך „שלינג" די אַרטיקלען פון דער צייטונג.

איך ווער אַ מיטגליד אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק. די ביבליאָטעקאַרין דער־לאַנגט מיר אַ קאַטאַלאָג. וועלכן בוך זאָל איך מיר הייסן געבן? איך הייב אָן פונעם ערשטן אות — א. אַבראַמאָוויטש, מענדעלע מוכר ספרים. שפּעטער גיי איך אויף אָוונט־קורסן. מען פאַרהערט מיך — איך לייען און שרייב גוט יידיש. מען גיט מיך אַריין אין העכסטן קלאַס, מיט דער באַוווּסטער לערערין אסתר פרומקין. שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן איר „יחוס" — אין דער ווייסרוסישער רעפּובליק איז זי געווען בילדונג־מיניסטער. זי און איר חבר, ביידע זענען פון „בונד" אַריבער צו די „רויטע" — און די באָלשעוויקעס האָבן זיי שפּעטער דערהרגעט ווי קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן.

עס קומט נאָך אַ רעוואָלוציע, די באָלשעוויסטישע, זי וואַרפט אַראָפּ די קערענסקי־רעגירונג מיטן לאָזונג: „ברויט און שלום". אין לאַנד ווערט אַ כאַאָס. די דייטשן ווילן זייער שלום, זיי נוצן אויס דעם כאַאָס — און מיר זענען שוין אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע. אויס פּאַרטייען, אויס דיסקוסיעס.

די דייטשן ליידן גרויסע מפּלות אויפן מערב־פראָנט. אויך אין דייטשלאַנד קומט פאָר אַן איבערקערעניש. דער קייסער ווילהעלם רעזיגנירט פון טראָן.

רוסלאַנד איז אויפגערודערט. דאָרט הערשן פאַרשיידענע באַוואָפנטע באַנדעס. אין אוקראַינע קומען פאָר פּאָגראָמען אויף יידן. קיין מינסק דערנענטערט זיך די באָלשע־וויסטישע אַרמיי און פאַרנעמט דאָס אָרט פון דער דייטשישער אַרמיי, וועלכע גיט זיך אונטער אָן ווידערשטאַנד.

אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג 1918, באַווייזט זיך אַ גאַסט פון מאָסקווע — יענקעלע ירחמיאלס באַרבאַנעל. ער ברענגט „פינצטערע בשורות", אַז ווי נאָר די באָלשעוויקעס קומען אַריין אין אַ שטאָט, נעמען זיי צו, אויסער די פאַרמעגנס, אויך די פרייהייט ביי אַ סך מענטשן. אַלע יונגע מענער שיקן זיי גלייך אויפן פראָנט צו שלאָגן זיך מיט די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן. דעריבער, זאָלן אַלע אין מיינע יאָרן אַוועק קיין פּוילן.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, שייד איך זיך מיט מיין שטוב און פאַמיליע — און מיט נאָך יוגנטלעכע אָסטראָווער, פאָרן מיר צוריק קיין פּוילן.

אויף דער לוקאָווער סטאַציע דאַרפן מיר זיך איבערזעצן אין אַ באַן, וואָס גייט קיין לובלין. פּוילן ווערט זעלבשטענדיק, אַ נייע אָרדענונג, אויס מלחמה. אויפן וואָקזאַל איז אַ כאַאָס צוליב די צוריקפאָרנדיקע היימלאָזע, געשוואָלענע און פאַרווונדעטע געפאַנגענע, יידן מיט שרעק. מיר געפינען אַ יידישע אכסניה, איך מיט נאָך אַנדערע יידן גייען אַהין. ס'איז ביינאַכט. מיט אַמאָל ווער איך דערשטוינט: איינער מיט אַ פּאַטשיילע איבערן געזיכט. ער בינדט אָפּ די טוך — יענקל מעכעלס. אַ הויכער, מיט אַ גרויסער באָרד. איך גיי צו צו אים און פרעג: „ר' יענקל?" ער ווערט דערשראָקן. „ווער

ביסטו?" איך מוז עטלעכע מאָל איבערחזרן ווען איך בין: „משה־הירש שאַפּיראָס זון". ער פרעגט: „זישעס ברודער?" ער באַרואיקט זיך און דערציילט, אַז ר׳האָט געמוזט אַנטלויפן פון אָסטראָווע, די פּאָליאַקן ווילן אים הרגענען, ווייל ער האָט גע־האַנדלט מיט די דייטשן. אויך מיין ברודער זישע האָט מיט אים געהאַנדלט. אינעם שטעטל ווי אויך אין גאַנץ פּוילן איז אַ כאַאָס, ביי דער נייער זעלבשטענדיקער אָרדע־נונג. נאָר אָט בין איך אין אַ פאַרנאַכט אָנגעקומען אין שטעטל מיטן אָסטראָווער בעל־עגלה.

צוריק אין שטעטל

אָסטראָווע איז ווי איינגעשרומפּן. ביים אָנקומען דורך דער פאַרצעווער גאַס, זע איך אַלע קריסטלעכע הייזער ווי געווען. אברהמטשע לייבעלעס הויף איז נישט אָפּגעברענט, דאָרט געפינט זיך אַ פּאָליציי־פּאָסטערונעק. נאָר אַרום און אַרום — אַ חורבה. די קריסטלעכע אַפּטייק, דער מאַגיסטראַט און זיין הויף — ווי געווען. אויך די רייי שטובן אַנטקעגן פערד־מאַרק זענען אָפּגעראַטעוועט. דאָס גאַרבאַרסקע געסל איז געבליבן. אָבער דער גאַנצער שטאָט־צענטער, מיט אַלע געסלעך וואָס פירן צו דער שיל און בית־מדרש און דאָס ביאַלער שטיבל — אַ מדבר, ליידיק. שטומע עדות זענען נאָר די קוימענס פון די אויוונס. די וואָס האָבן בשעתו זיך עוואַקויִרט אין דער נאָענט, אָדער זיך באַהאַלטן אין וואַלד, האָבן צייטווייליק אויסגעבויט קרעמלעך, וועלכע מ׳האָט אויך גענוצט פאַר אַ ווינונג. אויך משה בערס האָט אויף לובלינער גאַס זיך אויסגעבויט אַ שטיבל. אונדזער הויף און מאַטיסעס הויף זענען געבליבן נישט פאַרברענט, אָבער חורבות. פון אונדזערע גאַרבערייען מיט אַלע איינריכטונגען, מיין זיידע אהרונס ירושה, זענען נאָר געבליבן די גריבער. די פראָנט־שטוב איז גע־בליבן. אין דעם הויז זענען אַריין די אַלע מענטשן, וואָס זענען צוריק געקומען. די וועמענס הייזער זענען פאַרברענט, האָבן געזוכט אַן אָרט, ווו ס׳האָט זיך געלאָזט.

סיי עקאָנאָמיש, סיי גייסטיק — אַ וויסטעניש. ווו איז די פּרעכטיקע שיל? דער בית־מדרש? די פאַרשיידענע שטיבלעך? ווו זענען די לערנערס? די פריילעכע קינ־דער וואָס גייען אַהיים פון די חדרים? ווו זענען די וואַרשטאָטן, די גאַרבערייען? די געזאַנגען פון די אַרבעטערס ביי דער אַרבעט? די שבתדיקע סעודהס ביי משה בער און יעקב יוספן אין די שענקען?

משה דבורה׳ס, אַ שוסטער און שטעפּער, האָט קעגנאיבער דעם מאַגיסטראַט אויפ־געשטעלט זיין ווינונג. און אין פראָנט — אַ גרעסער צימער פאַר זיין מסחר. דאָס איז די שיל און דאָס בית־מדרש. ווייטער איז אַלץ פאַרוואַרלאָזט. דער פרנסה־קוואַל איז

נאָר שמוגל, אַ רעזולטאַט פון דער אָקופּאַציע. אַ קילאָ קאַרטאָפל אָדער אַ ביסל מעל איז געווען די פּרנסה. די גאַרבערייען אינעם גאַרבער־געסל אַרבעטן אויס זייער לעדער, וועלכע ליגט אונטער די בעטן און ריזיקירן מיט שטראָפן.

מייַן ברודער זישע איז נישט קיין אויסנאַם. ער וווינט אין אונדזער געוועזענער דירה מיט נאָך לאָקאַטאָרן. אַפילו די קעלערס זענען באַוווינט. דער זיידע מאַטיס ספּיר וווינט אונטן, אין דעם צעשטערטן הויף, וווּ מ׳האָט געהאַלטן די מכשירים פון דער ברויערײַ.

די נייע, פּוילישע מלוכה האָט שוין אירע באַאַמטע און מיליטער־לייט — גאַנצע „העלדן". מען שניידט די בערד ביי ייִדן און מען וואַרפט זיי פון די וואַגאָנען. וויסטע העצערייען קעגן די „שונאים" און „בלוטצאַפּערס". די מענער ווערן מאָביליזירט און גראָד אויף דעם געביט, זענען די ייִדן גלייכבאַרעכטיקט.

איך קאָן נישט איינזיצן אין שטעטל און פאָר אַריבער קיין לובלין, צו מייַן שוועסטער גיטע שמילקעס געווירצער. דערנאָך פאָר איך קיין מעזריטש, צו דער שוועס־טער רוזשע און שוואָגער אהרון־שמואל, וואָס זענען דאָרט געבליבן בעת אונדזער אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד. דאָס ערשטע מאָל בין איך צעשיידט פון מיינע טאַטע־מאַמע. מיין יאָרגאַנג דאַרף זיך איצט מאָביליזירן. איך וויל זיך נישט רעכענען מיט די סכנות אויף די גרענעצן און באַשטים צו פאָרן צוריק אַהיים, צו די עלטערן.

נאָך אייניקע וואָכן פלאָגענישן, גייען מיר דורך ביי סלאָנים די פּויליש־רוסישע גרענעץ און לאָזן זיך מיט פערד און וואָגן קיין באַראַנאָוויטש. דערנאָך ליגן מיר דריי טעג אין לאַסט־וואַגאָנען, צוזאַמען מיט קראַנקע און געזונטע, אין גרויס ענגשאַפט. נאָך ייִדן וואַרטן, אַז די באַן זאָל אָפּפאָרן קיין מינסק. מען מוז אַליין ברענגען האָלץ פאַרן לאָקאָמאָטיוו, אין אַ פינצטערער נאַכט. צווישן די ליגנדיקע — אַ גרויסער טייל אַנטיסעמיטן, וואָס זוכן ייִדן זיי זאָלן פאַרזאָרגן מיט האָלץ. איך ליג אָן אָטעם. אָבער אַ שכן צינדט אָן אַ שוועבעלע. „אַהאַ, אַ ייִד? מיט ברילן? אפשר האָט ער אויך אַ גאָלדענעם זייגער?" איך מיט נאָך צוויי ייִדן גייען צווישן די באַן־ליניעס, די לאָקאָ־מאָטיוון פאָרן און מיר שלעפּן דאָס האָלץ אין דער פינצטער. (ווען איך דערמאָן זיך אין יענעם מאָמענט פון דער לויערנדיקער סכנה אומצוקומען פון די לאָקאָמאָטיוון, גרוילט מיר נאָך היינט, נאָך 65 יאָר). מיר ברענגען האָלץ און די באַן רירט.

ווידער אין מינסק

אין אַ קאַלטן פרימאָרגן קומען מיר אָן קיין מינסק. די שטאָט איז מיר באַקאַנט. איך גיי צופוס מיט מיין באַגאַזש. פון אַלע זייטן לויפן מיר אַנטקעגן ייִדן. „פון וואַנען?

פון באַראַנאָוויטש ?" אמת, די פּאָליאַקן האָבן טאַקע פאַרנומען באַראַנאָוויטש. די זעלבע נאַכט פון אונדזער אָפּפאָרן, זענען די באָלשעוויסטישע אַרמייען צעשלאָגן געוואָרן דורך די פּאָליאַקן. אויף די ווענט הענגען פּלאַקאַטן „מאָביליזאַציע". מיין יאָרגאַנג דאַרף זיך צושטעלן. אַן „אַנגענעמער ברוך הבא".

איך קום אומגעריכט אין שטוב. די מאַמע, טאַטע און ברידער מאַכן אַ געוואַלד: „פאַר וואָס ביסטו געקומען אין פייער ?" איך הייב אָן צו מאַכן „דיעטע" — נישט עסן, נישט שלאָפן, כדי זיך באַפרייען פון מיליטער.

עס באַווייזט זיך אונדזער קוזין זישע, מיין פאָטערס שוועסטערס אַ זון. ער פרעגט: „ווער איז דער בחורל ?" ער פאָרט פון מאָסקווע קיין ביאַליסטאָק, צו שמוגלען סאַכאַרין. דער טאַטע ענטפערט: „אונדזער זון, ער צערט זיך, צו ווערן באַפרייט פון מיליטער". „פעטער, איר זייט דאָך אַ קלוגער מענטש, נאָר איר שפּילט זיך מיטן לעבן. זיי וועלן דען איינזען זיין שוואַכקייט ? איז דאָ אַן עצה — נאָר אין פּאַספּאָרט אויך בייטן דעם נאָמען". איך בין צוגעשריבן צו מיין פאָטערס דאָקומענט, דער מאַמעס איז נאָר אויף איר נאָמען: חיה־גיטל. זי באַקומט באַלד צוגעשריבן 3 קינדער „אַן בויכוויטיק" — און איך פון שלמה ווער איך שמעון, דערצו נאָך מיט 4 יאָר יינגער און ווער אַזוי גלייך איינגעמאָלדן אין קאָמיסאַריאַט. איך שטעל אָפּ די הונגער־דיעטע.

יענעם סוף ווינטער 1919, האָט געהערשט די טיפוס־עפּידעמיע. קיין רפואות זענען נישט געווען. אָן אָפּגעשוואַכטער, ווער איך קראַנק אויף טיפוס. אַ סך מיינע באַקאַנטע, יונגע מענטשן, האָט דער טיפוס אַוועקגענומען. נאָך אַ דריי־וואָכיקן הויכן פיבער, בין איך אַרויס פונעם קריזיס. גוט עסן ווי נייטיק נאָך אַ קראַנקייט, איז נישטאָ. אין יענער צייט ווערט אויך געבוירן מיין שוועסטער אסתר. קיין מילך פאַר דער קימפּעטאָרין איז נישטאָ. נאָר איך קום ביסלעכווייז צוריק צו די כוחות.

די פּויליש־רוסישע מלחמה גייט ווייטער אָן. אויך די פאַרשיידענע באַנדעס בושעווען. יידן ווערן פון זיי פּאַגראָמירט און ראַבירט. עס הערשט אַ פּאַניק, איבערהויפּט ביי די יידן.

אין אַ געוויסער נאַכט האָבן די פּאָליאַקן פאַרנומען ווילנע און דורכגעפירט אַ מאַסן־פּאָגראָם, דערהרגעט יידן, און צווישן זיי — דעם שרייבער א. ווייטער. מען פילט שוין אויך אין מינסק זייער אָנקום. די שוואַך־אָרגאַניזירטע רויטע אַרמיי איז נישט בכוח זיך קעגנצושטעלן. ס'קומט אַ גוט־אויסגעשטאַטע פּוילישע אַרמיי, צוזאַמען מיט די רוסישע און אוקראַינישע קעגנערס פון די באָלשעוויקעס און ווילן אָנהייבן זיך פריילעך מאַכן איבער יידן אויפן מאַרק. אָבער די אָרטיקע יידן דערלאַנגען זיי. איצט דערוואָרט מען אַ נקמה קעגן די יידן. דער יידישער קאָמיטעט האָט זיך אָבער געוואַנדן

צום ה׳ מאַרגנטוי, דעם פאָרשטייער פון אַמעריקע, וואָס האָט דעמאָלט געשטיצט די פּאָליאַקן — און אַלץ גייט אַדורך רואיק.

מיר, די גאַנצע משפחה, פאָרן צוריק קיין פוילן און רעכענען זיך איינצואָרדענען אין לובלין, ווי אַ סך אַסטראָווער און פון אַנדערע שטעט. מיר קומען צוריק מיט אַ געוויסן קאַפּיטאַל. אָבער אונדזער שטוב אין מאַטיסעס הויף איז פאַרנומען. מיר באַקומען קוים די געוועזענע קיך. עס קומען אויך צוריק עוואַקואירטע אַסטראָווער. אַ טייל בלייבן אין שטעטל, אַ טייל אָרדענען זיך איין אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. נאָר אונדזער קוזין דוד ספּיר, זיין פרוי פייטשע, דעם זוואָלינער רבס טאָכטער מיט זייערע קינדער, בלייבן אין מינסק, וווּ זיי האָבן זיך געהאַט איינגעאָרדנט מיט אַ לעדער־פאַבריק. וואָס ס׳איז דאָרט געוואָרן מיט דער פאַמיליע, איז מיר נישט באַוווּסט. עס זענען אויך פאַרבליבן אַלע עוואַקואירטע גאַרבערס אין ניזשני נאָווגאָראָד, טיף רוסלאַנד, ווייל זיי האָבן זיך געהאַט איינגעאָרדנט ביי דער לעדער־פאַבריקאַציע.

עס קומט צוריק אברהמטשע לייבעלעס, זיין פרוי חנה, די טאָכטער און איידעם יחיאל מאיר, וועלכער איז געווען פאַרזאָרגט דורך זיין רייכן שווער מיט קעסט און אַ גרויסע ירושה. נאָר אברהמטשע לייבעלעס קומט צוריק אַ קראַנקער. זיין פאַרמעגן צעשטערט. גיטעלע אַלקאָנס ברודער נעמט די גאַנצע משפחה קיין וואַרשע. ער ווערט אַ באַוווּסטער לערער אין דער גימנאַזיע „תחכמוני" און האַלט אויס די קראַנקע, געוועזענע גבירים.

עס קומט צוריק ברוך יונתנס, יענקל ליבהאָבערס זיידע, וואָס טראָגט נישט קיין סימן פון זיין רייכקייט און פאַרמעגן. ער קומט אָרעם און געפינט דאָ דעם זון זיינעם לייבעלען, פאַראָרעמט און פאַרלאָזט.

מיר האָבן געהאַט בדעה זיך איינצואָרדענען אין לובלין. אָבער בלייבן דאָך שטעקן אין דער חרובער אַסטראָווע.

מען הייבט אָן אויסאַרבייטן לעדער. מען גראָבט אויס די „קאַטקעס" (פעסער) פון דער פאַרברענטער גאַרבאַרניע, מען שטעלט זיי אַריין אין „הויף", אין אַ געוועזענער פערד־שטאַל, גאַנץ פרימיטיוו. וואַסער מוז מען טראָגן פון טייך. ווינטער ווערט אַלץ געפרוירן. ס׳איז זיך נישט פאַרצושטעלן די שווערע באַדינגונגען.

מיין פאָטער ווערט ווידער טעטיק אין קהלישן לעבן, ווי אויך אין מאַגיסטראַט, בעת די לאַגע אויף די מלחמה־פראָנטן ענדערט זיך. די רוסן הייבן אָן צוריק צו שטויסן דאָס פוילישע מיליטער. די פּאָליאַקן זענען זיך נוקם אין דעם „שונא", די ייִדן. די רוסן זענען שוין נאָענט צו דער הויפּט־שטאָט, וואַרשע, ווי אויך נאָענט פון אַסטראָווע. פאַר אונדזער שטעטל הייבט זיך אָן אַ נייער גיהנום. די שרעק איז גרויס. מען פאַרנעמט

די יוגנטלעכע צום מיליטער. איך און נאָך אייניקע נאָענטע, צווישן זיי הירשל שטיגליץ, באַהאַלטן זיך אויס אין קעלער צווישן די ליידיקע גרויסע פעסער, און ליגן אין אַ פאַס באַלויכטן מיט אַ ליכט.

די מלחמה פוילן־רוסלאַנד גייט ווייטער אָן. פוילן האָט שוין פאַרנומען אוקראַינע, ביז קיִעוו. דעם ווענדפונקט אין דער מלחמה, האָבן די פּאָליאַקן באַצייכנט ווי „דער נס אויף דער ווייסל״. די פּוילישע קאָנסטיטוציע איז זייער אַ ליבעראַלע, אָבער נאָר אויפן פּאַפּיר. אין דער ווירקלעכקייט איז גילטיק דער לאָזונג „יידן קיין פּאַלעסטינע״. די יידן ווערן שיקאַנירט. אַפילו ווי טראַמווײַ־אַרבעטער אָדער גאַסן־קערערס, דערלאָזט מען נישט קיין יידן.

אָבער די יוגנט אין פוילן בכלל און ביי אונדז אין שטעטל בפרט, איז פול מיט האָפענונג. זיי שאַפן געזעלשאַפטן, פּאַרטייען, קולטור־קרייזן, אָרגאַניזאַציעס און אינ־סטיטוציעס. אָבער אונדזער שטעטל האָט נישט קיין שאָסיי, נישט קיין באַן. אייניצלנע בחורים און מיידלעך חלומען וועגן אַ ביבליאָטעק און אַן אָרט ווו זיך צונויפצוקומען.

די מיליטערישע מאַכט טוישט זיך אַלע מאָל

דאָס שטעטל איז איצט ערב דעם אַריינקום פון דער באָלשעוויסטישער אַרמיי. די פּאָליציי און אַנדערע אַמטן האָבן זיך עוואַקואירט. דער בירגערמייסטער און אַפּטייקער, אַ ליבעראַלער מענטש, רופן צונויף דעם מאַגיסטראַט אויף אַ זיצונג — אַכט קריסטן און פיר יידן, צו היטן די אָרדענונג אין שטאָט. דער בירגערמייסטער ווערט באַשטימט פאַר דעם הויפּט־קאָמענדאַנט, מיין פאָטער, הגם אַן עלטערער מענטש — פאַר וויצע־קאָמענדאַנט. מיין פאָטער נעמט צונויף עטלעכע יידן, אויסגעדינטע אין רוסישן מילי־טער, באַוואָפנט זיי מיט שטעקנס און אַנדערע מכשירים. ביי יעדן הויז — פעסער וואַסער, צו לעשן אין פאַל פון אַ שריפה.

עס באַווייזט זיך די אַפּטרעטנדיקע אַרמיי. די גרעסטע טייל — באַלאַכאָוויצעס, אוקראַינער. זיי זוכן דעם ציווילן קאָמענדאַנט פון שטעטל. ער איז נישטאָ, נעלם געוואָרן. קיינער ווייסט נישט ווו ר׳איז אויסבאַהאַלטן, פאַראַן דער וויצע־קאָמענדאַנט, משה הירש שאַפּירא. ער באַקומט אַ באַפעל: צושטעלן וויינונגען פאַר די אָפיצירן, פלייש און עסן פאַר די מענטשן, פאַשע פאַר די פערד און אַ תפיסה פאַר די אַרעס־טירטע. מיין פאָטער פּרובירט זיך אַרויסדרייען פונעם באַפעל. גיי זאַמל צונויף די אַלע פּראָדוקטן אינעם אָרעמען שטעטל, נאָר ביי די יידן. דער באַפעל איז אָבער אַ שטרענגער. אויב מ׳וועט אין עטלעכע שעה נישט אויספילן דעם באַפעל, וועלן זיינע סאָלדאַטן אַלץ אַליין אַדורכפירן.

מיט גרויסע שוועריקייטן דערפילט מיין פאָטער, מיט אַנדערע דאָזאָרעס דעם באַפעל. דער קאָמענדאַנט פאַרזיכערט רו. אויב ס'וועט געשען אַן אומרעכט די יידן, זאָל מיין פאָטער גלייך קומען צו אים. ער, ווי אַלע אַנדערע פון דער יידישער מיליץ, באַקומען אַרעמבענדער, זיי זאָלן האָבן אַ רעכט זיך צו באַוועגן אין שטאָט.

יידן באַהאַלטן אין דער ערד זייער האָב־און־גוטס. אויך מיר — די לעדער, מלבושים, זילבער, צירונג — ירושות פון דורות. נאָר די שרעק איז גרויס. זייערע פאַגראָמען אויף יידן זענען גוט באַקאַנט. יונגע מענער ליגן באַהאַלטן. „יידן זענען באָלשעוויקעס״— הערט מען באַשולדיקונגען. איך מיט נאָך יונגע מענטשן זענען צוזאַמען. אהרון ספיר און אברהם משהס לערנען לויט דער מאַפּע דעם גאַנג פון אָקופּירן פוילן. אין שטעטל איז פאַרהעלטעניסמעסיק רואיק. מיט אַמאָל — אַ פינצטערניש, קיין ליכט אין די הייזער זעט מען נישט, מען הערט נאָר אַן אָפּהילך פון מאַשירנדיקן מיליטער, מיט זייער געווער און פערד. די לעצטע פון דער אָפּטרעטנדיקע אַרמיי. אַ שרעק נעמט אונדז אַרום אין דער באַהעלטעניש. די פרויען און קינדער זענען אין די שטובן. עס דערטראָגן זיך שרעקלעכע געוואָלדן פון די יידישע היימען. זיי ווערן אַלץ נענטער, אַרום אונדז. מיין פאָטער לויפט צום קאָמענדאַנט, וועלכער האָט אים צוגעזאָגט רו. מיטן אַרעמבאַנד איז ער זיכער, אַז ער וועט קאָנען צו אים אָנקומען. אָבער אים כאַפּט אַ סאָלדאַט ביים מאַגיסטראַט, ווו דער קאָמענדאַנט געפינט זיך. מיר ווייסן גאָר נישט אין דעם קעלער. מיר שטעלן זיך נאָר פאָר, אַז די נאַכט איז פאַרגעקומען דאָס ערגסטע.

מיר גיבן אַ קוק פון דער באַהעלטעניש — מיין שוועגערין רחל איז נישט צו דער־קענען. דאָס פנים בלאָ און צעקלאַפּט. מיין פאָטער איז נישטאָ. מענטשן ברענגען די טרויעריקע ידיעות, ווי די גוטע פוילישע פריינד אונדזערע, וואָס לעבן פון די יידן, האָבן אַרומגעפירט די פאָגראָמשטשיקעס, די באַלאַכאָוועצעס און אָנגעוויזן ווו עס גע־פינען זיך שיינע יידישע פרויען, מיידלעך און פאַרמעגנס. מ'האָט אין יענער נאַכט דורכגעפירט אַ שרעקלעכן פאָגראָם. אברהם לאָזערס, אַ גאַרבער פון גאַרבער־געסל, אויך אַ צוריק געקומענער פון רוסלאַנד, האָט פאַרטיידיקט זיין טאָכטער פון פאַרגוואַל־טיקונג, האָט מען אים דערלאַנגט מיט אַ האַק אין קאָפּ און אין אַ געפערלעכן צושטאַנד אים אַוועקגעפירט קיין לובלין אין שפּיטאָל. די יידן וואָס האָבן געוווינט נאָענט פון מאַגיסטראַט, גייען אַריין אין דעם ליידיקן הויף און אין דער טורמע, ווו זיי טרעפן מיין פאָטער שלאָפט אין מיסט. אַלע פרייען זיך — „דער טאַטע לעבט״! ער קומט צוריק אַהיים. וואָס איז געשען? ווען ער איז געלאָפן ביינאַכט צום קאָמענדאַנט צו ראַטעווען פון דעם פאָגראָם, האָט אים אַ סאָלדאַט פאַרשפּאַרט צווישן די פערד, וועלכע

האָבן געהערט צום מיליטער. אַ מידער פון שלאָפלאָזע נעכט, איז ער דאָרט אַוועקגעפאַלן און אין שלאָף נישט געהערט, ווי די זעלנער מיט די פערד זענען אַנטלאָפן.

אין שטעטל איז שטיל. איצט דערוואַרט מען די באָלשעוויסטישע אַרמיי. מיר קריכן אַרויס פון די באַהעלטענישן. מען דערוווסט זיך דאָס שרעקלעכע וואָס איז געשען. אַ טייל דערוואַרטן מיט פרייד דעם „רויטן משיח". אַרום צען פרי באַווייזט זיך דער גענעראַל, רייטנדיק אויף אַ פערד. נאָך אים — די רויטע אַרמיי. בעצם, באָרוועסע סאָלדאַטן, די ביקסן צוגעבונדן מיט שטריק — עטלעכע הונדערט מאַן.

ס'ווערט נישט גוט אויפן געמיט. אַזאַ גוט אויסגעשטאַטע אַרמיי איז אַנטלאָפן פאַר די באָרוועסע? מען פרעגט דעם גענעראַל, צי איז דאָס די „ראַזוויעדקע" און ווו איז די אַרמיי? ער ענטפערט, אַז זיי קומען! דערווייל דאַרף דער גענעראַל די זעלבע באַזאָרגונג פאַר די „באָרוועסע": וווינונגען פאַרן שטאָב, עסן, פלייש, לעדער, פאַשע פאַר די פערד. ער זוכט דעם קאָמענדאַנט פון שטאָט, וואָס איז צוזאַמען מיטן רוב פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג נעלם געוואָרן. זוכט מען דעם „וויצע". מיין פאָטער בעט זיך ביי אים: „חבר גענעראַל, באַפריי מיך פון דעם באַפעל צו קאָנפיסקירן ביים גלח די שענסטע שטוב פאַרן שטאָב". דער גענעראַל ענטפערט שטרענג: „פאַר דעם פאַנסקי מיליטער האָסטו געקאָנט און פאַר אונדזער מיליטער ביסטו צו אַלט? ס'איז מלחמה, יעדער באַפעל וואָס ווערט נישט אויסגעפירט — איז צו דער וואַנט". מיין פאָטער האָט געוווּסט דעם באַטייט.

עס חזרט זיך איבער די געשיכטע. מען גייט זאַמלען די נייטיקע פּראָדוקטן, נאָר אַנשטאָט דעם גלחס וווינונג, בעט מיין פאָטער, ער זאָל נעמען אַ יידישע וווינונג.

און פאַר דער טורמע, וויל ער נישט די שטאָט־טורמע, נאָר אַ פּריוואַט הויז. מען גיט אים ביי אברהם־משהן (ספּיר) דאָס הויז, אויב ס'וועלן זיין אַרעסטירטע פאַרברעכערס. אַלס היטער באַשטימט ער דעם בעל־הבית אַליין, אברהם־משהן.

דער גענעראַל מיט די באָרוועסע סאָלדאַטן לאָזן זיך ווייטער, צום טייך וויעפּש, קיין לובאַרטאָוו. עס קומען אָן פאַרשידענע וועגענער מיט מענטשן, וואָס פאָרן נאָך דער אַרמיי. מען פרעגט זיך, צי זיי האָבן באַגעגנט נאָך רוסיש מיליטער? „ניין, אַלץ די זעלבע מחנה מיטן גענעראַל". מיר ווערן טרויעריק פון דער בשורה. אַ געפאַר, אַז די פּאָגראָמשטשיקעס זאָלן צוריק קומען? דערווייל פאַרהאַלטן די סאָלדאַטן אַ פּוילישע פרוי, וואָס טראָגט אַ פּאַק. מען איז איר חושד אין שפּיאָנאַזש לטובת די פּאָליאַקן. זי ווערט איינגעזעצט אין דער טורמע ביי אברהם משה אין הויז, אין אַ פאַרמאַכטן צימער, ווו דער פעטער אברהם משה איז דער היטער. אַנגעזעענע פּאָליאַקן קומען צו מיין טאַטן דעם „קאָמענדאַנט" פון שטאָט, ער זאָל זיך פאַר איר באַמיִען, ווייל דער

פרוי דראָט טויט־שטראָף. מיין פאָטער, באין ברירה, גייט אינטערווענירן און זאָגט מיט זיכערקייט, אַז ער קען זי פאַר אַ שטילע און אָרנטלעכע. זי ווערט באַפרייט.

דעם צווייטן טאָג ווערט אַרעסטירט אַ פּאָליאַק פון שטעטל, אַ כוליגאַן, וואָס האָט אָנגעוויזן ביים פּאָגראָם אויף די יידישע שטובן מיט פרויען און פאַרמעגנס. די פּאָליאַקן קומען ווידער צו לויפן צו מיין טאַטן, ער זאָל בעטן רחמים פאַר זיין לעבן. מען וויל אָבער נישט הערן מיין פאָטערס ביטע. מען זאָגט אים: „ס'איז מלחמה — און דו מיש זיך נישט". מען פירט דעם פּאָליאַק אַרויס פאַר אַלעמענס אויגן אויפן צמענטאַזש און מען הערט אַ שאָס. די יידישע באַפעלקערונג באַפאַלט אַ שרעק. ווער איז שולדיק? ווי תמיד — דער שונא דער ייד און אוודאי — דער באָלשעוויק.

עס הייבן זיך אָן באַוויזן פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן פון דער באָלשעוויסטישער מחנה. מען האָט אויף זיי געלויערט אין נאָענטן וועלדל. זיי ציִען זיך צוריק. די שרעק איז ווידער גרויס ביי יידן. מען פרעגט דעם גענעראַל, צי זיי טרעטן אָפּ פון דער שטאָט. ער זאָגט: „זייט רואיק. ס'וועט אָנקומען הילף, מאַכט נישט קיין פּאַניק. אויב מ'וועט וועלן אָפּטרעטן פון שטאָט, וועלן מיר צו וויסן געבן".

מ'דאַרף זיך ווידער עוואַקואירן

מען גרייט זיך צום שבת מיט שרעק און דערוואַרטונג. פרייטיק פאַרנאַכט, ערב ליכט־צינדן, באַוויזט זיך דער גענעראַל ביי אונדזער שטוב. ער גיט אַ צייכן, מיין ברודער אברהם לויפט צו און הערט זיינע רייד: „מיר מוזן זיך צייטווייליק עוואַקואירן. נאָר אָן פּאַניק. ווער ס'וויל זיך עוואַקואירן מיט אונדז, זאָל דאָס שוין טאָן".

דאָס שטעטל יידן, פרויען און מענער, הייבן אָן לויפן צום סאָסנאָוויעצער וועג. איך לייג אַריין אין אַ קיישל אַ פּאָר הויזן, אַ העמד. אין גרויס צעטומלטקייט נעם איך אַ טאָפּ מיטן שבתדיקן עסן און די חלות. מיין מוטער מיט די קליינע קינדער בלייבן. דער טאַטע האָט נישט קיין כוח, וויל בלייבן, אָבער מיר צווינגען אים מיטגיין. ער נעמט מיט זיין ספר־תורה. איך זע נאָך היינט דאָס בילד: די געוואָלדן פון די פרויען, דאָס געזעגענען זיך. טייל פרויען נעמען צוויי ליכט, שטעלן זיי אַוועק אויף אַ קריסט־לעכן פּאַרקאַן, בענטשן די שבת־ליכט און לויפן ווייטער. איך געדענק אַ זאָג פון אַ פּוילישן עלטערן מאַן: „איר ווייינט וויל אונדזערע ברידער קומען צוריק? מען וועט אייך שוין ווייזן". מיר שלעפּן זיך נאָך צווישן אָפּטרעטנדיקן באָלשעוויסטישן מיליטער.

אין סאָסנאָוויעץ ווילן מיר רוען, אָבער די יידן פון דאָרט לויפן שוין אויך מיט אונדז. מיר קומען אַריין קיין וואָלאָדאַווע, ביים בוג. „פון דאַנען", זאָגן די רויטאַרמייער, „וועלן מיר צוריק גיין און פאַרנעמען די פאַרלאָזטע ערטער".

פאַרנאַכט, ווי אַלע טאָג, גייט מען אין צענטער שטאָט, כדי צו הערן די רעדעס און זען די מאַרשן, מיט וועלכע מ׳שטאַרקט און באַגייסטערט דאָס פאָלק. מיט אַמאָל באַווייזן זיך פורן, געפּאַקטע מיט מענטשן און זאַכן. ווו זיי פאָרן, ווייסן מיר נישט. ביים שפּילן די מאַרשן, קומט אַרויף איינער אויף דער בינע און רוימט איין אַ סוד אין אויער דעם רעדנער, וואָס מעלדעט גלייך, אַז מען מוז איבעררייסן דעם מיטינג. „מאָרגן וועלן מיר דאָ זיין צוריק" — זאָגט ער — און שפּרינגט אַראָפּ פון דער טריבונע. אַלע צעלויפן זיך, אין באַגלייטונג פון שראַפּנעלן־אויפרייסן. מיר זעען ווי די יידן לויפן אַריין אין אַ קעלער. מיר — נאָך זיי. אַ גרויסער טייל לויפט צום טייך בוג. די בריק קאָן נישט אויפנעמען דעם גאַנצן עולם. די שאָסן פאַלן אויף דער בריק. אַ טייל אַסטראָוועך זענען מיטגעלאָפן מיט די רוסן, אַ טייל באַהאַלט זיך אין די קעלערס. הירשל שטיגליץ מיט פיל אַנדערע זענען געלאָפן. אין מאַלע רוטאַ האָט מען אַלע געפאַנגען. איך בין געבליבן מיטן איינציקן העמד און צעריסענע הויזן.

די זעלבע נאַכט האָבן די פאָליאַקן מיט די באַלאַכאָוויצעס פאַרנומען די שטאָט. און ווידער — טראַגישע איבערלעבונגען אין די פאָר וואָכן, אונטער זייער הערשאַפט.

די פוילישע אַרמיי איז שוין אוועק ווייט, קיין פאָלעסיע און וואָלין. מיר באַשטימען צוריקגיין אַהיים. מיר וואַנדערן באָרוועס, די שטיוול און שיך האָט מען ביי אונדז צוגענומען. מיר גייען מיט זייטיקע וועגן, אויף די אָפּגעשניטענע פעלדער. מיר קומען אַריין אין דאָרף רוכווע, מאַכט מען דאָ אַ געוואַלד, דערזעענדיק מיין טאַטן: „אוי, משה הירש! די מאַכט זוכט אייך אַרום, דעם קאָמיסאַר. איר זייט פאַרמשפּט צום טויט". זיי גיבן אים אַ פערד און וואָגן און ער פאָרט קיין לענטשנע פאַרשטעלט. אין לענטשנע — דאָס זעלבע געשריי: „אַנטלויפט, ר׳ משה הירש, מען זוכט אייך פון דעם קריגס־געריכט". אין שבת פאָרט ער קיין לובלין און באַהאַלט זיך דאָרט אויס. אַ באַוווּסטער יידישער אַדוואָקאַט עצהט אים זיך אויסצובאַהאַלטן ביז נאָכן קריגס־צושטאַנד. ווען די ציווילע מאַכט וועט זיך באַנייען, זאָל ער פאָרן אַ היים און אויפ־ווייזן זיין אומשולד.

מיר קומען אָן שפּעט ביינאַכט אין שטוב. די מאַמע און די קינדער, איבערגע־שראָקענע, דערציילן וואָס ס׳האָט פּאַסירט נאָכן צוריק קומען פון דער פוילישער אַרמיי. זיי האָבן געגעבן פרייהייט די פויערים פון די אַרומיקע דערפער צו קומען אין שטאָט און נעמען אין די יידישע הייזער, וואָס זיי וועט געפעלן. זענען זיי טאַקע געקומען מיט וועגענער און ראַבירט, דערביי נאָך געשלאָגן די יידן. די מאַמע און די קינדער האָט אַ פּוילישער שכן אויסבאַהאַלטן ביי זיך. אין דעם ים פון רציחות, האָט זיך געפונען נאָך אַ צדיק. דער גלח האָט אויסבאַהאַלטן אַ גרויסע צאָל פרויען און קינדער.

ער איז אַרויס מיטן צלם צו די פּאָגראָמשטשיקעס און אין נאָמען פון יעזוסן געבעטן אויפצוהערן מיטן פּאָגראָם.

אין אַ צייט שפּעטער איז מיין פאָטער צוריק געקומען. מ'האָט אים אַרעסטירט און דערנאָך באַפרייט.

צוריק צו אַ נאָרמאַל לעבן

די לאַגע אין לאַנד באַרואיקט זיך. אויך אין אָסטראָווע. ביסלעכווייז זוכט מען זיך איינצושאַפן דאָס נייטיקסטע. אָסטראָוועער ייִדן אין אַמעריקע שיקן אַריין הילף. אויפן אָרט פון אָפּגעברענטן בית־מדרש, שטעלט מען אויף אַ נייעם. ס'איז שוין דאָ אַן אָרט, ווו ייִדן קומען זיך צונויף און דאַווענען, לערנען, שמועסן. דער נייער דור וואַקסט אונטער. נישטאָ קיין אָרט פאַר דער יוגנט, וועלכע איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן אין די מלחמה־יאָרן; נאָך אַ שאַרפן קאַמף שאַפט זיך אַ ביבליאָטעק ביי דער „התאחדות"־פּאַרטיי. די ערשטע זיצונג קומט פאָר ביי באַשען, אברהמטשע פייערשטיינס מוטער. אָבער מיר ווערן געשטערט פונעם רב און אַ טייל פון די בעלי־בתים. מען וויל נישט פאַרדינגען קיין דירה פאַרן לאָקאַל. אָבער מיט שווערער מי ווערט געגרינדעט די „התאחדות"־פּאַרטיי און די ביבליאָטעק. די ערשטע גרינדערס: שלמה מעער, מיין ברודער עלי, יעקב־שמואל גרינבערג און איך. די ביבליאָטעק אַנטוויקלט זיך. ס'איז נישט נאָר אַן אָרט ווו צו נעמען ביכער, נאָר מען קאָן אויך לייענען דאָרט צייטונגען און זשורנאַלן. די קעגנערס באַרואיקן זיך, שיקן אַפילו קינדער און דערוואַקסענע, ווערן אַליין מיטגלידער. מען הייבט אָן שפּילן טעאַטער. עס אַנטפּלעקן זיך כוחות, אויף וועלכע מען האָט זיך נישט גערעכט: שמחה שטיגליץ (איצט אין בראַזיל); פּעסע גרינבערג, וואָס האָט אויסגעפירט אירע ראָלן נאַטירלעך, געהאַט אַ שיינע שטימע; יעקב נחום גרינבלאַט (היינט אין אַמעריקע); מענדל באַראַב (אין בראַזיל). ער איז געווען אין דער פאַרוואַלטונג, אַ זעלטן דיסציפּלינירטער אין זיין אַרבעט. מען האָט אים גערופן דער „פּאָזנאַנטשיק", ווייל ער האָט געדינט אין פּוילישן מיליטער מיט די פּאָזנאַנטשיקעס.

ווי דער שטייגער, שאַפן זיך מיינונג־פאַרשידנהייטן, עס שפּאַלט זיך די פּאַרטיי „התאחדות" און די ביבליאָטעק ווערט פאַרמאַכט. שלמה מעער און אַ גרופּע טיילן זיך אָפּ. ער פאָרט קיין אַמעריקע. ער האָט נאָך פריִער פּרובירט צו עמיגרירן קיין דייטש־לאַנד, צו זיינע שוועסטער און ברידער, אָבער זיך נישט געקאָנט צופּאַסן.

אין אָסטראָווע איז נישטאָ פאַר דער יוגנט קיין באַשעפטיקונג, קיין צוקונפט. מיר,

אַ גרופּע „קעגנערס״ זיינע, געזעגענען אים האַרציק ביים אָפּפאָרן און זענען אים מקנא, וואָס מיר האָבן נישט קיין קרובים אין אַמעריקע, וואָס זאָלן אונדז אַרויספאָדערן.

וואָס עס קומט פאָר אין פּוילן, שפּיגלט זיך אויך אָפּ אינעם שטעטל. די פּוילישע מאַכט באַשווערט דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן. אין דער זעלבער צייט קומט אויף אַן אָרגאַניזירט יידיש לעבן — מיט פּאַרטייען: רעליגיעזע, רעכטע און לינקע. אויך שולן: תרבות, ציש״אָ, „בנות יעקב״, אָוונט־קורסן, דראַמאַטישע קרייזן. די יוגנט הייבט אָן זיך צו קליידן אייראָפּעיִש; דער שדכן ווערט פאַרביטן אויף ליבע. די בעלי־מלאכות איז לייכטער זיך איינצואָרדענען, אָבער די אינטעליגענטע סוחרימלעך זעען נישט קיין צוקונפט. אַ סך פאָרן קיין וואַרשע, גרופּירן זיך אין די אַרבעטער־קרייזן. אַן ענג צימערל דאָרט מיט אַ „האַלב בעטל״ איז אַן אידעאַל.

דער אַנטיסעמיטיזם נעמט בושעווען

פון שטעטל איז ד״ר סקלאַדקאָווסקי, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַנטלאָפן קיין לעווערטאָוו און איז שוין דאָרט פאַרבליבן. נישטאָ קיין דאָקטער אין אָסטראָווע און עפּידעמיעס פאַרשפּרייטן זיך. אויך מיך האָט אַ קראַנקייט נישט אויסגעמיטן. מען גיט אַן אָנאָנס אין דער צייטונג. עס קומט אַ יונגערמאַן מיט אַ האַנט־וואַליזקע און זוכט אויף מיין פאָטער ע״ה, אַ קוזין ברוך שאַפּיראָ און נאָך דאַזאַרעס. ער פאַרלאַנגט בלויז מען זאָל אים איינשאַפן אַ דירה. ער איז נישט פאַרהייראַט. נאָך אַ קורצער צייט ווערט ער שנעל באַליבט סיי ביי יידן, סיי ביי קריסטן און פּויערים אין די אַרומיקע דערפער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אויסער דאָקטער, איז ער אויך אַ גוטער רעדנער, מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער „התאחדות״־פּאַרטיי, טאַ־לענטירטער רעציטאַטאָר. ער קאָן אויך וועלטלעכע שפּראַכן, פון העברעיִש און יידיש איז דאָך אָפּגערעדט. דער „גאַליציאַנער״ ווערט אַקטיוו ביי דער יוגנט און ביי די סיים־וואַלן טרעט ער אַרויס מיט פּראָפּאַגאַנדע פאַרן „נאַציאָנאַלן בלאָק״. אין דער זעלבער צייט קומט צו אונדז אויך אַ פאַרפאַלק, דענטיסטן, נאָר אַסימילירטע, זיי רעדן נאָר פּויליש און באַקאָנען זיך מיט אייניקע קריסטלעכע פאַמיליעס. צווישן זיי — דער גלח. יעדע וואָך קומען זיי זיך צונויף אויף אַ גלעזל טיי און אַ קערטל.

אַ געווינסן אָוונט קומט אַ קריסטלעכער גאַסט־רעדנער פון די ענדעקעס (רעכטע פּוילישע פּאַרטיי) און ווערט איינגעלאַדן צו דער טרעפונג ביים גלח אין וווינונג. צו מאָרגנס רופט ער צונויף אַ מאַסן־מיטינג פון די פּוילישע איינוווינערס און צווישן אַנדערע אַנטיסעמיטישע רייד, זאָגט ער: „וואָס טוט זיך דאָ ביי אייך אין שטאָט? אַזאַ סקאַנדאַל! נעכטן בין איך געווען ביים גלח און דאָרט געטראָפן פיל פּוילישע אינטע־

ליגענץ, צוזאַמען מיט אונדזערע יידישע שונאים. אַזעלכעס זאָל געשען — און נאָך ביי וועמען ?"

די צוזאַמענטרעפן זענען שוין מער נישט פאָרגעקומען.

נאָך אַן עפּיזאָד: עס קומט דער גראַף טשעטווערטינסקי, אַ גרויסער גוטבאַזיצער, אַ סך ידן האַנדלען מיט אים און ער מיט ידן. ער, אַ סענאַטאָר, איז געקומען אַגיטירן צו די סיים־וואַלן פאַר זיין פּאַרטיי, די ענדעציע, אין סאַמע יידישן צענטער, אויפן מאַרק. ס'איז געקומען אַ גרויסער המון אַסטראָוער קריסטן און פון די אַרומיקע דערפער די פּויערים. ער רעדט זיך געלאַסן, שפּילנדיק זיך מיט די גרויסע וואָנצעס און זאָגט צו גליקן, אויב זיין פּאַרטיי וועט זיגן. „איך בין געוועזן אין פּויזן, ווי גאָט איז מיר ליב, ס'איז אַ מחיה צו זען די ריינקייט און שיינקייט. ווייסט איר פאַר וואָס ? ווייל דאָרט זענען נישטאָ קיין ידן. איך פאַרזיכער אייך, אַז אויך דאָ ביי אייך, ווי אין גאַנץ פּוילן, וועלן מיר דאָס דורכפירן — ריין פון ידן". אַ גרויל איז מיר אַדורך, הערנדיק די „גליקן" פון אַנטיסעמיט.

מען באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט רעדעס און אַגיטאַציע. עס עפענען זיך פּוילישע קאָאָפּעראַטיוון, געשטיצט דורך דער רעגירונג. די דאָרפישע באַפעלקערונג מיידט אויס דאָרט צו קויפן, זיי זענען געווינט צו האַנדלען מיט די ידן און פאַרקויפן זייערע סחורות די ידן. אָבער פּוילישע סטודענטן און סתם כוליגאַנעס וואַכן ביי די יידישע קראָמען. אַפילו די דאָרפס־גייערס לאָזט מען נישט האַנדלען מיט די פּויערים.

די יידישע יוגנט איז פאַרצווייפלט. מען זוכט אַ „משיח". יעדע פּאַרטיי ליגט פאַר אירע אידעען. אייניקע זוכן אין קאָמוניזם דעם אויסלייזער. איך מיט נאָך יוגנטלעכע האָבן געזען די צוקונפט אין פּאַלעסטינע. איך האָב לייכט געקאָנט קריגן אַ סערטיפיקאַט, אָבער מיינע חברים פון נאָענטן שטעטל פאַרצעווע זענען צוזאַמען מיט עטלעכע אָרטיקע משפחות אַוועק קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן אויספאַרקויפט און ליקווידירט זייערע געשעפטן, מיט דער האָפענונג דאָרט זיך איינצואָרדענען. ס'האָט אָבער נישט געדויערט מער ווי עטלעכע חדשים, האָבן זיי באַהאַלטענערהייט אָנגעהויבן צוריק קומען — כמעט אַלע וואָס האָבן עולה געווען, און מיט וויסטע בשורות: „נישטאָ קיין אַרבעט, אַפילו ביים האַקן שטיינער. עס זענען אויך דאָ אָנפאַלן פון די אַראַבער". הערנדיק די נייעסן, איז געפאַלן דער מוט. אויך איך האָב זיך נישט געפילט פיזיש שטאַרק און געמוזט טראַכטן וועגן עקזיסטענץ.

אין יאָר 1927 האָט פּאַסירט, אַז איציק באָרטשיק, דער זון פון אַ קאָצקער חסיד, נעמט אַ סומע געלט צו פאָרן קיין דאַנציק, כדי דאָרט קויפן אַ וואַגאָן הערינג — נאָר ער ווערט נעלם. אין אַ צייט אַרום קומט אָן אַ בריוו, אַז ער איז אין ריאָ־דע־זשעניירא,

בראַזיל, ווו ר׳האָט געעפנט אַ פאַבריק פון דאַמען־טאַשן, צוזאַמען מיט אַ שותף. ער שרייבט, אַז ריאָ איז אַ גרויסע שטאָט, פאַראַן דאָרט אַ סך אחינו בני ישראל, וואָס אָרדענען זיך איין נישט שלעכט. ס׳איז אַ נייער קאָנטינענט, ס׳עפנט זיך אַ מעגלעכקייט צו קאָנען אַנטרינען אין יענעם ווייטן, אומבאַקאַנטן לאַנד. אַ סך יוגנטלעכע הייבן אָן זיך גרייטן צו פאָרן אַהין. אויך איך נעם טראַכטן וועגן עמיגרירן, הגם די שרעק פאַר דעם אומבאַקאַנטן איז גרויס, דערצו נאָך אָן אַ שפּראַך, אָן קרובים, אָן קאַפּיטאַל, עקאָנאָמיש נישט זעלבשטענדיק. איך מיט די ברידער אַרבעטען צוזאַמען פאַר דער גאַנצער משפחה.

איך באַמי זיך צו קויפן די שיפס־קאַרטע מיט אַ הנחה, דורך „היאַס״, וואָס האָט געקאָסט 70 דאָלאַר, וועלכע איך האָב אַרויסגענומען פון אונדזער פאַרמעג. מיין פאָטער העלפט מיר אַרויסנעמען די נייטיקע דאָקומענטן, ווייל ער אַרבעט אין מאַגיסטראַט. מיין מוטער וויינט: „ס׳טייטש, אַ טאַטע זאָל העלפן אַ קינד פאַרלאָזן די היים, און זיך אָוועקלאָזן ווער ווייסט אין וועלכן שאול תחתיה? איר שלמהלע? !״

איך האָב שוין אַלץ פאַרטיק — דעם פּאַספּאָרט, די שיפס־קאַרטע, די וויזע קיין בראַזיל. אָבער ווי פאָרט מען אָן אַ פּרוטה אין אַזאַ ווייטן לאַנד? פון שטוב־פאַרמעגן איז אוממעגלעך אַרויסצונעמען נאָך עפּעס. דער טאַטע זאָגט, אַז ער וואָלט מיר געגעבן זיין אייגענע ספר־תורה, אָבער ווי גיט מען אַוועק אין דער פרעמד אַזאַ אָפּגעהיטענע הייליקייט? גיט ער מיר די מגילת אסתר, איינגעוויקלט אין אַ בלעכענער שייד, וועלכע איז געשטאַנען אין ספרים־שאַנק צווישן ש״ס, רמב״ם און אַנדערע הייליקע ספרים — און זאָגט: „אויב וועסט זיך נייטיקן אין הילף, קענסטו דאָס פאַרקויפן. מען זאָגט, אַז דאָרטן איז עס אַ גאַנצער אוצר. אָבער קיין געלט האָב איך נישט, אַפילו קיין מעג־לעכקייט צו באַקומען אַ הלוואה״.

איך שרייב צו מיין חבר שלמה מעער אין ניו־יאָרק, אַז איך גרייט זיך צו עמיגרירן אין דעם אומבאַקאַנטן בראַזיל, אָבער ווען איך זאָל כאָטש האָבן אַ 20—25 דאָלאַר אויף דער ערשטער צייט ביים אָנקומען אַהין. עס דויערט נישט לאַנג און איך באַקום אַ טעלעגראַמע מיט אַ טשעק אויף 25 דאָלאַר.

סוף יאַנואַר 1929. אויסערגעוויינלעכע פרעסט. שפּעט אָוונט קום איך אַריין אין שטוב. אַלע זענען באַזאָרגט: אין אַזאַ פראָסט פאָרט מען אַזוי נאַקעט? איך בין שוואַך און קראַנק. דער פיבער טרעט נישט אָפּ. ד״ר לאַסט, אַ חבר און פריינד פון אונדזער משפחה, געזעגנט מיך מיט אַ „פאָר־געזונט״ און באַמערקט: „איך וואָלט אויך געהאַט חשק צו עמיגרירן פון פוילן, נאָר איך האָב וואָס צו פאַרלירן. דו האָסט נאָר צו גע־פינען; פאָר מיט מונטערקייט און האָפענונג״.

מיין פאַטער באַמיט זיך צו שטאַרקן. איך עס די לעצטע „וויעטשערע", וואָס די ליבע מאַמע האָט ספּעציעל צוגעגרייט, נאָר עס עסט זיך נישט. אַלע מאָל גיט זי אַ קוק צו מיר, זי וויל באַהערשן די טרערן. מיין פאַטער מוסרט זי: „מאַך אַ פריילעכע מינע, דער לעצטער בליק בלייבט שטענדיק פאַר די אויגן, זאָל ער דיך זען נישט קיין פאַר־ווײנטע"...

ער בעט מיך, כ'זאָל זיך געזעגענען מיטן רב פון שטאָט — און ער גיט מיר זיין ברכה. איך גיי צוריק מיטן טאַטן, וואָס זאָגט מיר: „שלמה, דו פאַרסט דאָך אַוועק פון אונדז. אייניקע אָסטראָווער זענען שוין אַוועקגעפאָרן, אַנדערע קלייבן זיך צו פאָרן. אַז איר וועט קומען צו זיך, פאַרגעסט נישט אײנעם שטעטל, אײנעם רב און אײן קהל".

סוף־סוף דעקט מען מיך גוט איין אין דעם שליטן. קיינער פון דער משפחה אָדער חברים, האָבן צוליבן פראָסט נישט געקאָנט מיך באַגלייטן צו דער האַלב־סטאַציע אין גרודעק, 9 קילאָמעטער פון אונדז. מיין ברודער אליהו איז יאָ מיטגעפאָרן און באַצאָלט אַ טייערן פּרייז: די פינגער פון זיינע פיס האָט מען קוים געראַטעוועט, ווייל זיי זענען געוואָרן אָפּגעפרוירן.

איך קום קיין וואַרשע. דאָרט זענען דאָ מיין שוועסטער ראַשי, די משפחה, פעטערס, מומעס, קוזינען, פריינד, חברים, הירשל שטיגליץ. איך וויל בלייבן אין וואַרשע אייניקע וואָכן, אָבער די שטאָט איז געפרוירן, נישטאָ קיין האָלץ, קוילן, וואַסער. איך באַשליס צו געזעגענען זיך מיט וואַרשע און מיט פוילן.

אָנהייב פעברואַר 1929, באַגלייטן מיך אייניקע יונגע קוזינען, די זין פון פעטער שיע און מומע מינדל. די אַנדערע משפחה־מיטגלידער האָבן נישט געקאָנט אַרויסגיין אין אַזאַ פראָסטיקער נאַכט. ביי דער באַן וואַרשע — פּאַריז אַ גרויסער עשאַלאָן מיט עמיגראַנטן און באַגלייטערס. איך קאָן נישט געפינען קיין אָרט אַריינצוגיין. אומעטום זענען די אַריינגענג פאַרשטאָפּט. מיינע קוזינס שטופּן מיך אַריין מיט כוח. מיין באַ־גאַזש — אַ האַנט־וואַליזקע. ביים געבן דעם סיגנאַל פון אָפּפאָר, זענען אַ סך מענטשן אַרויס פון וואַגאָן, די באַגלייטערס. איך קוק מיך אַרום אויף מיינע שכנים — אַ פאַר־פאָלק מיט קינדער. „וווּ אַהין, ליבע שכנים?" „קיין בראַזיל, ריאָ". „איר האָט דאָרט קרובים?" די פרוי ענטפערט: „מיין שוועסטער, אַ רייכע, זי קומט אַלע מאָל צו גאַסט קיין וואַרשע".

מען פאָרט אַ גאַנצע נאַכט, אַ קאָנטראָל ביי דער פויליש־דייטשישער גרענעץ. ווי נאָר עס ווערט טאָג, שפּאַציר איך איבער די וואַגאָנען און דערוויס זיך — אַלץ עמיגראַנטן קיין דרום־אַמעריקע. איך שליס באַקאַנטשאַפט. איך בין דאָך אַליין.

עס פאָרן פאַרלעך גלייך נאָך דער חתונה; עס פאָרן מענער, וואָס האָבן איבער־

געלאָזט די משפחה; בחורים און מיידלעך פאָרן זוכן אַ בעסערע צוקונפט אויפן נייעם קאָנטינענט. „יציאת פוילן”. עס ווערט אַ ביסל לייכטער אויפן געמיט. איך בין נישט איינזאַם.

מיר פאָרן מיטן עשאַלאָן־צוג. אַלץ איז פאַרפרוירן, קיין טרונק וואַסער איז נישטאָ. אין דייטשלאַנד איז שוין לייכטער דער קלימאַט. אויף אַ זייטיקער ליניע אין בערלין בלייבט אונדזער צוג שטיין. אַ ליידיקע פּלאַטפאָרמע. נאָר פריידע מעער, משה מעערס אַ מיידל, שטייט ווינטערדיק געקליידט. זי איז געקומען מיך באַגעגענען און געזעגענען. זי איז פריִער פון מיר אָפּגעפאָרן קיין בערלין, צו אירע שוועסטערן.

אין אָוונט קומען מיר אָן אין פּאַריז, אין אַ פיינעם האָטעל, וווּ מען גיט אונדז אָוונט־ברויט. גאַנץ פרי קערן מיר זיך צוריק אויפן באַן־הויף — און מיר פאָרן דעם זעלבן אָוונט קיין ל׳האַוור, צום פּאָרט, צו פאָרן מיט דער פּוילישער שיף „קראַקאָוו”, וועלכע איז איינגעפרוירן געוואָרן אין דער פּאָרט־שטאָט גדיניע. וואַרטן מיר גאַנצע 3 וואָכן, אַז דער פראָסט זאָל זי באַפרייען.

טאָג־טעגלעך קומען אָן און גייען אָפּ שיפן אין אַלע טיילן וועלט. אַממייסטן זענען די פּאַסאַזשירן היימישע יידן פון די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, וואָס זוכן נייע קאָנטינענטן. אויך די צוריק פאַרנדיקע פון אַרגענטינע און בראַזיל גיבן איבער שרעקלעכע באַריכטן. ענדלעך איז די שיף אָנגעקומען פון גדיניע, וווּ זי האָט אויפגענומען אַ סך עמיגראַנטן פון פּוילן. מיר פאַראייניקן זיך מיט זיי, שיפס־ברידער.

די שיף איז אַ פּרימיטיווע, כמעט אָן לופט. מ׳איז כסדר אויפן דעק. די גרעסטע טייל ליידט פון דער ים־קראַנקייט. מען פאָרט 17 טעג אָן אָפּשטעל ביז ריאָ־דע־זשענעירא. ס׳איז דאָ צייט צו געפינען אַ צוגעפּאַסטע געזעלשאַפט. איך טרעף איינעם פון אונדזער געגנט, אַ גאַרבער. נאָך איינעם, זעט אויס אַ פּאַרמעגלעכער, פון יאַנאָוו־לובעלסקי. אויך פון גאַרבער־פאַך. מיר פאַרזיכערן איינער דעם צווייטן, אַז אין ריאָ וועלן מיר זיין איינס. מיינע קאַבינע־שכנים איז געווען די וואַרשעווער משפחה. די פרוי בעט, איך זאָל איר שרייבן אַ בריוו צו איר שוועסטער קיין בראַזיל. דער אַדרעס איז — אַ נומער פון אַ פּאָסט־קעסטל. מיר איז דאָס אויפפאַלנד. ס׳טייטש, אָן אַן אַדרעס? זי זאָגט מיר צו, אַז ווען מיר וועלן קומען קיין ריאָ, פאָר איך גלייך מיט איר צו דער שוועסטער די גבירטע. מיר איז גוט. איך האָב שוין אויף דער שיף קאָלעגן, וואָס וועלן זיך האַלטן צוזאַמען, און אַ היים ביי מיין שכנטעס שוועסטער. און וווּ איז איציק קאָרשיק?

אין בראַזיל

דעם 21טן מערץ 1929 קומט אָן די שיף קיין ריאָ־דע־זשאַנעיראָ. אַ גרויסע, מאָדערנע שטאָט, מיט פיל־שטאָקיקע געביידעס. די קאָמוניקאַציע — נאָר אויטאָמאָבילן און טראַמווייען. געוואַלד! מען קאָן זיך דאָ פאַרלירן. וואָס וועל איך טאָן? מיין „שיף־שוועסטער" זוכט איר רייכע שוועסטער — נישטאָ. אויף דער שיף איז געווען אַ פרוי מיט אַ קינד פון קראָשניק, איז איר מאַן געקומען זיי מקבל־פנים זיין מיט נאָך לאַנדסלייט. הער איך שרייען פון דער שיף דעם נאָמען דודל גאָלדפעלד. איך האָב געוווסט, אַז פריידע ראובן מעכעלעס האָט חתונה געהאַט קיין קראָשניק מיט דודל גאָלדפעלד און זיי זענען אין ריאָ־דע־זשענעירא. שריי איך: — גאָלדפעלד, וואָס מאַכט פריידע? פרעגט ער צוריק: „אַן אָסטראָוּוער? געקומען צו קאַרשיקן? ער איז שוין נעלם געוואָרן און באַנקראָטירט". אויס קאַרשיק, אויס שוועסטער.

מען פירט אונדז פון דער שיף צום „בלומען־אינדזל", אַרומגערינגלט פונעם ים און בערג. מיר ווערן קאָנטראָלירט דורך די אַרטיקע באַאַמטע — קליינוויקסיקע, האַלב־טונקעלע.

אויפן אינדזל געפינט זיך אַ רעסטאָראַן. די עמיגראַנטן און די וואָס זענען געקומען זיי אויפנעמען, גייען אַריין עסן און טרינקען. איך קאָן נישט חלומען אַריינצוגיין אין רעסטאָראַן עסן.

פאַרנאַכט פירט מען אונדז צוריק צו דער יבשה, מיט אַן אַדרעס וועלכן מ'האָט אונדז איבערגעלאָזט צום „רעליף". מיר גייען צופוס. ס'איז רעגנדיק. אייניקע בראַזיליאַנער ווילן אונדז העלפן און אַרויפזעצן אויפן טראַמוויי, מיר שרייען אָבער, ווער ווייסט ווו ער וועט אונדז פאַרפירן. דאָ האָב איך מיין „שטיף־שוועסטער" מיט איר משפחה און מוז העלפן טראָגן אירע פעק. זי בעט זיך, מען זאָל זי נישט איבערלאָזן מיט די קינדער. דער עולם האָט זיך קוים דערשלעפט צום „רעליף". די באַאַמטע זענען שוין געווען אומרואיק, זיי האָבן אויף אונדז געוואַרט, מיר זענען געקומען שפּעט. דער „רעליף" געפינט זיך אין אַן אַלטער געבידע. אין דער הייך — די צימערן פון דעם „רעליף", אונטן — אַ גרויסער קעלער, מיט טישן און בענק פאַר די, וואָס האָבן נאָך נישט קיין היים. אייניקע איינוווינערס פון קעלער באַגעגענען אונדז מיט אַ „ברוך־הבא": „וואָס זענט איר געקומען? ווו אַהין? וואָס וועט איר דאָ טאָן? אין דעם קלימאַט? שטאַרבן פון געלן פיבער?" (ס'האָט דאַן געבושעוועט אַן עפּידעמיע פון געלן פיבער).

מען טיילט אונדז צו הילף: דריי טעג נעכטיקן אין אַ האָטעל, און אויך מאָלצייטן. מיך קומט מקבל פנים זיין אהרון מרדכי רובינשטיין, אַ בעקער, וואָס איז געקומען

אייניקע וואָכן פאַר מיר. ער אַרבעט ביים באַקן מצות. ס'איז ערב פורים. ער האָט צו מיר טענות: „שלמה, ווען דו קומסט מיט אַ וואָך פריִער, וואָלט איך דיך באַזאָרגט מיט אַרבעט, אָבער איצט איז שוין צו שפּעט. לייבל און יענקל זאַראַבניק זענען שוין איינגעאָרדנט מיט אַ געוועלב צו פאַרריכטן שיך, אין צענטער שטאָט. אָבער קיין ווינונג האָבן זיי נאָך נישט, און געפינען זיך אין קעלער פון „רעליף". לייבל זאַראַבניק (שפּעטער רובין), האָט אַ טענה צו מיר: „צו וואָס ביסטו געקומען? פאַר וואָס האָסטו נישט געוואַרט אויף מיין בריוו, וועלכן איך האָב געשריבן צו דיין טאַטן, אַז שלמה זאָל נישט דערוועגן צו פאָרן קיין בראַזיל. ס'איז שלעכט — און אויב ר'איז שוין אַרויסגעפאָרן, זאָלט איר אים שיקן אַ שיפסקאַרטע אויף צוריק".

איך זידל אים אויס: „ווער האָט דיר געבעטן די טובה? מיינע עלטערן וועלן דאָך אומקומען פון דיין בשורה".

ס'איז דעמאָלט געווען אין ריאָ אַ „יידישע געגנט", ווו יידן האָבן געוווינט אין ענגשאַפט — אַ יידיש שטעטל, מיט יידישע מאכלים. מ'האָט זיך געטראָפן אין די קאַפעען און אויף טראָטואַרן. באַקאַנטע פון דערבייאיקע שטעטלעך רופן טרינקען אַ קאַווע, אָדער אַ פלעשל ביר. „שלמה, נישט געזאָרגט" — טרייסט מען מיך.

מען שיקט מיך דורכן „רעליף" אין אַ גאַרבעריי — אַ דייטשישע, אַ מאָדערנע, אויפן גרויסן פאַרנעם. מען גיט מיר שווערע אַרבעטן — צו טראָגן גרויסע פעלן. כ'זע, אַז איך וועל נישט אויסהאַלטן ביי דעם. איך בעט זיך ביים מייסטער, אַ דייטש פון פוילן, ער זאָל מיר געבן פאַכמענישע אַרבעט. זאָגט ער מיר, אַז „יידן ווילן גלייך ווערן מייסטערס. דאָ דאַרף מען נישט קיין פאַכלייט, ווי אין פוילן, אַלץ איז מעכאַניזירט".

נאָך דריי טעג מוז איך פאַרלאָזן. דער „רעליף" זאָגט מיר, אַז זיי העלפן נאָר דעם פּראָדוקטיוון עלעמענט, נישט הענדלערס און שפּעקולאַנטן.

איך ווער אַ פּעדלער

איך גיי זיך לערנען דאָס פּעדלער־פאַך. איך העלף טראָגן דאָס פּעקל און ווער אַ „קלאַפּער", ווייל מען גייט פון טיר צו טיר און מען קלאַפּט. איך טויג נישט צו דער פּרנסה פון „קלאַפּעריי", נישט פיזיש און נישט פּסיכיש. איז דאָס דער אידעאַל, די צוקונפט? די באַקאַנטע באַטראַכטן מיך ווי אַ בטלן, אַ שלימזל — און ווער וויל האָבן צו טאָן מיט אַזעלכן? פריידע גאָלדפעלד דערוווּסט זיך וועגן מיר, איך בין איר איינציקער לאַנדסמאַן. אַלע אַנדערע זענען קראָשניקער חברים און קרובים פון איר מאַן.

איך נעכטיק עטלעכע חדשים ביי איר אין הייפל, אויף דער גאַס. זיי האָבן אַראָפּ־געבראַכט אַ סך פון זייער משפּחה, העלפט איינער דעם צווייטן.

דעם ערשטן ערב פּסח זיצן אַלע „שיף־ברידער" און וויינען, וואָס מיר האָבן דער־לעבט. די גאָלדפעלדס אָרדענען איין אַ סדר אין זייער קליינער וווינונג פאַר דער משפּחה, אַלטע און נייע עמיגראַנטן. מיר האָט מען גאָרנישט געזאָגט. כ׳האָב נישט געהאַט אויף זיי קיין פאַרדרוס, וויסנדיק זייער לאַגע. אָבער ווי גייט מען אַריין אין דער סדר־נאַכט אין שטוב? סיי זיי און סיי איך וועלן זיך פילן אומבאַקוועם. איך זאָג צו זיך: שלמה, זיי שטאַרק און מוטיק, גיב זיך נישט אונטער די פאַרצווייפלטע מחשבות. קודם, עס אָפּ ביי די כינעזער אין רעסטאָראַן, דאָרט זענען געווען ביליקע מיטאָגן. און וואַש זיך אָרום, טו אָן די בעסטע מלבושים, קויף אַ פלעשל ווײַן און אייער, גיי אַרויף אין דער דירה (אַ צימער אָן אַ פענצטער), צוזאַמען מיט לייבל און יענקל זאַראַבניק. רובינשטיין האָט געהאַט מצות און מיר האָבן געמאַכט אַ סדר מיט מצות, ווײַן, אייער, נאָר אָן די 4 קשיות...

צומאָרגנס טראַכט איך, אַז בעצם בין איך פאַראַנטוואָרטלעך נישט בלויז פאַר זיך, נאָר כ׳האָב איבערגעלאָזט עלטערן, ברידער, שוועסטער, וואָס איך בין זייער האָפענונג.

איך גיי אַרויס אין גאַס יום־טובדיק אָנגעטאָן, נעם אין קעשענע אַ פּושקעלע מיט „צירונג", ווייל יעקב סיוואַק האָט אַמאָל געהאַנדלט מיט ביליקע קרעלן, אויערינגלעך, שפּילקעס. איך וועל פאַרלייגן די סחורה. עפּעס פאַרקויפט זיך. כ׳האָב שוין פאַרדינט עטלעכע מיל־רייס. כ׳קום אַריין אין אַ הויף, לייג פאַר די סחורה שעמעוודיק. אויף אַ גאַניקל שטייט אַ מאַן. דאַכט זיך, אַ יידישער אויסזען, עס שמעקט אויך מיט פּסחדיקן עסן. ער פרעגט מיך אויף יידיש: „אַ גרינער?" „יאָ". „פון וואַנען?" „פּוילן". „וועלכע שטאָט?" „לעבן לובלין". „ווי הייסט די שטאָט?" „אָסטראָווע". „אָסטראָווע? איך בין אַ פאַרצעווער. קענסט אפשר מיין שוואָגער?" — און זאָגט מיר זיין נאָמען. „אַ פראַגע! ער האַנדלט מיט מיין ברודער זישע — פלייש און אייער קיין וואַרשע".

ער פאַרבעט אין שטוב, איז מיך מכבד מיט ווײַן, כרעמזלעך, וואָס האָט מיך דערמוטיקט. דערנאָך — איך אַרבעט ביי פאַרשיידענע בעלי־בתים, נאָר עס גייט נישט. איך געווין נישט קיין קונדן. אויב יאָ, זענען דאָס „צוועקעס", אַזעלכע וואָס קויפן און באַצאָלן נישט. איך פאַרליר דעם מוט און באַשליס, אַז פאַר קיין פעדלער טויג איך נישט. איך דריי זיך אַרום מיטן „צירונג" צו פאַרקויפן, אָבער דאָס איז נישט קיין אויסזיכט פאַר דער צוקונפט.

אַ געוויסן אָוונט קומט צו מיר צו אלתר, וועלכן כ׳האָב געקענט פון לעווערטאָוו און זאָגט, אַז ער האָט אַ באַקאַנטן וואָס זוכט אַ „קלאַפּער". איך האָב שוין מורא

צו גיין צו אַ פרישן בעל־הבית, דאָך נעמט ער מיך צו יענעם אין שטוב, אין דער יידישער געגנט, נישט קיין איבעריק יחוסדיק אָרט. ער האָט שוין וועמען, נאָר ער וועט זען. מיר הייבן אָן רעדן, ער באַציט זיך צו מיר ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן. זיין פרוי מיט דריי קינדער האָט ער נאָר וואָס אַריבער געגומען פון פינטשעוו. ער הייסט הערצקע לאָקס.

אַ געוויסן טאָג טרעפט ער מיך אין גאַס. איך האָב אים קוים דערקענט. „שאַפּיראָ, איך וויל איר זאָלט מיט מיר אַרבעטן". איך דערצייל אים, אַז כ'בין נישט פּעיִק צו דעם פאַך, אָבער ער לאָכט זיך אויס און דערציילט מיר זיינע איבערלעבונגען. איך וויל פריִער פאַרקויפן מיין „צירונג", וואָס איך האָב אין קעשענע. איך ווייז אים דאָס — און ער צעשמייכלט זיך. ס'האָט באַטראָפן אפשר פינף דאָלאַר. כ'האָב ביי אים געאַרבעט צוויי חדשים, געהאַט דאָרט אַ בעטל, דערנאָך האָט ער מיר פאַרגעלייגט צו עסן ביי אים. מיר זענען געוואָרן פריינד אַלע יאָרן. ער איז אַמאָל געווען אַ בית־מדרש לערנער. שפּעטער, ווען זיין פרוי איז געשטאָרבן און ער איז געבליבן מיט דריי קינדער, האָבן מיר געוויינט צוזאַמען. אַז מיין ברודער יוחנן איז געקומען, האָבן מיר זיך אינאיינעם אויפגעהאַלטן.

מיין ברודער יוחנן, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט דבורה שמואל יואלס, האָט געגומען נדן און געהאַט אַ קינד. ער וויל קומען צו מיר. איך באַשרייב אים דאָס רעאַלע לעבן, די פרנסות, דעם קלימאַט, און פאַרענדיק, אַז ער קאָן קומען. אַ סך ייִדן לעבן דאָ. אַ טייל אַרבעטן זיך אַרויף, אָבער אָן אילוזיעס. מיינע בריוו שרעקן אים אָפּ, ער דאַרף איבערלאָזן אַ פרוי מיט אַ קינד. ערב דעם צווייטן פּסח פון מיין זיין אין לאַנד, שיק איך אים 20 דאָלאַר. דאָס איז דער בעסטער גרוס. ענדלעך קומט יוחנן מיט אַ ביסל קאַפּיטאַל. איך גיב אים אָנווייזונגען, ער איז אַ גוטער תלמיד. עס קומען שפּעטער נאָך פאַמיליעס. די ברידער שטיגליץ, די ברידער מילער, דוד בייער, שלמה שמירמאַן, וועלוועלע זיידהאַפּט, די ברידער מאַניש און בערטשע טקאַטש, מענדל באַראַך, לייבל ווינאַגראַד, יוחנן ווינאַגראַד, די שאַפּס. ישראל גאָלדשטיין איז געקומען פאַר מיר און צוליבן קלימאַט אַוועק ווייט קיין דרום, אין פּאָרטאָ־אַלעגראַ. כמעט אַלע ברענגען אַראָפּ די משפחות. נח באַבער, וועמען איך האָב געשיקט פּאַפּירן און געהאַט שפּעטער פאַר־דרוס, ווייל די פּאַפּירן האָט צוגעגרייט אַ „מאַכער" פאַר אַ דאָרפס־אַרבעטער — האָט מען אים געמסרט. אָבער צום סוף איז ער געקומען.

אויפגעשטעלט אַ משפחה

אין 1932 האָב איך געפילט, אַז מיינע באַשיידענע פאַרדינסטן דערלויבן מיר אויפ־צושטעלן אַ משפחה. איך האָב געקענט מיין איצטיקע פרוי, יהודית קאַגוט פון וואָלין.

געווען אַ מיטגלידערין אין דער ציוניסטישע פּאַרטיי „התחיה״, ווו זי איז געווען ביבּ־ליאָטעקאַרין. כ׳האָב זי באַקאַנט אין די ערשטע טעג נאָך איר אָנקומען, דעם 21טן מערץ 1930. זי איז מיר געווען סימפּאַטיש. אַ געוויסן אָוונט האָבן מיר געמאָלדן די ברידער אונדזער באַשלוס. האָט מען געטרונקען „לחיים״. עס זענען געקומען צו פאָרן דבורה, מיין ברודער עלי און איך האָב שוין געהאַט פון מיין צד מחותנים. דריי חדשים שפּעטער, דעם 30.6.32, איז אין אַ פּריוואַטער שטוב פאָרגעקומען אונדזער באַשיידענע חתונה. מיר האָבן געדונגען אַ דירה אין אַ פאָרשטאָט פון ריאַ, ווו איך האָב געהאַט מיין קליענטעלע און זיך איינגעאָרדנט מיט צופרידנקייט אין אַ באַשיידענער וווינונג. מיין ברודער עלי האָט אויך געוווינט מיט אונדז צוזאַמען. ביי אונדז אין שטוב איז געווען אַ היים פאַר מיינע לאַנדסלייט, אַלע האָבן זיך געפילט ווי ביי זיך. איך שיק אַהיים הילף יעדן חודש. מיר נעמען אַריבער אונדזער שוועסטערביילע, וואָס וווינט ביי אונדז. צו איר חתונה באַטייליקן זיך אַלע ברידער זי איינצואָרדענען. אונדזערע עלטערן און די שוועסטער שרייבן בריוו.

אונדז ווערט געבוירן דאָס ערשטע קינד, אַ מיידל צפּורה. דאָס צווייטע — רחל, און אהרן דאָס דריטע. איך מייד אויס צו ווערן געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. איך ווייס פון אייגענער פּראַקטיק און פון מיין פאָטערס דערפאַרונג, ווי ס׳זעט אויס די פּרנסה פון אַן עסקן. זיין פאַרנומען אין גאַס אין טראָפּישן קלימאַט, איז שווער. זיין פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, שטערט דער פּרנסה. מ׳איז דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אייגענער פאַמיליע.

די קינדער ווערן גרעסער. אַ געוויסן זונטיק בייטאָג, גייט די דינסט שפּאַצירן מיט דער עלטסטער טאָכטער, די 5־יאָריקע צפּורה. די שיקסע גייט מיט איר אַריין אין קלויסטער, ווו מען זינגט און דער אָרגל שפּילט. דעם צווייטן זונטיק זאָגט די טאָכטער: „לאָמיר גיין אין קלויסטער, דאָרטן איז אַזוי שיין״. מיר האָט אָנגעהויבן עקבערן דער געדאַנק: מיין פּאַסיווקייט ווירקט שלעכט אויף דער צוקונפט פון די קינדער. איך טרעף נאָך יידן, וואָס האָבן געוווינט אין דער געגנט. מיר הייבן אָן טראַכטן וועגן גרינדן אַ יידישע שול. נאָך גרויסע קאַמפן און שוועריקייטן צו דערגרייכן אַ געבידע, לערערס, קאָמוניקאַציע און איינריכטונג, שאַפן מיר די „ביאַליק־שול אין מעער״. דער דירעקטאָר פון דער שטאַטישער העברעישער גימנאַזיע, ד״ר פרידמאַן, העלפט אונדז מיט מיט זיינע אָפּטימיסטישע צוזאָגן. אויך מיין פרוי וואַרפט זיך אַריין מיט ברען ביים שאַפן די שול און שפּעטער ביים אויפהאַלטן זי. די ערשטע תלמידים זענען קינדער פון אָסטראָווער עלטערן: אונדזערע דריי קינדער; יאַנקעלע שרה רובינס, שפּעטער מילערס; רובינשטיינס און, דאַכט זיך, אויך שטיגליצס. דערנאָך אַרבעטן

מיט רובינשטיין און יעקב מילער און די אַקטיווע מיטשאַפערס משה און רחל רויזנ־בליט, וועלכע האָבן אויך געהאַט דריי קינדער. כאַראַקטעריסטיש, אַז פון דער ביאַליק־שול און שפּעטער פון דער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג, געפינען זיך אַ גרעסערע צאָל אין ישראל און פאַרנעמען אַן אָנזעעוודיק אָרט אויף אַלע געביטן.

מיר דערהאַלטן כסדר בריוו פון דער היים און שיקן רעגולער אַ באַשיידענע הילף. פון פּוילן קומען אָן שרעקלעכע ידיעות וועגן שיקאַנעס קעגן יידן, די פּרנסות ווערן אַרויסגעריסן מיט געוואַלד, היטלער חברט זיך מיט פּוילן. אַנטיסעמיטן און סתם כולי־גאַנעס שלאָגן און הרגענען. מיין פאָטער איז קראַנק, אָבער ער דערציילט דאָס נישט אין די בריוו. אינעם לעצטן בריוו, ווינטער 1938, געשריבן, ווי זיין געוווינהייט, מיט קליינע רש״י־אותיות, ענדיקט ער מיט די ווערטער: „קינדער, זעט אַרויסצוראַטעווען די משפּחה פון דעם גיהנום, וואָס רוקט זיך אונטער״. דאָס ווייטערדיקע איז שוין נישט לייענבאַר. אינעם צווייטן בריוו שרייבט שוין אונדזער מוטער, אַז דעם לעצטן בריוו האָט דער טאַטע געשריבן מיט אונדזערע בילדער אין דער האַנט. ר׳האָט אויף זיי געקוקט און איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 80 יאָר.

אַ גרויסער ייד, אַ גרויסער מענטש. אויסער „יחוס אבות״, ר׳ ברוכס מסטאַטשין־סטאַוויסק זצ״ל, איז ער געווען אַן עסקן באמונה שלמה. סיי ווען ר׳איז געווען יונג און פאַרמעגלעך, סיי אויף דער עלטער, בעת די וואַנדערונגען און דערנאָך צוריק אינעם חרובן שטעטל. פאַרטיידיקט די יידישע אינטערעסן אין מאַגיסטראַט און אין דער קהילה.

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — און שפּעטער

1939. די מלחמה ברעכט אויס. היטלער פאַרנעמט פּוילן. ווו איז אונדזער משפּחה? אַלע אַנדערע? מיר באַקומען בריוו, אַז אסתר מיט ישראלטשיק זיידהאָפט האָבן חתונה געהאַט און אַנטלאָפן קיין דאַמאַטשעווע, דערנאָך קיין קאָוולע. שפּעטער די וואַנדערונגען נאָך סיביר, אַזיע. פון דער מאַמען קומען אין אַנהייב איינצלנע בריוו. זיי ווייסן נישט איינער פון צווייטן, נאָר מיר גיבן איבער די ידיעות. שפּעטער זענען מיר אָפּגעשניטן. מ׳קאָן נישט שיקן קיין הילף. מיר פאָלגן נאָך די ידיעות וועגן דער יידן־אויסראָטונג. אָבער ווער איז מסוגל צו גלייבן, אַז מ׳זאָל פּייניקן און מאָרדן פרויען און קינדער?

די מלחמה איז געענדיקט. היטלער איז באַזיגט. אַ שמחה אויף דער פרייער וועלט. בראַזיל איז אויך געווען אַ פאַרבינדעטע, געשיקט מיליטער קיין איטאַליע. נאָר די שרעקלעכע ידיעות ווערן באַשטעטיקט. אונדזערע יידן אין פּוילן האָט מען אומגעבראַכט מיט זייערע רייכטימער און קולטור־אוצרות.


נאָך דער מלחמה איז מען שוין זיכער מיט דעם גרויסן חורבן, וואָס האָט אונדז

געטראָפן. מען זוכט אָפּ די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט. איך בין אין קאָנטאַקט מיט מיין שוועסטער און שוואָגער ישראלטשע, אויך מיט לייבל אַלקאַן ע"ה און שמואל אַבאַרבאַנעל — אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד און שפּעטער אין ישראל. דריי מענטשן זענען דורך אַ צופאַל געבליבן לעבן. דומאַן איז נאָך אַ לעבעדיקער עדות, וועלכן טאָג מען האָט די אָסטראָווער אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע.

מיט גרויסע שוועריקייטן נעמען מיר אַריבער קיין בראַזיל פון בערלינער לאַגער אונדזער שוועסטער אסתּר מיטן שוואָגער ישראלטשען און צוויי קינדער, וועלכע זענען געבוירן בעת זייערע וואַנדערונגען.

די אָסטראָווער קאָלאָניע אין בראַזיל האָט נישט געהאַט קיין אָפיציעלע אָרגאַניזאַציע, מ'איז אָבער געווען אין קאָנטאַקט און זיך באַמיט צו העלפן אַ לאַנדסמאַן. מ'איז געווען אין קאָנטאַקט מיט אַלע עמיגראַנטן פון לובלין, וולאָדאַווע, כעלם, סאָסנאָוויץ, פּאַרצעוו, לעווערטאָוו און אַנדערע. מיט דער צייט איז אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט געווען פון די גרעסטע. אַלע האָבן זיך איינגעאָרדנט, אויסער געציילטע משפחות.

עס ווערט געשאַפן אונדזער אויסגעחלומטע מדינת ישראל. אַ גרויסע פרייד, דערלעבט אַ שטיקל נחת נאָכן גרויסן חורבן.



ועד הסתדרות צעירי מזרחי • קאָמיטעט פון צעירי מזרחי
Young Mizrachi Histadrut committee

קינדער־זכרונות פון דער ערשטער וועלט־מלחמה

שרה קופערשמיד־רובין / ברור־חיל

איך בין געבוירן אין יאָר 1908, אין פינפטן טאָג חנוכה, ווען ס'איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע פון מיין ליבן פאָטער אליעזר קופערשמיד ז"ל, אַז ער איז שוין אויף דער שיף, וועלכע וועט אים, מיט נאָך אייניקע יידן, ברענגען אין „גאָלדענעם לאַנד" — אַמעריקע. אין יאָר 1913 קומט מיין פאָטער צוריק, ווייל אַראָפּנעמען די פאַמיליע קיין אַמעריקע, איז נישט געקומען אין באַטראַכט — זיי וועלן דאָרט ווערן גויים, נישט אָפּהיטן יידישקייט ווי אונדזערע עלטערן האָבן דאָס געטאָן. פון דעם טאָג פון מיין פאָטערס צוריק קומען, הייבן זיך אָן מיינע זכרונות.

די שטוב איז פול מיט מענטשן, פרעמדע און קרובים. האָט מען אין מיר פאַרגעסן. איך קריך אַרונטער אונטערן בעט — מיין שטענדיק באַהעלטעניש און ווער אַנטשלאָפן. געוווינט האָבן מיר אויף באַבסקי גאַס. (פאַר וואָס מ'האָט די גאַס גערופן באַבסקי, ווייס איך נישט, ווייל קיין שילד מיט נעמען פון די גאַסן, איז בכלל נישט געווען). אַזוי ווי אונדזער הויז איז געווען אין אַ ראָג, האָבן מיר געזען גאַנץ ווייט איבערן טראָטואַר דעם רינעק פון הינטערן מאַגיסטראַט, ווו מ'האָט אין די מאַרק־טעג און ירידים געהאַנדלט מיט פערד. רעכטס האָט זיך געצויגן אַ ריי הייזער. דאָס ערשטע הויז פון דער ריי איז געווען דאָס ירושה־הויז פון זלמן זרח זיידהאַפּט, צו וועלכע אויך מיין גאָטזעליקע מוטער האָט געהערט. אַרויפצו איז געווען אַ ליקל (דורכגאַנג), ווו מיין שוועסטער האָט געלערנט שניידעריי ביי דער שטומער גאָלדע (אַזוי האָט מען זי גערופן צוליב איר פעלערהאַפטער אויסשפּראַך). צו איר פלעגט מיין מוטער מיך שיקן אָפטמאָל מיט עפּעס אַ שליחות צו מיין שוועסטער רבקה. אַזוי ווי אַרום איז געווען דער צוגאַנג צו דעם ברונעם, פלעגט די מוטער שטיין אויפן שוועל, ביז מיין צוריק קומען.

מיין עלטסטער ברודער דערציילט אין שטוב, אַז ער וויל הייראַטן מיט גיטל ר' רפאל פשעגורקעס צווייטער טאָכטער, אונדזערע שכנים פון אַנטקעגן. די עלטערן זענען צופרידן. מיין פאָטער באַשטעלט אַרבעטער צוצובויען נאָך אַ צימער, אָדער ווי מ'האָט דעמאָלט גערעדט — צובויען נאָך אַ פליגל. דער פאָטער לאַדט איין די מוטער און די כלה, מען פאָרט קיין לובלין און ער קויפט פאַר ביידע די זעלבע צירונג. שפּעטער קומט פאַר די חתונה. איך געדענק ווי דורך אַ נעפּל די שיינע, פריילעכע חתונה ביי דער כלה אין שטוב, געפּאַקט מיט געסט, לרוב פון דער אייגענער משפּחה

(אַלע זיידהאַפּטס) און אַ סך געסט פון דער כלה׳ס צד. דאָס יינגע פּאָרפאָלק ציט זיך אַריין צו אונדז אין דעם צוגעגרייטן צימער.

דאָס לעבן אין שטעטל איז געווען כולו פרומקייט, ביי די מענער, ווי ביי די פרויען. די מענער זענען גאַנץ פרי אַוועק אין דער גרויסער שיל צו דאַווענען שחרית, פאַר־נאַכט — צו מנחה און מעריב. שבת, פלעגט אויך די מוטער גיין אין שיל, שיין אָנגעטאָן, מיטן סידור, ווי אַלע פרויען אין שטעטל. מיין שיינע שוועסטער האָט געגרייט דעם טיש מיט וויין, קיכלעך און גוט אָכטונג געגעבן, אַז די יינגערע קינדער זאָלן, חלילה, נישט אַראָפּכאַפּן אַ קיכל, ביז די עלטערן וועלן קומען פון שיל מיטן „גוט־שבת אייך, קינדער״, מיך נעמען אויף די הענט און אַ קוש טאָן.

די משפחה האָט געלעבט בכבודיק, געאיייניקט, מיט ליבע צווישן די עלטערן און דעם גאַנצן הויזגעזינט.

צום יאָר ווערט געבוירן מיינע עלטערנס ערשט אייניקל, אַ מיידעלע. די פרייד איז גרויס ביי די גליקלעכע טאַטע־מאַמע, ווי ביי די גליקלעכע זיידע־באָבע און אויך ביי מיר. אַז מ׳האָט מיך צוגעלאָזן זען דאָס קינד, באַרירן אירע הענטעלעך, האָב איך פאַרגעסן אין מיינע חברטעס און שפּילערייען.

דאָס לעבן גייט זיך געמיטלעך, מיט אַלע אָסטראָווער געוווינהייטן, ביזן יאָר 1914, ווען ס׳האָט דעם 14טן אויגוסט זיך דערהערט דער שרעקלעכער רוף „מלחמה״. אַלע שכנים, מיט אונדז צוזאַמען, האָבן אין אַ געמויערטן קעלער באַהאַלטן דאָס שווער־פאַרהאָרעוועטע האָב־און־גוטס. אין שטוב בלייבט נאָר דאָס נייטיקסטע. אָט זענען די זעלנער שוין ביי אונדז אין שטוב. מיין פאָטער און מוטער איז באַפאַלן אַ שרעק, ווייל די זעלנער וואַרפן אַ בליק אויף מיין שיינער שוועסטער און זאָגן מיין פאָטער, אויב מ׳וועט זי זיי געבן, וועט מען קיינעם פון אונדז קיין שלעכטס נישט טאָן. די מוטער פירט זי שנעל אַרויס דורך דער הינטערטיר, דער פאָטער ציט אָפּ דעם געשפּרעך, ווי לאַנג ס׳לאָזט זיך. די זעלנער מיינען, אַז די שוועסטער געפינט זיך אין אַלקער און לאָזן צו זיך ריידן. צום סוף גיט זיי מיין פאָטער אַ גרויסע סומע און זיי גייען אַוועק. ווי נאָר זיי האָבן פאַרלאָזט די שטוב, האָט מיין פאַמיליע ווי אויך די שכנים גענומען זיך גרייטן צו אַנטלויפן קיין פאַרצעווע. מ׳פאַרשטופּט דאָס צירונג אין פאַל פון אַ נויט. יעדער נעמט אַ טלומעק אויף די פּלייצעס, די שוועגערין — איר קינד אויף די הענט און דאָס נייטיקסטע פאַרן קינד. די אַנדערע נעמען עסנוואַרג און אָנטאָן. מ׳דאַרף גיין צופוס. איך בין ווי אַ לאַסט. וואָס טוט מען מיט מיר ? טראָגן מיך קאָן מען נישט, גיין מיט אַלע — איז אַוודאי נישט מעגלעך. מיין מוטער נעמט מיך צו דער משפחה אין דער ירושה־שטוב — אַזוי ווי אַלע ברידער זיידהאַפּט, זלמנס זין, האָבן געהאַנדלט מיט

פערד און געהאַט פערד־און־וואָגן, זאָל מען מיך מיטנעמען. ר׳ מרדכי, אסתר־זלאַטעס זידע, זאָגט צו מיך צו היטן, ביז מ׳וועט מיך ברענגען צו מיינע עלטערן. פון שטעטל האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין מענער און פרויען, זקנים און קינדער — אַ זייער טרויעריק בילד.

די וועלכע האָבן געהאַט פערד־און־וואָגן, איילן זיך נישט. מ׳האָט אַלץ געוואַרט, אפשר וועט מען קאָנען בלייבן אין שטעטל. אַזוי איז פאַרביי דער טאָג. צומאָרגנס בין איך צוגעגאַנגען צו אונדזער הויז, געטראָפן אַלץ צעוואָרפן, אויפגעפּראַלטע טירן, דעם פאָטערס טלית צעשפּרייט אין גאַס, קיין ייִדן זעט מען נישט, נאָר זעלנער וועלכע האָבן זיך געיאָגט כאַפּן עופות. אַ פאַרווײנטע, בין איך צוריק אַוועק אין דער ירושה־שטוב, ווו מ׳האָט זיך געגרייט מיט אַ סך געפּעק. פּלוצים דערהערט מען אַ געשריי: „ייִדן, ס׳ברענט!” דער פלאַם איז געקומען פון דער רוסישער צערקווע, אויפן וועג קיין פאַרצעווע. מ׳האָט מיך שנעל אַריינגעזעצט אין דער פור, ר׳ מרדכי הילט מיך איין אין זיין כאַלאַטל און די עטלעכע פורן מיט די אויסגערוטע פערד האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פאַרביי די פלאַמען, מיטן הינטערשטן וועג פון דער פאָטשט — און מיר זענען בשלום אַריבער די שטרויכלונג.

אין פאַרצעווע איז מען פאַרפאָרן צו דער שיל, ווו ס׳איז נישט געווען ווו אַ פוס אַריינצושטעלן. מיין פאַמיליע האָט זיך שוין דאָרט געפונען. האָבן מיר זיך געהאַלטן צוזאַמען און אָפּגעוואַרט וואָס וועט זיין ווייטער. פאַרנאַכט פאַלט אַ באָמבע אין שיל, דערהרגעט איינעם און פאַרוואונדעט אַ צאָל. די פּאַניק איז גרויס, מ׳הערט געוויינען פון קינדער, אַ צעטומלעניש. דער פראָנט דערנענטערט זיך, לאָזט מען זיך לויפן ווייטער, קיין סלאָוויטיטש. מיין ברודער אברהם־לייב מיט זיין פרוי און קינד וואַרטן נישט אויף קיינעם און לויפן מיטן שטראָם. ביי מיינע עלטערן בלייב איך ווייטער „דער שוואַכער פונקט”: וואָס טאָן מיט מיר? אַזוי ווי ס׳זענען געווען ייִדן מיט וועגענער פון אַנדערע שטעטלעך און נאָך געהאַט אָרט פאַר אַזאַ „באַשעפעניש” ווי איך, בין אויך איך געפאָרן קיין סלאָוויטיטש. מיין פאָטער באַצאָלט דעם אומבאַקאַנטן ייִדן וויפל יענער פאַרלאַנגט, מ׳זעצט מיך אַרויף אין דער פור, די מוטער וויינט און זאָגט מיר אָן: „נישט וויינען”, זי וועט קומען מיך אָפּנעמען. דער וועג איז אַ לאַנגער און אַ שווערער, אויסגעמישט וועגענער און פוסגייער. דער דורשט האָט געמאַטערט, דער הונגער דריקט. דער ייִד האָט מיר גאַנץ אָפן געזאָגט, אַז ער דאַרף זאָרגן פאַר זיין אייגענער פאַמיליע — און מיר צוגעוואָרפן אַ סקאָרינקע. אַ טרונק וואַסער האָט מען אָנגעשעפּט אין ראָוו ביים וועג.

ענדלעך אָנגעקומען קיין סלאָוויטיטש און פאַרפאָרן אויף אַ גרויסן אָפּגעצוימטן

פלאַץ, ווו אַלע פּליטים האָבן זיך אָפּגעשטעלט. פּלוצים האָב איך דערהערט מיין מוטערס קול, זוכנדיק מיך צווישן די וועגענער און בוידן, ביז זי האָט דערהערט מיין שרייען און געקומען מיך נעמען. ס'איז געווען אַ פּרייטיק. אַ סך איינוווינער האָבן געבראַכט פאַר די היימלאָזע טרינקען און עסן. מיין פאָטער האָט געהאַט אין שטאָט אַ קרוב, וועלכער האָט גענומען אונדזער פאַמיליע צו זיך אויף שבת. מוצאי שבת האָט מען זיך געלאָזט צו דער באַן, כדי זיך אַריינצובאַקומען אין אַ וואַגאָן, איז מען געקראָכן איבער קעפּ. ס'איז נישט געווען קיין קאָנטראָל. אַזוי האָט איינער דעם צווייטן געהאָלפן און מיר זענען ווידער אַלע צוזאַמען אין איין לאַסט־וואַגאָן, אָנגעפּאַקט ווי גענדז אין אַ שטייג.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער דראַמאַטישער וועג קיין רוסלאַנד. דער צוג האָט אָנגעהויבן פאָרן — אָבער נישט לאַנג, זייער אָפט זיך געשטעלט. דער וועג האָט געדויערט עטלעכע וואָכן, דאָס עסן האָט זיך געענדיקט, אויך דאָס וואַסער. קינדער האָבן געוויינט. יעדעס מאָל ווען די באַן איז געשטאַנען, פלעגן מענטשן אַראָפּשפּרינגען און זוכן אין פעלד אַ קאַרטאָפל, צי אַ מייערל. אַלץ וואָס מ'האָט געקאָנט עסן, האָט מען גענומען. פון דעם עסן איז מיין שוועסטער קראַנק געוואָרן אויף דיזענטעריע. אַ געוויסן טאָג קומט דער קאָנדוקטאָר און זאָגט, אַז ביים נאָענטסטן דאָרף וועט דער צוג שטיין אַ גאַנצן טאָג. מיין שוועגערין מיטן קינד און מוטער, אויך איך, גייען אין דאָרף, אפשר וועט מען עפּעס קויפן. מיר דערפילן אַ ריח פון פריש געבאַקן ברויט און גייען אַריין אין דער כאַטע. די שוועגערין בעט, מ'זאָל איר פאַרקויפן כאָטש איין ברויט. די פויערטע וויל נישט אַפילו הערן — און הייסט זיך אָפּטראָגן. די שוועגערין זאָגט צו מיין מוטער, זי זאָל נישט אויפהערן רעדן מיט דער פויערטע און דערווייל נעמט זי אַ ברויט אונטערן פאַרטעך און גייט אַרויס. מ'איז צוריק אַוועק צו די וואַגאָנען. מיט דעם ברויט האָט מען אַ לאַנגע צייט דערנערט דאָס קינד.

אַ געוויסן טאָג האָט דער צוג זיך געשטעלט ביי אַ סטאַציע, מ'האָט געעפנט דעם וואַגאָן און ס'האָט זיך באַוויזן אַ רוסישער אָפיציר. ער האָט גוט באַטראַכט וואָס עס קומט פאָר אין וואַגאָן. ער באַמערקט מיין קראַנקע שוועסטער און פרעגט, אין יידיש, וואָס איז איר ? ער הייסט אַלעמען אַרויסגיין צום וואָקזאַל און הייסט טיילן יעדן איינעם זעמעלעך מיט טיי. ער נעמט די שוועסטער צום פעלד־דאָקטער, זי באַקומט רפואות. טאַקע אויפן אָרט ווערט באַשטימט יעדנס גורל, ווו זיי צו שיקן. די מערסטע האָט מען געשיקט קיין אָמסק, טאַמבאָוו — סיבירער שטעט. מיין פאָטער האָט פון לאַנג געהאַט אַ ברודער אין אוקראַינע, אין דער שטאָט קרעמענטשוג און געבעטן, מ'זאָל אונדז דאָרט לאָזן פאָרן. מ'האָט די דערלויבעניש געגעבן. מיין ברודער האָט געדאַנקט דעם אָפיציר

אין נאָמען פון אַלע און געבעטן זיין נאָמען. דער מאַן איז געווען ש. אַנסקי, שפּעטער באַקאַנט ווי דער מחבר פון דער פּיעסע „דער דיבוק".

מ'האָט אונדז איבערגעפירט אין אַ צווייטן צוג, וועלכער האָט אונדז געברענגט צו אונדזער פעטער שמוליק קופערשמיד. ער האָט געוווינט אין אַן אַריסטאָקראַטישער געגנט, נאָר אונדז פאַרשטופּט הינטערן שטאָט, ביים וואָקזאַל, אין איין צימערל, וואָס האָט געדינט פאַר אַ געוועלבל מיט אַ לאַנגער סטויקע, ווי אין אַ שניט-קראָם. דאָס האָט געדאַרפט זיין פאַר זעקס נפשות. צו אַלעם, איז אין מיטן צימערל געשטאַנען אַ הויך, אייזערן אייוועלע, געהייצט אויף קוילן, וועלכע איך מיט מיין ברודער יאָסקע פלעגן ברענגען פון וואָקזאַל. די באַן־באַאַמטע האָבן אונדז זייער פיין באַהאַנדלט. אויך הייסע טיי פלעגן מיר ברענגען פון וואָקזאַל. קיין ייִדן האָב נישט געוווינט אין דער געגנט. אַז די משפחה האָט זיך עטוואָס איינגעאָרדנט, האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַ דירה אין שטאָט און מיט משה־אהרון, דעם הויפּט־שמש פון אַסטראָוווער שיל, האָבן מיר געוווינט צוזאַמען אין אַ צווייטער דירה, ביז דער גרויסער פאַרפלייצונג אין פרילינג, ווען דער דניעפּער צעגיסט זיך. ר' משה־אהרון האָט מען דאָרט אויפגענומען אַלס רב. ער האָט געהאָט זיינע חסידים און די קהילה האָט זיי אויסגעהאַלטן.

בעת דער פאַרפלייצונג האָבן אויפן טייך קורסירט שיפלעך. מ'האָט אַלעמען באַ־זאָרגט מיט ערטער, ווו דאָס וואַסער איז נישט צוגעקומען: אין סאַלאָנען פון ביליאַרד, טעאַטערס, שולן. ווען די וואַסערן האָבן זיך צוריקגעקערט, האָט מען זיך פאַרשטענדיקט מיט אַ לענטשנער משפחה און מ'איז אַריין וווינען צוזאַמען אין דער ייִדישער געגנט. די שוועסטער האָט באַקומען אַרבעט ביי שניידעריי, אויך דער פאָטער האָט באַקומען אַרבעט. מיין ברודער זרח האָט מען צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט און מיין מוטער האָט אָנגעהויבן פאַסטן צוויי מאָל אַ וואָך. איך האָב אָנגעהויבן לערנען אין אַ ייִדישער שול פאַר היימלאָזע („בעזשענצעס"). מיין יאָסקע האָט געלערנט אין תלמוד־תורה. דעם עלטסטן ברודער מיט זיין פרוי און קינד האָט דער פעטער באַזאָרגט מיט אַ דירה און אַרבעט.

צו די צוויי יאָר, האָט מיין שוועגערין געבוירן אַ ייִנגעלע, יאָסעלע. דאָס לעבן איז נישט געווען לייכט, אָבער נישט צו שווער — ביז דעם יאָר 1917, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, מיט די שרעקלעכע נאָכפאָלגן ספּעציעל פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג, מיטן באַפאַלן זיי פון באַנדעס, מיט מאָרדן, שענדן און רויבן. מ'איז כסדר געווען אונטערן פייער. דער פעטער איז געקומען און אוועקגענומען די שוועסטער מיט דער קוזינע אין אַ קלויסטער. אַזוי ווי ס'פלעגט צופאַלן די נאַכט, האָבן זיך אָנ־געהויבן די ייִדישע געוואַלדן. דער מצב האָט אָנגעהאַלטן, ביז די „גרויסע" (ווי די ייִדן

פלעגן מיט פרייד רופן די באָלשעוויקעס) זענען געקומען. מ׳האָט דורכגעמאַכט זייער שווערע צייטן, מ׳האָט איינגעשטעלט אָרדענונג אין לאַנד. אויך ביי אונדז האָט זיך די לאַגע פאַרבעסערט. צוליב מיין פאָטערס עלטער, האָט ער באַקומען אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ פאַבריקל, נאָר נישט האַלטן קיין אַרבעטער. האָבן אַלע אייגענע דערביי געאַרבעט. אַכט שעה אַרבעט פאַר דער רעגירונג איז, לויטן געזעץ, געווען אָבליגאַ־טאָריש. נאָך די אַכט שעה, האָט מען געאַרבעט אין דעם פאַבריקל פון געגריוועטע שיך, אינסטאַלירט ביי מיין ברודער אברהם־לייב אין שטוב. מיין ברודער זרח, אַ גוטער פאַכמאַן־גאַרבער נאָך פון אָסטראָווע, האָט באַקומען אַרבעט אין אַ פאַבריק.

אין 1920 פאָרט מיין פאָטער קיין פוילן, זען צי ס׳איז דאָ נאָך וואָס צוריק צו קומען קיין אָסטראָווע. נאָך אַ חודש קומט ער צוריק און דערציילט, אַז אַלץ איז דאָרט פאַרברענט. פונעם הויז און פאַרמעגן איז גאָרנישט געבליבן. מיינע עלטערע ברידער, שוועסטער און שוועגערין ווילן נישט הערן פון בלייבן אין רוסלאַנד. יעדער האָט זיין סיבה. די שוועגערין וויל צו אירע עלטערן קיין לעווערטאָוו, מיין ברודער זרח איז פאַרקנסט צום סקורניקס טאָכטער דינה, וועלכע איז געבליבן אין לובלין. דערנאָך, ווען מ׳האָט געעפנט די טויערן פון רוסלאַנד פאַר אַלע פרעמדע, האָבן מיר זיך געזעגנט מיט אונדזערע פריינד און ווידער געפאָרן, אין זייער שלעכטע באַדינגונגען. געקומען קיין לובלין, האָט זיך די משפחה צעשיידט. זרח איז געבליבן אין שטאָט, די שוועסטער מיט איר מאַן און ברודער מיט זיין פאַמיליע, זענען געפאָרן קיין לעווערטאָוו. די מוטער, איך און מיין ברודער יאָסקע ווערן קראַנק אויף טיפוס. מ׳האָט אונדז גענומען קיין לובלין אין שפּיטאָל. דער פאָטער איז געפאָרן קיין אָסטראָווע צוגרייטן אַ וווינונג ווען מיר וועלן פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל.

אין אָסטראָווע האָב איך געטראָפן אַלץ, ווי מיט אַכט יאָר צוריק — אָן סאַניטאַרע איינריכטונגען, אָן וואַסערלייטונג. איך האָב געהאַט די אויפגאַבע צו באַדינען די קראַנקע מוטער, וועלכע איז צום יאָר נפטר געוואָרן. איך האָב באַדינט דעם גוטן טאַטן מיינעם, וועלכער איז פאַר מיר געווען סיי פאָטער, סיי מוטער. איך האָב באַקומען חברטעס. ווען שלמה שאַפּיראָ מיט נאָך חברים האָבן געשאַפן די ביבליאָטעק, איז מיין גרעסטער און בעסטער צייט־פאַרטרייב געווען אַ בוך. דער טאַטע האָט ניט געשטערט.

מיט דער אָסטראָווער אָרעמקייט, האָב איך זיך אָנגעהויבן באַקענען, ווען כ׳בין נאָך זיבעצן יאָר געוואָרן אַ כלה פאַר יענקעלע שמאיס, ווי מ׳פלעגט אים רופן. מיין ליבע שוויגער, מאַשעלע די צדקת, האָט שטענדיק זיך פאַרנומען מיט עלנטע, קראַנקע, נויטבאַדערפטיקע. אין דעם ענין האָט זי מיך אַריינגעצויגן, געשיקט זאַמלען נדבות

פאַר די וואָס האָבן געדאַרפט הילף — נאָר יענער זאָל זיך נישט פילן געפאַלן אָדער באַליידיקט. פרייטיק איז געווען די זעלבע אויפגאַבע פון צונויפנעמען חלה, ברויט, אַפילו פיש. זי פלעגט ערב אַ מאַרק־טאָג אָדער אַ יריד אַנטלייען געלט אָרעמע פרויען, זיי זאָלן קאָנען עפּעס פאַרדינען און שטילן דעם הונגער פון זייערע קינדערלעך. צו מיר איז זי געווען ווי אַ מאַמע, בפרט ווען מיין מאַן יענקל איז אין 1929 אַוועקגעפאָרן קיין בראַזיל און איך בין געווען אין די ערשטע חדשים פון שוואַנגערן. ווי אָרעם די יידן זענען געווען, האָט מען ערב שבת געזוכט אַן אורח אַהיימצונעמען, אין דער וואָכן געגעבן אַ וואַרעם מאָלצייט פאַר אַ מדינה־גייער, ווען זיי פלעגן זיך אָפּשטעלן אין שטעטל. דער שווער שמאי ז״ל האָט זיך געמישט אין קהלשע זאַכן, פרייטיק איז ביי אים געווען ווי אַ נדר צונויפצונעמען אויף אַ פאַרקן פאַרן בית־החיים.

מיין פאָטער איז שוין דאָן געווען אַן עלטערער מענטש. מיין שוועסטער מיט איר מאַן און צוויי קינדער זענען צוריק געקומען קיין אָסטראָווע און געוווינט מיטן פאָטער צוזאַמען. אויך אברהם־לייב מיט זיין משפחה זענען געקומען צוריק קיין אָסטראָווע. מיין ברודער יאָסקע האָט חתונה געהאַט מיט דער קוזינע מלכה. זיי זענען געווען מיט צוויי קליינע קינדער. ווען מ׳האָט אָנגעהויבן רעדן פון אַ נייער מלחמה, האָט מיין שוויגער ז״ל אָנגעהויבן שטורעמען איך זאָל נעמען מיין זונעלע און פאָרן קיין בראַזיל. איך האָב אָבער געהאַט מיין פאַמיליע און נישט נאָכגעגעבן, ביז מיין מאַן האָט מיר געשריבן, אַז אויב איך וועל ביז אַ געוויסן טערמין נישט פאָרן, רופט ער אָפּ די שיפסקאַרטע. אין יאָר 1931 האָט מיין פאָטער באַגלייט מיך מיטן קינד ביז וואַרשע, וווּ מ׳האָט אַלץ לעגאַליזירט צום פאָרן. מיט גרויס ווייטיק האָב איך זיך געזעגנט, נישט פאָרשטעלנדיק זיך, אַז ס׳איז געווען דאָס לעצטע מאָל, ווי איך האָב מיינע אייגענע געזען און געקושט...



קבוצת יהודים בעיירה בשנות העשרים • אַ גרופּע יידן אין שטעטל, אין די צוואַנציקער יאָ
A group of the town's Jews during the 20s



סניף „השומר הדתי" באוסטרוב • די אָרגאַניזאַציע „השומר הדתי" אין אָסטראָווע
"Hashomer Hadati" branch in Ostrov

פונעם רעליגיעזן און געזעלשאַפטלעכן לעבן

מרדכי קאָרנבלום

לויט ווי איך געדענק אונדזער שטעטל, איז עס געווען גאָר עפּעס באַזונדערס, וואָס מ׳קאָן נישט געפינען זיינס גלייכן צווישן די אַנדערע קליינע שטעטלעך אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן.

יידישע פּרנסות

אין שטעטל האָט געהערשט אַ גרויסע אָרעמקייט, ווייל פּרנסה־קוואַלן זענען געווען אין אַ באַגרענעצטער מאָס: אַ ביסל געווועלבן, וואַרשטאַטן פון שוסטעריי, שניידעריי, איינציקע סטאָלערעס און אַ גרויסע צאָל גאַרבערס, אין פאַרגלייך מיט דער צאָל פון דער באַפעלקערונג. פאַבריקן, סקלאַדן אָדער אַנדערע אונטערנעמונגען, זענען נישט געווען. די עטלעכע הענדלער פון תבואה, האָבן אָבער נישט געהאַט דעם מעמד פון סוחרים. געווען אויך אייניקע בעלי־עגלות און הענדלערס פון פערד און בהמות און אויך יידן אָן באַשעפטיקונג, אַזעלכע וואָס מ׳זאָגט אויף זיי, אַז „זיי לעבן פון ווינט״.

אין מיינע יונגע יאָרן, איז קיין דאָקטער אין אָסטראָווע נישט געווען. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אַריינצייען אַ פעלדשער, אָבער די איינציקע מעדיצינישע מיטלען וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, זענען געווען: אַ לעוואַטיווע, פּיאַווקעס און שטעלן באַנקעס. נאָר אויב ס׳האָט זיך געטראָפן אַ פאַל, אַז מ׳האָט געדאַרפט ברענגען אַ דאָקטער פון לעווערטאָוו אָדער פון פאַרצעווע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך הונדערטער זלאָטעס — איז די סומע געשאַפן געוואָרן אין אַ קורצער צייט און מ׳האָט דעם דאָקטער געברענגט. געווען אַזעלכע פאַלן. נאָך היינט וווּנדער איך זיך, ווי אַזוי האָבן אַזעלכע אָרעמעלייט געקאָנט שאַפן אַזאַ סומע.

קיין גבירים זענען אין אָסטראָווע נישט געווען, נאָר אַזעלכע פאַמיליעס, וואָס האָבן געהאַט פּרנסה, און אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט צו עסן, אָבער דאָס דערגרייכט מיט שווערער מי און פּראַצע. אַ גרויסע שולד אין דער אָרעמקייט פון די יידן, ליגט אויף דער פּוילישער מאַכט און באַפעלקערונג, וואָס ביידע זענען געווען פיינדלעך געשטימט צו די יידן. אַלס ייִנגל געדענק איך נאָך דעם קאַמף, וועלכן די שטאַטישע פּוילישע איינוווינערס האָבן געפירט קעגן דערלויבן פּאַשען בהמות פון די יידישע איינוווינערס

פון שטעטל. אַלע מיטלען האָט די רעגירונג אָנגעווענדט כדי צו באַרויבן יידן פון זייערע בירגערלעכע רעכט און אָפּשוואַכן זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

קיין באַן־פאַרבינדונג איז נישט געווען, אויסער אַ סטאַציעלע אין אַ דאָרף גרודעק, 12 קילאָמעטער ווייט פון שטעטל. אויך נישט קיין אָפיציעלע סטאַציע, ווייל בלויז אויף עטלעכע מינוט האָט זיך די באַן געשטעלט, אַז די פּאָר מענטשן זאָלן איינשטייגן אין וואַגאָן. אויך קיין שאָסיי איז נישט געווען. מעגלעך, אַז די פּוילישע באַפעלקערונג האָט זיך נישט גענייטיקט אין די קאָמוניקאַציע־מיטלען, ווייל זייערע פעלדער האָבן זיך געפונען לעבן דעם שטעטל.

אַלס קינד האָב איך געלערנט ביי שלמה־לייב מלמד אין חדר. שוין דעמאָלט האָט זיך דערוועקט דער ציוניסטישער געפיל, ווען דער רבי האָט מיט אונדז געלערנט די סדרה פון דער וואָך און געוואָרן באַאיינפלוסט פון זיין אויסטייטשן די געשיכטע פון אברהם אבינו וועגן דעם לאַנד כנען, וואָס גאָט האָט אים צוגעזאָגט פאַר זיינע קינדער. דערנאָך, ווען מ׳האָט געלערנט מערערע סדרהס וועגן יעקב אָבינו און וועגן לאַנד פון די אבות און דער מוטער רחל און לאה, האָבן מיר געפילט, אַז נישט פּוילן איז דאָס לאַנד פון אונדזערע אָבות. ווען דער רבי האָט אונדז באַפרייט אויף אַ קורצע צייט צו שעפּן אַ ביסל פרישע לופט, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז ווען מיר וועלן אויפוואַקסן, וועט מען פאָרן קיין ארץ־ישראל.

פּוילן ווערט זעלבשטענדיק

אין דער ערשטער וועלט־קריג, האָבן מיר פאַרלאָזט אָסטראָווע. אין 1918, ווען פּוילן איז געוואָרן זעלבשטענדיק, זענען מיר צוריק געפאָרן קיין אָסטראָווע, ווו מיין פאָטער האָט געהאָט אַ ירושה אויף לובלינער גאַס, לעבן יודל פּרץ׳ס און אלתר גיטיס איידעם, שלמה מאַגעזעס שניט־קראָם. די צייט וואָס מיר זענען געווען אין מעזריטש, בעת דער מלחמה, איז יעדן געווען שווער, ספּעציעל די היימלאָזע. קומענדיק קיין אָסטראָווע, איידער מ׳האָט זיך אַ ביסל אַרומגעזען, האָט זיך אָנגעהויבן די רוסיש־באָלשעוויסטישע אינוואַזיע אין 20טן יאָר. די באָלשעוויקעס האָבן באַוויזן אַריינצו־דרינגען קיין אָסטראָווע, אַ דאָנערשטיק פּרי. די יידישע איינוווינערס האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף די רוסישע באַפרייערס, נאָך אַ נאַכט פון ראַבעווען און פּאָגראָמירן מצד דער פּוילישער אַרמיי, צוזאַמען מיט די אַרטיקע פּאָלאַקן. האָט מען געגלייבט, אַז ס׳וועט קומען באַרויִקונג פאַרן שטעטל — און די רוסישע זעלנער וואָרעם אויפגענומען, מ׳האָט זיי געטיילט ברויט מיט עפּל, אין וועלכן זיי האָבן זיך שטאַרק גענייטיקט. ס׳איז אָבער שווער געוואָרן די לאַגע, ווען דער רוסישער קאָמענדאַנט האָט

איבערגעגעבן די יידן, אַז די רוסן מוזן זיך אַ ביסל צוריקציִען. דאָס איז געווען פרייטיק מיטאָג־צייט. אין שטעטל איז געוואָרן אַ בהלה, מ׳האָט געוווּסט אַז מען מוז פאַרלאָזן, ווייל די פוילישע אַרמיי וועט צוריק אַריין קיין אָסטראָווע און צוזאַמען מיט די אָרטיקע איינוווינערס אַ תל מאַכן פון ביסל יידן. זענען אַלע אַוועק אויף דעם וועג צום דאָרף סאָסנאָוויץ. איך בין געגאַנגען אַליין מיט די מאַסן אָסטראָווער, נישט מיט מיין פאָטער און מוטער.

איך דערמאָן זיך די ערלעכקייט און פרומקייט פון די אָסטראָווער פרויען, וואָס האָבן אין זינען געהאַט מיטצונעמען ליכט צום בענטשן לכבוד שבת, וועלכע זיי האָבן אָנגעטריפט אויף די פאַרקאַנעס אַרום די פעלדער. אין סאָסנאָוויץ האָב איך זיך אָנגעשלאָסן צו אונדזער שכן יודל פּרצ׳ס, וואָס איז דאָן געווען מיט זיין טאָכטער גאָלדע. אָבער ווי לאַנג קאָן מען זיין אין אַ פרעמד אָרט? נאָך אַ פּאָר טעג, זענען מיר צופוס צוריק געגאַנגען קיין אָסטראָווע. זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי האָבן אונדז אָפּגעשטעלט און שטרענג געפאָרשט, פאַר וואָס מיר זענען נאָכגעלאָפן די באָלשעוויקעס. ער האָט זיך פאַרטיידיקט, אַז צוליב די שיסערייען איז זיין טאָכטער געלאָפן פון שטאָט און ער האָט זי געמוזט אָפּזוכן. אָבער סתם אָפּלאָזן אַ ייד, קאָן מען נישט. טראָץ דעם וואָס ער האָט געוויזן דעם אָפיציר בריוו פון זיין זון יאָסל, וואָס איז דאָן געווען אין דער פוילישער אַרמיי, האָט מען אים געגעבן שטאַרקע קלעפּ. ענדלעך זענען מיר אַריין אין שטעטל. קיין יידן אין גאַס נישט געטראָפן. אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט מען אונדז געזאָגט, אַז ביי איצל באָיאַניקער, אַ גאַרבער, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ ביסל יידן. זענען מיר דאָרט אַריין אויף צו נעכטיקן.

פאַרשטענדלעך, אַז ס׳האָט געדויערט אַ שטיק צייט, ביז די יידן האָבן זיך צוזאַמען גענומען. דער לעבנסשטייגער איז געווען זייער אַ נידעריקער. נאָך דעם ווי די פּאָליאַקן האָבן אויסראַבירט אַלע הייזער, ווען מ׳איז אַנטלאָפן קיין סאָסנאָוויץ, האָט דאָס גאַנצע שטעטל געהאַט אַ טרויעריקן אויסזען. ס׳האָט גענומען אַ פּאָר יאָר, ביז דאָס לעבן האָט צוביסלעך אָנגעהויבן גיין נאָרמאַל. אין יענער צייט האָב איך געהאַט צוויי נאָענטע חברים פון חדר: לייבל יושפּיס ווינאָגראַד און לייבל אסתר שושעס, יאָסל מעכלס זון און זיין טאָכטער גאָלדעלע. דערנאָך האָט די יוגנט זיך גענומען אָרגאַניזירן.

פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס

אַז איך נעם זיך דערציילן וועגן די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן אין שטעטל, מוז איך אָנהייבן מיט דער ביבליאָטעק, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דורך שלמה

שאַפּיראָ, מרדכי רובינשטיין און אַנדערע. זיי האָבן געדונגען אַ צימער ביי שלמה בן־ציונס. איך בין נאָך דאַן זייער יונג געווען, אָבער אַרויסגעוויזן גרויס קעגנערשאַפט צו דער ביבליאָטעק, ווייל די ביכער וועלכע זיי האָבן איינגעשאַפט, האָבן קריטיקירט דאָס פרומע לעבן פון די יידן אין פוילן, ווי כ׳האָב עס געהערט פון די וואָס האָבן גענומען די ביכער צום לייענען. אַ גרויס געזעלשאַפטלעכן שטויס האָט געגעבן דער אָנקום פון ד״ר לאַסט אין שטעטל. אויסער דעם וואָס ער איז געווען אַ גוטער מעדיצינער, איז ער אויך געווען אַנגאַזשירט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אויפן ציוניסטישן געביט. די ביבליאָטעק איז דערנאָך אַריבער אין אַ דירה ביי א. פייער־שטיין און טאַקע אויך געוואָרן אַ קולטור־פאַראיין. זייער אַ שיינער נאָמען, אָבער מיר, די ציוניסטישע יוגנט, האָט נישט גענומען קיין אָנטייל אין זייערע קולטור־טעטיקייטן, ווייל דאָרט האָבן זיך קאָנצענטרירט יוגנטלעכע מיט סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע אַנשויאונגען: אַ טייל איז געווען אידענטיפיצירט מיטן „בונד״, אַנ־דערע האָבן געהאָפט געהאָלפן צו ווערן דורכן סאָוויעטן־פאַרבאַנד, כדי זיך טיילן מיטן פאַרמעגן פון די רייכע און געניסן פון דער באַפרייונג פאַר אַלע פעלקער און אויך פאַר יידן. זיי האָבן געגלייבט, אַז דאָס דערלויבט זיי צו שטערן יעדע ציוניסטישע אַרבעט.

אויב מ׳וויל איבערגעבן די ערשטע שפּראָצונגען פון קולטורעלן לעבן אין אָסט־ראָווע, איז נייטיק צו דערמאָנען אַ גרופּע יוגנטלעכע פון די רעליגיעזע קרייזן, וואָס זענען געווען זייער אַנזעעוודיק אין שטעטל. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט קולטורעלער אַרבעט, הגם בייטאָג האָט מען געלערנט אין בית־מדרש און אייניקע האָבן אויך אַרויס־געהאָלפן די עלטערן מיט פרנסה, אָבער נישט פאַרנאַכלעסיקט דאָס לערנען תורה. די גרופּע האָט אויך מיט אייגענע כוחות געלערנט אַלגעמיינע לימודים, די פּוילישע שפּראַך און אַנדערע לערעס. זיי האָבן פון קראָקע באַקומען ספּעציעלע העפטן, וועמענס פּראָפעסאָר איז געווען איינער מיטן נאָמען וואָלקאָווסקי. די העפטן זענען געווען באַ־שטימט פאַר זעלבסטבילדונג — פּויליש, העברעיש, מאַטעמאַטיק. אָפטמאָל זענען זיי געזעסן ביז שפּעט ביינאַכט, ווען זיי האָבן געדאַרפט צוריקשיקן די העפטן צו עקזאַמען. זיי האָבן געהאַט גרויס אָנזען אין שטעטל. צו דער גרופּע האָבן געהערט: לייבל אַלקאָן ע״ה, דער טאָן־געבער פון דער גרופּע; ברוך קאָרנבלום ע״ה, מיין ברודער, זייער אַ פעיִקער; ישראל נעלקענבוים, דעם אָסטראָווער רב׳ס זון; אשר ברוך, יהושע אביגדורס זון; יעקב גאָלדשטיין; מיין עלטערער ברודער ישראל־יוסף (גערופן האָט מען אים נאָר ישראל). ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט ליטעראַרישע פעיִקייטן, און ווי אַלע — אַ גוטער לערנער.

פאַרשטענדלעך, אַז די אַלע בחורים האָבן געהאַט שוועסטערן (אויסער מיינע ברי־

דער). די מיידלעך האָבן (נישט אָפיציעל) געהערט צו דער „צווייטער העלפט" פון אָט דער גרופּע.

די יוגנטלעכע מזרחי־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט דעם נאָמען „השומר הדתי", אין וועלכער איך בין געווען זייער טעטיק און אַ געוויסע צייט אויך אָנגעפירט מיט דער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן געלערנט מיט דער יוגנט תנ"ך, יידישע געשיכטע און אַנדערע קעגנשטאַנדן. די פּאַרטיי „התאחדות" האָט געהאַט אַ גרויסע הילף אין דער פּערזאָן פון ד"ר לאַסט, וועלכער איז געווען זייער אַקטיוו. אַ דאַנק אים איז געגרינדעט געוואָרן די „התאחדות" און געפירט אַ שיינע טעטיקייט. מיר האָבן געהאַט אַ גרויסע הילף פון לייבל אַלקאָן. ער פלעגט אָפט געבן באַלערנדיקע לעקציעס וועגן יידישער געשיכטע און אַנדערע אינטערעסאַנטע טעמעס. פון די אַקטיווע מיטגלידער דאַרף מען דערמאָנען ר' יעקב יוסף שטערן ז"ל, אַ פעיִקע פּערזאָן, וואָס האָט גענומען אָנטייל אין אַלע מזרחיסטישע און ציוניסטישע טעטיקייטן, איינער פון די גרינדער פון „השומר הדתי". אויך חבר לייבל שאַפּראַן איז געווען זייער טעטיק אין „השומר הדתי", ווי איינער פון די גרינדערס פון סניף. פון די אַנדערע מיטגלידער איז כדאַי צו באַמערקן, אַז מיר, דער סניף פון „השומר הדתי", האָבן געטראָגן דעם נאָמען ראַזמאַרין.

מיר האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין ציוניסטישע טעטיקייטן, ווי קרן היסוד, קרן קימת, וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. בדרך־כלל האָבן מיר געאַרבעט צוזאַמען מיט דער „התאחדות"־פּאַרטיי. צו דער אָנפירונג האָבן געהערט: נחום גרינבלאַט, משה זיידהאַפט און אַנדערע. איך האָב זיי געשעצט פאַר דער איבערגעגעבענער אַרבעט. ס'האָבן אויך מיטגעאַרבעט: יעקב לוי, רייזל לוי, גאָלדע טלוסטי און אַנדערע.

טראָץ דעם וואָס מיר זענען געווען אין באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, האָבן געהערשט זייער פריינדלעכע באַציונגען. צו דער רשימה פון די אַקטיווע חברים אין „השומר הדתי", דאַרף אויך דערמאָנט ווערן אשר וואָרצמאַן, וואָס האָט געבראַנגט דעם „האָראָ" קיין אָסטראָווע.

ס'זענען נאָך געווען טעטיק די פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס: די גמילות חסד־קאַסע, אונטערן פּאַרזיץ פון ד"ר לאַסט, וועלכע האָט זייער געהאָלפן דער יידישער באַפעלקערונג דורך פאַרטיילן אָנפּראַצענטיקע הלוואות. „ביקור חולים", וועלכער דער שוחט ר' ישראל מאיר האָט געווידמעט אַ סך צייט און מי צו העלפן קראַנקע. מיט דער צייט, האָט ער אַליין באַהאַנדלט קראַנקע.

מ'דאַרף דערמאָנען די חסידים־שטיבלעך אָדער מנינים, ווו מ'פלעגט דאַווענען אין פּריוואַטע שטובן. אַן אויסנאַם זענען געווען די לעווערטאָווער חסידים, וואָס זייער רבי

איז געווען דער צדיק ר' אלימלך, וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן געוווינט אין לעווער־טאָוו. די חסידים פון לעווערטאָווער שטיבל האָבן געפירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט. זיי פלעגן איינאָרדענען מלווה מלכה'ס און ס'איז געווען אָנגענעם צו פאַרברענגען אַן אָוונט מיט די ערלעכע ייִדן.

ס'איז אַ חוב אָפּצוגעבן כבוד אַ פאַרפאַלק פון אָסטראָווע — שמואל ראַלניק און זיין איידעלע פרוי חוהטשע, וועלכע האָבן געזאָרגט פאַר די באַדערפענישן פון דער אָסטראָווער באַפעלקערונג.

אין שטעטל האָט מען אויך געגרינדעט אַ בית־יעקב שולע פאַר מיידלעך. איינער פון די גרינדערס איז געווען אברהם ווינדער, וואָס איז געווען זייער טעטיק אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן.

די ציוניסטישע יוגנט האָט איינגעאָרדנט פון צייט צו צייט אונטערנעמונגען פאַר קרן קיימת, אָדער פאַר אַנדערע ציוניסטישע צוועקן. אויב ס'איז געווען אַ הכנסה, איז זי באַשטימט געוואָרן פאַר ציוניסטישע אויפגאַבן.

איך געדענק, אַז דער דענטיסטינס מאַן האָט צוגעגרייט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אונערן נאָמען „מענטש און טייוול". ער איז אַ צייט געווען בוכהאַלטער אין דער האַנטווערקער־באַנק.

אַ סך שפּעטער איז געקומען אין שטעטל אַ ייִדישער דאָקטער, ד"ר בצלאל לאָסט, אַ ציוניסט. איך שטרייך אונטער אַ ציוניסט, ווייל פאַר אים איז געווען אַ ייִדישער דאָקטער אַן אסימילאַטאָר, וואָס האָט זיך געשעמט צו זאָגן, אַז ער איז אַ ייד. אָבער ד"ר לאָסט איז געווען אַ וואַרעמער ייד, האָט ליב געהאַט צו זיין טעטיק אין דער גמילות־חסד קאַסע, קרן קימת, קרן היסוד, ווי אויך ביי וואַלן צום פּוילישן סיים. באַזונדערס איז ער געווען טעטיק אין „התאחדות". דער קולטור־פאַריין האָט געפירט אַ ביבליאָטעק, אַרום וועלכער ס'האָבן זיך גרופירט יוגנטלעכע וואָס האָבן געוואָרט, אַז די רעוואָלוציע זאָל באַפרייען די אָרעמע מאַסן. אָבער ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן און אַ סך זענען אַנטלאָפן פון פוילן קיין רוסלאַנד, האָט מען זיך ערשט איבערצייגט, אַז נישט אַלע זענען גלייך — און אויס חלומות...

הגם די התאחדות־פּאַרטיי האָט געפירט אַ ציוניסטישע טעטיקייט, זענען כמעט אַלע חברים געפאָרן קיין בראַזיל און אַרגענטינע. פון השומר הדתי זענען אַ צאָל חברים געפאָרן קיין ארץ־ישראל. די אַנדערע, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, זענען אומגעקומען אויף קידוש השם.

סוכות און שמחת תורה אין שטעטל

אַלס יינגל האָב איך שוין געפילט די ערנסטקייט פון די ערב סוכות טעג. אַ ליד פלעגט מען שמחת־תורה זינגען אין די חסידים־שטיבלעך: „אַף פרי, דער זומער גייט אוועק און דער ווינטער רוקט זיך צי — מ׳דאַרף אויפהענגען די זומער־מאַנטלען און אַראָפּנעמען די פּיטערס״. דאָס איז געווען צוגעפּאַסט פאַר די, וואָס האָבן געהאַט ספּעציעלע מלבושים סיי פאַר זומער, סיי פאַר ווינטער, ווען מ׳האָט געדאַרפט אָנגרייטן האָלץ און קוילן צו באַהייצן די שטובער, ווי אויך וואַרעם אָנטועכץ. אָבער די אַלע זאָרג האָבן קיינעם נישט אָפּגעהאַלטן פון מקיים זיין די מצווה צו עסן אין סוכה. אַלס קינד, איז דאָס צוהעלפן בויען די סוכה, געווען אַ גרויס פאַרגעניגן. אויף אַ גרויסן פּלאַץ, אונטער אונדזער דירה, האָבן מיר פון אַלטע ברעטער און טירן אויפגעבויט אַ גרויסע סוכה, כמעט פאַר אַלע שכנים פון דער גאַס, ווייל ס׳רוב זענען זיי געווען קרעמערס און נישט געהאַט דערצו קיין צייט. האָבן זיי מקיים געווען די מצווה פון עסן אין אונדזער סוכה, וואָס מיינע עלטערע ברידער האָבן געבויט. איר קענט זיך פאַרשטעלן די גרייס פון אונדזער סוכה, אַז מ׳האָט אין איר איינגעאָרדנט תנאים־שרייבן. די כלה איז געווען פראַדל בנציונס טאָכטער. דער חתן — יעקב זאַנשיין פון סאָסנאָוויץ.

דאָס בויען די סוכה, איז ביי אונדז קינדער געווען אַ פייערלעך געשעעניש. מיר האָבן מיט נייגיר זיך צוגעקוקט, ווי די עלטערע אַרבעטן פלייסיק. ווער שמועסט נאָך, אַז מ׳האָט נאָך פון אונדז געבעטן צוהעלפן, ווי דערלאַנגען ברעטער, אָדער גיין אַ שליחות — זענען מיר געווען שטאָלץ און צופרידן. צוליב דעם פאַרנעם פון דער סוכה, האָט מען זיך געגייטיקט אין אַ סך טשוועקעס. האָט יעדער איינער געגעבן אַ זלאָטי. איין קרעמער האָט נישט געוואָלט געבן קיין געלט, ווייל ר׳האָט געהאַט אַ סך טשוועקעס פון די קאַסטנס סחורה, וועלכע ער האָט געבראַכט פון לובלין. זיי זענען אָבער געווען געבויגענע, האָט מען זיי נישט געוואָלט נעמען, סיידן ער זאָל זיי אויסגלייכן. האָט אויך ער געמוזט געבן געלט.

מ׳האָט אויך געזאַמלט געלט צו קויפן סכך. אַז ס׳איז געבליבן אַ ביסל געלט, האָט מען דאָס געהאַלטן ביז שמחת־תורה און געקויפט ביר און בראַנפן. דער ערשטער אָוונט אין סוכה איז געווען גאָר אַ פייערלעכער: די ווייבער האָבן געבענטשט ליכט, געהערט דעם מאַנס „קידוש״ און דערפאַר באַקומען אַ מוציא מיט האָניק. די פרויען מיט די טעכטער האָבן דאַן אָנגעהויבן טראָגן אין סוכה בכבודיקע פּאָרציעס עסן פאַר די מענער און יינגלעך. מ׳האָט געזינגען זמירות — און אַזוי איז אַדורך די יום־טובדיקע נאַכט. נאָכן בענטשן מיט מזומן, זענען נאָך אַ סך שכנים געבליבן דאָרט זיצן און זיך

דערציילט מעשיות פון רביים, ווי אויך געשמועסט פּאָליטיק ביז שפּעט אין דער נאַכט. דאַקעגן מיר, קינדער, האָבן זיך פאַרווײַלט אין סוכה מיט זינגען חזנישע שטיקלעך און חסידישע ניגונים.

די עלטערע יונגעלײַט זענען אין חול־המועד געווען פאַרנומען מיט די גערעדטע שידוכים, געוואַרט אויף פאַרשלאָגן פון אַ לײַטישן שידוך, אַ גוטע משפּחה מיט אַ נדן, ווי אויך אַ דירה מיט מעבל. דאָס איז, אומגעפער, געווען דער סטאַנדאַרט פון שידוכים אין יענער צײַט. שמיני עצרת און שמחת־תורה האָט זיך יעדער ייד געפילט דערהויבן ווי אַ שותף צו מתן־תורה. בײַם אויסרופן צו די הקפות, האָט מען אַזאַ ייד טיטולירט: יעעעעמוווד הגביר, החסיד, רב (און אַזוי ווײַטער), איז מען מכבד מיטן כבוד פון דער תורה. שטעלט אײַך פאָר, ווי יעדער ייד האָט זיך דערפילט פרײַדיק און יום־טובדיק. די הקפות זענען געווען שיינע און פרײלעכע. אין דער פרי, נאָכן דאַווענען שמחת־תורה, האָט מען אין שטיבל אײַנגעאָרדנט אַ קידוש. דער גבאי האָט יעדן אײנעם געפרעגט, צי האָט ער שוין באַקומען. אויב נישט, האָט ער אים אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראָנפן. נאָך דער הויפּט־קידוש לכבוד שמחת־תורה איז געווען ביי ר׳ שמואל און איטשע ראַלניק ז״ל אין הויז, מיט זיצפּלעצער פאַר יעדן אײנעם, סערווירט כיד המלך. מ׳האָט געטאַנצט און געזונגען ביז פאַרנאַכט.

פון אונדזערע געשטאַלטן

אין מײַן זכרון זענען פאַרבליבן עטלעכע אָנגעזעענע געשטאַלטן, טײַערע, שיינע יידן: פון לובלינער גאַס — אברהם משה מאַטיסעס, יחיאל אהרונס (אײַזנקרעמער); הירש שאַפּיראָ; אהרון חיל דער דאַזאַר (זילבערקאַנט); מלך קאַליכשטיין; ישראל מאיר שוחט; אליעזר אולאַריק; שמואל און חוהטשע ראַלניק. אַלע גוטע, נאָבעלע מענטשן. בנימין שניידער, אונדזער שכן; אַ צאָל פאַמיליעס מיטן נאָמען ראַזמאַרין: אלתר יאָסקיס, מיט זײַנע זין און טעכטער; לײזער מענדל ראַזמאַרין און זײַן בן יחיד יאָסל. אויסער דעם האָב איך געהאַט אַ סך באַקאַנטע און פרײַנד. יונגע און אַלטע. ווען מ׳האָט געבויט דאָס לעווערטאָווער שטיבל, בין איך געווען זייער טעטיק. כ׳האָב אויך געהאַט פרײַנד אין „התאחדות".

אָסטראָווער יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט פרײַנדלעכקייט, גוטסקייט און פרומקייט. שבת אָדער יום־טוב האָט אָסטראָווע געהאַט אַ ספּעציעל יידישן חן. טראָץ דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, האָט מען דעם שבת אָדער יום־טוב געפילט אין אַלע הײַזער, ווי אויך אויף דער גאַס. אָבער אַ געדריקטע שטימונג האָט ביי מיר אַרויסגערופן ערב יום־כיפור פאַרנאַכט, פאַר כל־נדרי, ווען אַ שכן אָדער שכנה זענען גע־

גאַנגען איבערבעטן איינער דעם צווייטן, מיט טרערן אין די אויגן געבעטן סליחה. מ׳האָט געבעטן גאָט אין הימל אויף אַ בעסער יאָר ווי דאָס פאַרגאַנגענע, אַז די ווענט האָבן מיטגעוויינט...

אַזוי זענען געגאַנגען די יאָרן, די צייט איז נישט געשטאַנען. דאָס לעבן איז געוואָרן שווערער, די שטייערן — זייער גרויסע, און קיין פּרנסה איז נישט געווען. אַ סך יוגנטלעכע זענען געפאָרן קיין וואַרשע זוכן באַשעפטיקונג. דאָס איז אויך געווען ביי נישט לייכטע באַדינגונגען. אַ סך מענער, שוין גאָר נישט קיין יונגע, פלעגן זיין אין וואַרשע 6 חדשים און אויף פּסח אָדער סוכות קומען קיין אָסטראָווע.

איך האָב שוין דערמאָנט דעם דאָקטער לאָסט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אויפ־לעבונג ביי דער יידישער יוגנט און זיי דערוועקט צו ציוניסטישער אַרבעט. אויך געבראַכט שטאָלץ די יידישע איינוווינערס. אַ גרויסער קענער אין מעדיצין. איך בין געווען זייער באַפריינדעט מיט אים און מיט זיין פרוי. אַז ער פלעגט אָנשרייבן אַ רעצעפּט פאַר איינעם, האָט ער באַלד געזאָגט דעם פּרייז, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע חכמה. אויסער דעם איז ער געווען אַ מענטש, וואָס האָט יעדן געשעצט, דערצו אַ שטאָלצער, וואַרעמער ייד. אויך די ווייב זיינע איז געווען אַ נאָבעלע, מיט אַ גוטן כאַראַקטער.

אומגעפער אין 1932 בין איך געפאָרן חתונה האָבן מיט אַ חברה פון דער „מזרחי״־אָרגאַניזאַציע אין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצקי. אַ האַלב יאָר שפּעטער בין איך מיט מיין געהייראַטער פרוי געקומען קיין אָסטראָווע, ווייל כ׳האָב באַדאַרפט די אַקטן און פּאַס־פּאָרט, כדי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. פאַרן אָפּפאָרן, האָט מען אונדז פון קרן קימת־קאָמיטעט איינגעאָרדנט אַ געזעגענונג־באַנקעט, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. דערנאָך זענען מיר אַוועק צו דער באַן קיין גרודעק.

כ׳געדענק נאָך היינט די נעמען פון אייניקע יוגנטלעכע, ווי: אהרון צוקערמאַן ע״ה, יעקב מיהער (היינט אין אַרגענטינע), משה הירשס זון, שלמה יוחנן און עלי שאַפּירא, ליבע און בינה זאַנשיין, רייזל און יעקב לעווי, יעקב שאַף, חיים יואל און יוסף שאַף (פון „השומר הדתי״, שלום שאַפּס קינדער).

אָנהייב אַפּריל האָבן מיר פאַרלאָזט פּוילן דורך קאָנסטאַנצאַ און קיין ארץ־ישראל זענען מיר אָנגעקומען דעם 22.4.1934, ווו מיר האָבן געדאַרפט אָרגאַניזירן אַ ניי לעבן — און גאָט צו דאַנקען פאַר דעם אַלעם וואָס מיר האָבן דערגרייכט.

קומענדיק קיין ארץ־ישראל, האָב איך נישט געבענקט נאָך אָסטראָווע, נאָר נאָך די טייערע אָסטראָווער מענטשן.

אין שטעטל האָט מען געלעבט מיטן יחוס...

יעקב ליבהאָבער

אָסטראָווע, מיין געבוירן שטעטל, איך קען נישט שרייבן, אז איך בענק נאָך דיר, ווייל קיין שיינע, גליקלעכע, באַקוועמע קינדער־יאָרן, האָב איך דאָרט נישט געהאַט. אַזוי, אַז איך קען דיך נישט באַזינגען און שילדערן ווי אַ דיכטער. דאָקעגן בענק איך זייער און זייער נאָך די אָסטראָווער מענטשן, נאָך דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע איז אַזוי טראַגיש אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע באַנדיטן, מיט דער אַקטיווער מיטהילף פון דער אָרטיקער פוילישער באַפעלקערונג. איך בענק נאָך דיר, אָסטראָווע, מיט אירע האָרעפּאָשנע יידישע מענטשן, נאָך די שוסטערס, שניידערס, סטאָלערס, גאַרבערס, שמידן, רימערס און אַנדערע, וואָס האָבן געהאָרעוועט 16 שעה אַ טאָג — און דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן נישט געהאַט אויף שבת. נאָך זיי בענק איך זייער.

1

מיין פאָטער האָט מען גערופן לייבעלע ברוך יוינעסעס. ווי מען האָט מיר דער־ציילט (נאָך היינט דערציילט עס מיר אברהם פייערשטיין און שלמה שאַפּיראָ), אַז מיין זיידע ברוך יוינעסעס איז געווען אַ רייכער ייד, אַ גרויסער תורה־קענער, גע־שטאַמט פון זייער אַ בכבודיקער משפּחה, געהאַט אַ גרויסע גאַרבעריי, געהאַלטן אַרבעטער און געפירט גרויסע געשעפטן. מיין פאָטער לייבעלע איז געווען אַן איינ־ציקער זונדל, אַ מפונק, וואָס האָט אויך מיטגעהאָלפן אין דעם זיידנס גאַרבעריי. ס'זענען אויך געווען פיר טעכטער.

איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1913, אַ יאָר פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

1914, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז מיין זיידע ברוך יוינעסעס מיט דער משפּחה אָפּגעפאָרן מיט אַ וואָגן לעדער קיין רוסלאַנד. זיי זענען טאַקע אָנגעקומען קיין מינסק, אָבער דער וואָגן מיט די לעדער איז נישט אָנגעקומען. זיי האָבן די מלחמה איבערגעלעבט אין מינסק, אין גרויס נויט און דחקות. אין מינסק זענען אויך געווען אַ סך אָסטראָווער משפּחות.

מיין פאָטער לייבעלע ברוכ'ס איז געבליבן אין אָסטראָווע. ווי געזאָגט, בין איך אַלט געווען אַ יאָר, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן. אין יענער צייט איז גאַנץ

אַסטראָווע געוואָרן אָפּגעברענט און מיר האָבן דורכגעלעבט די מלחמה אין נויט. מיר זענען געווען דריי קינדער, איז מיין מוטער קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגען־אָנצינדונג און ס'איז נישט געווען מיט וואָס איר צו ראַטעווען. די מוטער איז געשטאָרבן, אויך דאָס קליינע יינגעלע.

אין יאָר 1918, איז דער זיידע מיט דער משפּחה צוריק געקומען פון רוסלאַנד, מיט אַ קליין יינגעלע, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין מינסק. מ'האָט אים גערופן משה'לע ליבהאָבער. מיין פעטער, זייער אַ פעיִקער, קולטורעלער בחור, איז געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד אין קאַמף קעגן די נאַציס הינטער לענינגראַד, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. זיין פרוי מרים רובינשטיין, אויך אַן אָסטראָווערין, האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג פון דער סאָוויעטישער רעגירונג.

נאָכן צוריק קומען פון רוסלאַנד, איז מיין זיידע געווען אַ קראַנקער, צעבראָכענער מענטש, שוין נישט אומשטאַנד עפּעס אויפצוטאָן און שאַפן פּרנסה פאַר דער משפּחה. ער האָט כסדר געקרענקט. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און דער זיידע איז געשטאָרבן, די משפּחה איז געבליבן אין גרויס נויט. די באָבע אסתר האָט געהאַט אַ שוועסטער אין אַמעריקע, פלעגט זי פון צייט צו צייט שיקן אַ פּאָר דאָלאַר — און פון דעם האָט מען געלעבט.

אויך מיין פאָטער איז נישט געווען קיין ענערגישער מענטש און נישט געקאָנט פאַרזיכערן די פּרנסה, מ'זאָל קענען מענטשלעך לעבן. איז מען געבליבן מיטן יחוס — און אין טעפּל איז נישט געווען וואָס אַריינצולייגן...

2

מיינע קינדער־יאָרן זענען נישט געווען באַצירט מיט בלומען. נישט איין מאָל האָב איך מקנא געווען מיינע חברים, ווען זיי האָבן געגעסן פרישע פלעצלעך מיט ציבעלעס און מאָן, בעת איך האָב זיך געמוזט באַגנוגענען מיט שוואַרץ ברויט. אָבער די בני אהרונס אין חומש, האָב איך געקענט בעסער ווי מיינע חברים. מיין מאָראַלישער יסוד איז נישט געווען קלענער פון זייערן. אַזוי איז מען געוואַקסן ביז צו דער בר־מצווה. דאָ האָט מען שוין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן תכלית, דאָס הייסט — אויסלערנען זיך אַ פאַך, כדי פאַרדינען אויף חיונה. מיר איז דווקא געפעלן געוואָרן צו לערנען שניי־דעריי, אָבער מיין פאָטער איז געווען קעגן דעם, ס'האָט אים נישט געפּאַסט צום יחוס... דאַקעגן האָט ער יאָ מסכים געווען, כ'זאָל זיך לערנען זיין אַ רימער — אַ סוחריש פאַך. האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן ביי אברהם קאָרן, אַ שטרענגער, בייזער מענטש, וואָס האָט געפאָדערט מ'זאָל ביי אים אַרבעטן ביז 10 ביינאַכט. איך האָב שנעל באַ־

הערשט דאָס פּאַך און פלעג מיט מיין באַלעבאָסטע, די פרוי קאָרן, פאָרן אויף די ירידים פאַרקויפן כאַמעטעס, שלייעס און אַנדערע זאַכן. זי איז געווען אַ טייערע, האַרציקע פרוי.

לויטן הסכם מיטן באַלעבאָס, האָב איך 2 יאָר געדאַרפט אַרבעטן אָן געלט. נאָך אַ יאָר, האָב איך געפאָדערט אַ לוין, אָבער דער באַלעבאָס האָט נישט געוואָלט צאָלן. בין איך אַוועק אַרבעטן צו אַ צווייטן רימער, מאָטל פאַמעלעס האָט ער געהייסן. ווען אברהם רימער האָט געזען, אַז איך אַרבעט ביי אַן אַנדערן, האָט ער גערופן מיין פאָטער צום הרב עלנבויגן צו אַ דין תורה. דער רב האָט געפּסקנט, אַז אויב איך קען אַרבעטן, קומט מיר געהאַלט, און ער האָט נאָך געשטראָפט אברהם רימער, פאַר וואָס ער פאָדערט פון אַן אָרעם קינד צו אַרבעטן אָן באַצאָלט. אויך ביי דעם פרישן באַלעבאָס האָט מען באַדאַרפט אַרבעטן ביז שפּעט ביינאַכט. אַזוי איז געווען איינגעפירט אין אַלע וואַרשטאַטן. איך האָב פון דעם זייער געליטן און האָב נישט געקענט מסכים זיין מיט דער שקלאַפן־אַרבעט.

3

איך האָב זיך פאַרשריבן אין קולטור־פאַראיין און אָנגעהויבן נעמען ביכער אין דער ביבליאָטעק. מיין ערשטער בוך, געדענק איך, איז געווען יואל מאַסטבוימס „דאָס רויטע לעבן", וואָס האָט באַהאַנדלט דעם אויפשטאַנד אין יאָר 1905, בעת דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ווען דער אַרבעטער־קלאַס איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם צאַר.

כ'בין זייער באַאיינדרוקט געוואָרן פון דעם בוך. איך האָב ווייטער געלייענט ביכער, צייטונגען און אָנגעהויבן פאַרשטיין דעם סאָציאַלן קאַמף. איך מיט נאָך חברים האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן, ווי אַזוי אויסקעמפן אַ קלענערן אַרבעטס־טאָג, כדי האָבן מער פרייע צייט אויף זעלבסטבילדונג.

מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ גרופּע עלטערע און יונגערע אַרבעטער און באַשלאָסן צו גרינדן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין צו פירן אַ לעגאַלע טעטיקייט. מיט דער צייט האָט מען באַקומען אַ לעגאַליזאַציע, געדינגען אַ לאָקאַל און אָנגעהויבן פירן אַ פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט. די אַרבעטגעבערס, אין גרעסטן טייל — אַליין גרויסע קבצנים, האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי: „אַ באַנדע קאָמוניסטן מאַכן קאַליע די קינדער, פירן זיי אַראָפּ פון גלייכן וועג"... ס'האָט זיי אָבער נישט געהאָלפן. מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן מיטן פולן ברען.

אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָדערן אַ 10־שעהדיקן אַרבעטסטאָג, הגם געזעצליך האָט מען דעמאָלט געמעגט פאָדערן 8 שעה אַרבעט.

אָבער מיר אַליין האָבן נישט געוואָגט אַריבערצוגיין פון א 14־15 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג אויף 8 שעה. ביי די בעלי־בתים וואָלט דאָס געהייסן, אַז מיר ווילן אַרבעטן נאָר אַ האַלבן טאָג. כדי דאָס צו רעאַליזירן, זענען מיר געווען געצוווּנגען צו פּראָקלאַמירן אַ שטרייק. אין פּוילן האָט מען געמעגט שטרייקן, מ׳האָט אָבער נישט געטאָרט צווינגען אַנדערע צו שטרייקן.

מיר דערמאָנט זיך אַזאַ פאַל:

איך בין אַוועק צו אַ גאַרבער־אַרבעטער אים אויפקלערן, ער זאָל צושטיין צום שטרייק. ער האָט מיך גאַנץ רויִק אויסגעהערט און געענטפערט: „יאַנקעלע, איר וועט גאָרנישט אויספירן, ס׳וועט אייך גאָרנישט העלפן, זיי האָבן ביקסן". „זיי" — האָט ער געמיינט די פּאָליציי. מען האָט אונדז געמסרט, אַז מיר זענען קאָמוניסטן און באַ־שולדיקט אין טעראָריזירן אַרבעטער און זיי צווינגען צו שטרייקן.

מען האָט אונדז געמאַכט אַ פּראָצעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין פּאַרצעווע. די ריכטער האָבן אונדז פאַרמשפּט אויף 6 חדשים תּפיסה. צווישן די פאַרמשפּטע איז אויך געווען דאָס מיידל סימע קופּערשמידט.

דער געריכט־אורטייל האָט געמאַכט אַ גרויסן רעש אין שטעטל. די מוטער פון סימע קופּערשמידט איז צו מיר געקומען מיט אַ געוויין: „ס׳טייטש, אַ מיידל אין קרימינאַל? ווער וועט מיט איר וועלן חתונה האָבן?" האָב איך איר געענטפערט: „אויב זי וועט נישט קריגן אַ חתן, וועל איך מיט איר חתונה האָבן"...

מיר האָבן דערלאַנגט אַן אַפּעלאַציע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין לובלין. אַדוואָ־קאַט אַלטמאַן האָט אונדז שיין פאַרטיידיקט — און מיר זענען אַלע באַפרייט געוואָרן. די פרייד אין שטעטל איז געווען גרויס. נאָכן געווונען דעם פּראָצעס, האָט מען געאַרבעט 10 שעה אַ טאָג, וואָס איז געווען אַ גרויסע דערגרייכונג אין שטעטל. אין פאַראיין האָבן מיר געפירט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט, אָרגאַניזירט קורסן צו לערנען שרייבן און לייענען יידיש און פּויליש. מיידלעך־מיטגלידערינס אין אונדזער פאַראיין, וואָס האָבן געענדיקט די „פּאָווּשעכנע" שול, האָבן פרייוויליק געגעבן לעקציעס: עטלעכע לעוו, ליבעלע וועסטנצוויייג און אַנדערע. מ׳האָט אויך אַדורכגעפירט פאַרשיידענע ליטעראַ־רישע און פּאָליטישע פאַרלעזונגען מיט אַרטיקע און איינגעלאַדענע פּרעלעגענטן.

4

אין יענער צייט (אין די דרייסיקער יאָרן), איז אַ גרויסער טייל פון דער אַסטראָוועער יוגנט אַוועק קיין וואַרשע, ווייל אין שטעטל איז נישט געווען צו וואָס זיך צו נעמען. ס׳האָבן נישט געסטייעט קיין אַרבעטס־פּלעצער פאַר אַלעמען. אין וואַרשע האָט די

יוגנט זיך איינגעאָרדנט ביי שווערע באַדינגונגען. אויף פסח פלעגן זיי קומען אַהיים אויסגעפּוצט אין שיינע אַנצוגן, שטייפע קאַפּעלושן און גלאַנציקע שיך. ס'איז געווען אַ פרייד אין שטעטל. ווער האָט זיי נישט מקנא געווען, הגם דאָס אויסשלייערן זיך איז נישט איינמאָל געווען אויפן חשבון פון נישט דערעסן אין משך פון אייניקע וואָכן. שפּעטער בין אויך איך מיט דעם געפּרוווט געוואָרן.

אויף יום־טוב, געדענק איך, זענען געקומען: שמואל אברבנל, בנימין גוטמאַן און אונדזער באַליבטער לייבל לעוו, אַ באַוווּסטזיניקער בחור און אויסגעצייכנטער רעדנער, וואָס האָט צוגעצויגן אַ סך יוגנטלעכע. צו זיינע לעקציעס זענען געקומען נישט נאָר די אַרבעטער־יוגנט, נאָר אויך פון די בירגערלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. מיר פלעגן שלינגען יעדעס וואָרט זיינס, ווי חסידים די דברי תורה פון זייער רבין. ער האָט גערעדט לאָגיש, פּשוט, פאַרשטענדלעך, מיט גלויבן אין אַ בעסערן גורל, אין אַ שענערער וועלט. מיר פלעגן זיצן אויף דער לאַנקע ביי דעם טייך און זיך צוהערן צו זיינע שמועסן אויף פאַרשידענע טעמעס. זיינע ווערטער האָבן אַריינגעבראַכט פיל מוט און האָפענונג, ס'איז געווען לייכטער צו לעבן און געהאָלפן ראַנגלען זיך מיט די שוועריקייטן.

נישט אַזוי האָט אָבער פּאַסירט, ווי ס'האָט זיך געוואָלט. ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה — און מיר האָבן זיך פאַרלוירן. די גאַנצע משפחה פון לייבל לעוו, די האַרציקע עלטערן, די שיינע פרייע שטוב, ווו ס'האָט זיך גרופּירט די גוטע אַסטראָווער יוגנט, זיין ווילע מוטער, וועלכע האָט אַזוי האַרציק און גאַסטפריינדלעך אויפגענומען — איז טראַגיש אומגעקומען.

נאָכן קריג איז אונדז באַוווּסט געוואָרן, אַז לייבל לעוו האָט אָנגעפירט מיט אַ ידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין די ראַדזינער וועלדער. זיי האָבן אַדורכגעפירט געוואַגטע אַקציעס קעגן דער דייטשישער אַרמיי. צום סוף איז ער געפאַלן אין קאַמף מיט אַ פּוילישער אַנטיסעמיטישער א. ק. באַנדע, שוין פאַרן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. כבוד זיין אָנדענק!

5

אייניקע יאָרן פאַרן קריג, בין איך אַוועק קיין וואַרשע און דאָרט נישט שלעכט פאַרדינט, זיך איינגעאָרדנט און געווען טעטיק אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. לייבל לעוו און זיין שוועסטער שיפרע זענען שוין געווען וואַרשעווער איינוווינער. זיי האָבן טאַקע מיר געהאָלפן צוביסלעך זיך איינאָרדענען אין וואַרשע. אַז מען געפינט זיך מיט איי־גענע מענטשן, איבערגעגעבענע חברים, איז לייכטער אויף דער נשמה. אין דער

פרייער צייט פלעגט מען זיך טרעפן אין קראַשינסקיס גאָרטן, אָדער שבת אינדערפרי מאַכן אַן אויספלוג מיט דער „קולטור־ליגע", אויף דעם שויס פון דער נאַטור. און אַז צוויי יונגע מענטשן טרעפן זיך און מ׳פאַרליבט זיך — האָט מען חתונה. שיפרע לעוו איז געוואָרן מיין פרוי — און איך האָב זיך נישט געגאַרט. מיר האָבן ביידע אַדורכגעמאַכט זייער שווערע צייטן, אָבער שטענדיק זיך פאַרשטאַנען און קעגנזייטיק געהאָלפן. אמת, איך האָב אַ גוטע פרוי, אַ שיינע משפחה, געלערנטע קינדער און אייניקלעך. ליידער, איז די פרייד נישט קיין פולקאָמע, ווייל אונדזערע ביידע פאַ־מיליעס זענען אומגעקומען פון די דייטשע באַנדיטן, באַזאַמען מיטן גאַנצן שטעטל יידן. מיין פרוים שוועסטער עטעלע, מיטן מאַן און קינדער — אין לוצק, אויך מיין ברודער ישראל, זענען אומגעקומען אין לוצק.



חברים וקוראים של הספריה היהודית, 1932

מיטגלידער און לייענערס פון דער יידישער ביבליאָטעק, 1932

Readers-members of Jewish library

פון דער אַלטער היים

אסתר־זלאַטע דומן־רושניעווסקי

א

אָסטראָווע איז געווען אַרומגערינגלט מיט סעדער, גערטנער און אַ וועלדל, וואָס מיר, שול־קינדער, האָבן געפלאַנצט. אַ טייכל האָט זיך געשלענגלט אין מיטן שטעטל, צו דער פרייד און נוצן פון די איינוווינער. זומער האָט מען דאָרט געוואַשן וועש און זיך געבאָדן. ווינטער, ווען דאָס טייכל איז געווען פאַרפרוירן, האָבן שול־קינדער און יוגנט זיך געגליטשט אויפן אייז מיט רעש און געפילדער.

דאָס טייכל האָט געגעבן מעגלעכקייטן פאַר אַ וויכטיקן פרנסה־צווייג — גאַרבערײַ. די גאַרבאַרניעס האָבן זיך קאָנצענטרירט ביים טייכל, ווייל כדי אויסצואַרבעטן גוטע לעדער, פאָדערט זיך פליסיק וואַסער.

די יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר און אַרבעט. אין די הויפּט־גאַסן זענען געווען געשעפטן און קרעמלעך. די האַנטווערקער האָבן געאַרבעט אין די היימען. אויך דינגען, צי אַרענדירן סעדער, איז געווען אַ טייל פון די יידישע פרנסות.

די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק פלעגן די פויערים פון די אַרומיקע דערפער ברענגען זייערע פּראָדוקטן אין שטעטל און פאַר דעם איינגעלייזטן געלט איינקויפן קליידער, שפּייז־אַרטיקלען, געצייג צו פעלד־אַרבעט. די יידן האָבן שווער געאַרבעט אויף זייער פרנסה, פון גאַנץ פרי ביז די שפּעטע נאַכט־שעהען.

דערפאַר, אַז ס׳איז געקומען שבת, האָט געהערשט אַ גאָר אַנדערע אַטמאָספער.

מיט ציטער און בענקשאַפט דערמאָן איך די שבתים און יום־טובים אין דער אַלטער היים. די געשעפטן און קלייטלעך זענען געוואָרן געשלאָסן, די הייזער — אויפגערוימט, קליין און גרויס האָבן זיך אויסגעפוצט אין די שענסטע קליידער, אויפצונעמען דעם חשובן גאַסט — די שבת־מלכה, צו וועלכער מ׳האָט זיך געגרייט אַ גאַנצע וואָך. די שבת־ליכט האָבן פון זיך אויסגעשטראַלט הייליקע פייערלעכקייט, וועלכע האָט באַצויבערט און דערהויבן. פרומע יידן אין שטעטל, האָבן זייער טרייסט געפונען אינעם טיפן גלויבן.

פון גרויס באַדייטונג איז געווען ווען אַ רבי האָט באַזוכט דאָס שטעטל. די חסידים האָבן אים אויפגענומען מיט טענץ און געזאַנג. ס׳איז געווען צו באַוווּנדערן ווי קראַנקע

יידן, פאַרזאָרגטע פון טאָג־טעגלעכע דאגות, האָבן ממש אויפגעלעבט, געשטראַלט פון פרייד און מיטגעטאַנצט. אַזאַ רבין האָט מען אויפגענומען ווי אַ מלך...

די גרעסטע פרייד איז געווען דאָס פאַרענדיקן שרייבן אַ ספר־תורה. מען האָט די ספר־תורה געפירט מיט גרויס פּאַראַד פון בית־מדרש צום שטיבל, מיט מוזיק און טענץ, באַגלייט פון רייטער אויף אויסגעפּוצטע פערד. אַלע יידן אין שטעטל האָבן אָנטייל גענומען אין דער שמחה און אויך אין דער סעודה לכבוד דער געשעעניש.

ב

אָסטראָווער יידן זענען געווען האַרציקע מענטשן מיט אַ וואַרעמער באַציונג צו זייערע אָרעמע און קראַנקע איינוווינער. מען האָט געגעבן צדקה און זיי געהאָלפן מיט אַלעם, אַפילו חתונה געמאַכט אָרעמע כלות.

אַ גרויסע אויסגאַבע איז געווען — אויסצוהאַלטן די קינדער אין חדר. קיין יידישע שול איז נישט געווען. האָט מען געלערנט אין חדר און גלייכצייטיק אין דער פּוילישער פאָלקס־שול („פּאָווּשעכנע"). ביי די יידישע קינדער איז פּויליש געווען זייער צווייטע שפּראַך, ווייל אין דער היים האָט מען גערעדט נאָר יידיש. דאָך האָבן אונדזערע קינדער זיך אויסגעצייכנט אין לערנען אין דער שול.

ס'זענען געווען אויך ליבעראַלע פּוילישע לערערס, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן ליבשאַפט צו די פעיִקע יידישע שילערס. אָבער דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך פאַרשפּרייט אַפילו אין די לערן־ביכער.

דעריבער איז געווען אַ גרויסע פרייד ביי די יידישע מיידלעך, ווען עס האָט זיך געגרינדעט אַ בית־יעקב־שולע. איין לערערין האָט געקענט געפינען אָרט פאַר אַלע מיידלעך אין שול־עלטער, וועלכע האָבן געוואָלט לערנען. די לערערין רחל קיימאַוויטש האָט געהאַט גרויסע פעיִקייטן צו דערמוטיקן יידישע קינדערישע הערצער, זיי זאָלן זיך נישט שעמען מיט זייער יידישקייט. ליידער, איז די שול ליקווידירט געוואָרן צוליב מאַטעריעלע שוועריקייטן.

קיין מיטלשול איז אין אָסטראָווע נישט געווען. דאָך איז אויסגעוואַקסן אַ באַוווּסטזיניקע יוגנט, וועלכע האָט זיך אָרגאַניזירט אין פאַרשידענע פּאַרטייען, פאַריינען און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. ביים קולטור־פאַריין איז געווען אַ גרויסע יידישע ביבליאָטעק, פאַרזען מיט ביכער פון דער וועלט־ליטעראַטור אין יידישער איבערזעצונג: די ווערק פון טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, גאָרקי, טורגעניעוו, טשעכאָוו. פּושקין און אַנדערע. אויך פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור — וויקטאָר הוגאָ, באַלזאַק, עמיל זאָלאַ, ראָמען ראָלאַן. מיר האָבן געליינט „דער צויבער־באַרג" פון טאָמאַס מאַן. ביבליאָ־

טעקאַר איז געווען ישראלטשע זיידהאָפּט, אַ מענטש מיט אַ סך וויסן און קולטור (נפטר געוואָרן אין בראַזיל).

עס האָבן זיך געשאַפן דראַמאַטישע קרייזלעך צו שפּילן יידיש טעאַטער. ביים אויפפירן דעם „יידישן קעניג ליר״, האָב איך געהאַט די ראָל פון דער יינגסטער טאָכטער טייבעלע.

איך האָב באַלאַנגט צו דער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע „השומר הדתי״. אָנפירער איז געווען דער חשובער און פון אַלעמען געשעצטער אריה אלקון. די אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ המשך פון די לימודים אין שול. מיר האָבן געלייענט גוטע ביכער, צייטונגען, דיסקוטירט וועגן פּאָליטיק און געטרוימט פון ארץ־ישראל. אַ דאַנק די הכשרה־קיבוצים, האָבן געציילטע חברים באַקומען סערטיפיקאַטן און אָנגעקומען אין אויסגעבענקטן לאַנד. אַנדערע זענען יאָרן אָפּגעזעסן אויף הכשרה, נאָר אָן רעזולטאַטן. איין טייערע חברטע אונדזערע, ראַשקע זאַקרויטשיק, האָט נאָך צוויי יאָר הכשרה, ענדלעך באַקומען דעם סערטיפיקאַט אין דער וואָך פון מלחמה־אויסברוך. זי האָט מיט דער לעצטער שיף אָפּגעשיקט איר באַגאַזש קיין ארץ־ישראל און אַליין פאַרשפּעטיקט אַרויסצופאָרן.

ג

מען האָט געפילט, אַז די מלחמה דערנענטערט זיך. מיט איינמאָל זענען אַלע וועגן פאַר אונדז געווען פאַרמאַכט. דאָס שרעקלעכע איז געקומען דעם 1טן סעפּטעמבער 1939. די דייטשע האָרדעס זענען באַפאַלן פוילן. אין פאַרצווייפלונג האָט די יידישע יוגנט פאַרלאָזן די היימען, ווייל מען האָט געוווסט, אַז די נאַציס לויערן אויף זיי, ווי די ווילדע וועלף. אויך איך האָב פאַרלאָזן די היים און מיינע יונגע טאַטע־מאַמע, די ליבע באָבע, שוועסטער, ברידער, פעטערס, מומעס, קוזינען און פריינד, וועמען כ׳האָב נשמהדיק ליב געהאַט — און זיי מיך. געהאָפט שנעל זיך צוריקקערן, אָבער מער האָב איך מיין היים נישט געזען.

אַ טאָג נאָך שמחת־תורה 1942, זענען זיי אַלע פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע היימען און בעסטיאַליש געוואָרן אויסגעמאָרדעט. איינציקע צוויי יידן האָבן זיך על־פּי־נס אָפּגעראַטעוועט. דאָס זענען, צו מיין טרייסט, געווען מיין פאָטער ז״ל און מיין ברודער משה — אים צו לענגערע יאָר.

מיין האַרץ איז פאַרקלעמט אויפן פאַרלוסט פון מיין יונגער מאַמען מיט מיינע דריי שוועסטער און דריי ברידער, ווי פון אַלע האַרציקע פריינד.

די יידישע אָסטראָווע, וווּ איך בין געבוירן און אויסגעלעבט גליקלעך מיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן — איז פאַרשוווּנדן.

שולן און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס

שרה ציפּורקין־וואַסערמאַן

אין מיינע זכרונות וועגן געבורט־שטעטל, וויל איך דערמאָנען די ווערטער פון ליד, אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז עס וועגן שטעטל באַראַנאָוויטש:

„קליין ביסטו ווי אַ פּעסעלע,
נאָר אין מיינע אויגן ביסטו גרויס!
איך ליב דיין יעדעס געסעלע,
ווי מיין אייגן הויז״.

אַזוי פיל אויך איך לגבי אָסטראָווע. איך האָב שוין געלעבט אין גרויסע שטעט, ווי: לעמבערג, ווראָצלאַוו און אַנדערע, נאָר מיינע געדאַנקען און בענקשאַפט ווענדן זיך צו מיין געבורט־שטעטל, אין וועלכן ס'האָבן געלעבט גוטע יידן מיט אַ פיינער יוגנט. איך וויל בלויז דערציילן פון דער „בית־יעקב״־שול, די פּוילישע פאָלקס־שול („פּאָווּשעכנע״) און די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז די „בית־יעקב״־שול געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1930 אָדער 1931. איך בין אָנגעקומען אין צווייטן קלאַס, ווייל ס'האָב שוין געקאָנט אַ ביסל לייענען און שרייבן. די שול האָט פאַרמאָגט 4 קלאַסן און האָט זיך געפונען לעבן דער אַפּטייק, אין הויז פון דער משפחה גרינבלאַט. ווי איך פאַרשטיי, האָט וועגן דעם געזאָרגט די קהילה, וועלכע האָט געהאַט אויפזיכט איבערן „בית־יעקב״, וווּ מיר האָבן געלערנט שרייבן, לייענען, יידישע געשיכטע, ווי אויך דאַווענען, חומש און לשון־קודש, פאַרטייטשט אין יידיש. די לערערין רחל קיימאָוויטש (פון לאָמזשע) איז געווען אַ פיינע, גוטע פרוי. איר צוגאַנג צו די לימודים און באַציונג צו די קינדער, איז געווען דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט. איר טעטיקייט האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז צום לערנען, נאָר אויך אָרגאַניזירט דאָס דאַווענען פרייטיק צו־נאַכט און שבת אין דער פרי. די מעלאָדישע ניגונים פון לכה־דודי, לכו נרננה און אַנדערע, קלינגען נאָך היינט אין מיינע אויערן. צו יעדן יום־טוב האָט זי צו־געגרייט פאַסיקע קינדער־פאַרשטעלונגען, צו וועלכע מ'האָט געדונגען דאָס שטאָטישע קולטור־הויז. די עלטערן בפרט און די יידישע באַפעלקערונג בכלל, האָבן מיט פרייד באַזוכט די אונטערנעמונגען. כדאי צו באַמערקן, אַז די לערע אין „בית־יעקב״, איז פאָרגעקומען נאָך די לערן־שעהען אין דער מלוכישער שול.

וואָס שייך דער פוילישער פאָלקס־שול („פּאָווושעכנע״), האָב איך אָנגעהויבן לערנען אין יאָר 1929. די שול האָט זיך געפונען אין איין געגנט, אָבער געווען פונאַנדערגעטיילט אין פיר באַזונדערע הייזער. מ׳האָט דעמאָלט אָנגעהויבן בויען אַ דריי־שטאָקיקע געביידע אויפן פּלאַץ ווו ס׳איז געווען די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע. ווען איך האָב אָנגעהויבן לערנען אין שול, איז געקומען ווינען אין אונדזער שטאָט דער יידישער לערער ראָזען, וואָס איז באַשטימט געוואָרן צו לערנען אין ערשטן קלאַס פון בלויז יידישע קינדער — און ער האָט זיי געלערנט ביזן פאַרענדיקן דעם דריטן קלאַס. מיר זענען שנעל אָנערקענט געוואָרן ווי גוטע שילערס מצד דעם שול־דירעקטאָר, וועלכער פלעגט קומען אונדז עקזאַמינירן און אויסגעדריקט זיין פאַרווונדערונג, אַז קינדער וואָס רעדן אין זייערע היימען יידיש, האָבן זיך אַזוי אויסגעצייכנט אין די לימודים אין דער פוילישער שפּראַך. דאָס האָט אויך געהאָט אַ המשך, ווען מיר זענען אַריבער אין פערטן קלאַס, שוין צוזאַמען מיט נישט־יידישע שילערס. אויך דאָ האָבן מיר באַוויזן אָנערקענט צו ווערן ווי פיל בעסערע תלמידים.

אין יענע צייטן האָבן מיר נישט געפילט קיין אַנטיסעמיטישע אַטמאָספער, סיי מצד די פוילישע שילערס, ווי פון די לערערס. אַ פּאָר ביישפּילן: ווי באַוווסט, האָבן יידישע שילערס נישט באַזוכט שבת די שול. פון אייגענעם ווילן, האָבן פוילישע שילערס אונדז איבערגעגעבן די פאַרגעבענע היים־לעקציעס. אויך די לערערס האָבן אויסגעמיטן אָנצוהייבן נייע טעמעס. יידישע שילערס האָבן זיך באַטייליקט אין די מיינסטע פאַרשטעלונגען אין שול־אונטערנעמונגען. אין פאַרלויף פון אייניקע יאָרן איז געווען איינגעפירט, אַז אין די שעהען ווען די קריסטלעכע שילערס האָבן געלערנט רעליגיע ביים קאַטוילישן גלח, האָבן מיר, די יידישע שילערס, געלערנט יידישע געשיכטע ביים לערער לאַנדאַו (פון וולאָדאַווע). מיר האָבן אויך געלערנט האַנט־אַרבעט, וועלכע איז מיר שפּעטער זייער צונוץ געקומען אין מיינע וואַנדערונגען אין די מלחמה־יאָרן.

(ווען אין יאָר 1962, בעת מיין באַזוך אין אָסטראָווע, האָב איך זיך געטראָפן מיט געוועזענע פוילישע שילערס, האָבן זיי מיר דערציילט, אַז אַלע אָן אויסנאַם לערערס זענען אומגעקומען אין פאַרטיזאַנער־קאַמף קעגן די נאַציס. געבליבן זענען זייערע פרויען, וואָס איך האָב אייניקע פון זיי באַזוכט).

מיטן ענדיקן די שול, האָבן זיך געענדיקט די שיינע קינדער־יאָרן. די יוגנט האָט נישט געוואָלט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. מען האָט זיך געלערנט פאַכן און אָנגעהויבן קומען אין געזעלשאַפט. איך מיט מיין חברטע האָבן אָנגעהויבן קומען אין בית״ר. צוגערעדט דערצו האָט אונדז מיין קוזין שלמה וואַסערמאַן. אויסער זינגען, טאַנצן,

שפּילן שאַך און פּינג־פּאָנג, האָבן די עלטערע חברים מיט אונדז זיך פאַרנומען מיט אויפקלערונג, לייענען און שמועסן וועגן פּאָליטיק — און גאַנץ באַזונדערס וועגן לעבן און דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. צו הערצלס און טרעמפּעלדאָרס יאָרצייטן, האָט מען איינגעאָרדנט טרויער־אַקאַדעמיעס, פאָרשטעלונגען. מען האָט אויך אָרגאַניזירט קעסטל־אָוונטן שבת־צונאַכטס, צו וועלכע עס פלעגן קומען יוגנטלעכע פון „גורדוניה״, „התאחדות״, השומר הדתי. מען האָט אויף צעטעלעך געשריבן פראַגן, וועלכע איינער האָט צונויפגענומען אין אַ היטל. אַ געוויילטער פּרעזידיום האָט גע־ענטפערט אויף די פראַגן און ביי דער געלעגנהייט האָבן זיך געפירט הייסע, אינטע־רעסאַנטע דיסקוסיעס.

מיט דער צייט, האָט זיך דערוועקט אַ דראַנג אויסצוברייטערן און פאַרטיפן אונדזער וויסן. אַ טייל האָט אָנגעהויבן זיך אָריענטירן אויף לינקס. אויסער די צייטונגען „היינט״ און „מאָמענט״, האָט מען אָנגעהויבן כאַפּן אַ קוק אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג״, ווי אין פּוילישן „ראָבאָטניק״. מיין קוזין שמשון דומאַן פון לעוואַר־טאָוו, האָט פון מאָל צו מאָל מיר צוגעשיקט די פּוילישע צייטשריפט „שוואַרץ אויף ווייס״, וועלכע אַ סך יוגנטלעכע האָבן ביי דער געלעגנהייט אויך געלייענט. מ׳האָט גענומען אויסבאָרגן ביכער פון דער ביבליאָטעק. איך געדענק די ערשטע ביכער, וועלכע זענען ביי אונדז געווען שטאַרק פּאָפּולער: מ. גאָרקיס „מיינע אוניווערסיטעטן״, „די מוטער״; פון וויקטאָר הוגאָ: „דער מענטש וואָס לאַכט״; טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום״ און אַנדערע. מיר פלעגן שמועסן און טיילן זיך מיט איינדרוקן פון די איבערגעלייענטע ספרים. אַזוי — ביז דעם אויסברוך פון קריג.

אַ געוויסער טייל פון אונדזער יוגנט האָט באַוויזן צו אַנטלויפן אויף דער סאָוויעטישער זייט. נאָר די פאַרבליבענע יידישע באַפעלקערונג האָט געטיילט דעם טראַגישן גורל פון די אומגעקומענע זעקס מיליאָן קדושים.

אַסטראָווער דערמאָנונגען

רבקה פריינד־דזשעוויצקי

איך בין געבוירן געוואָרן ביי די עלטערן יענקל פייוול און די מאַמע חיה, סוחרים פון תבואה און מעל. איך געדענק, אַז אין יאָר 1920, ווען די „האַלערטשיקעס״ זענען אַריין אין שטעטל, האָבן זיי געשניטן די בערד ביי יידן. מיין טאַטן האָבן זיי שטאַרק צעשלאָגן. ווען זיי האָבן געהערט אַז ער האָט קליינע קינדער, האָב זיי אויפגעהערט צו שלאָגן. אַ שכן, וואָס פלעגט יעדן פרייטיק און שבת עסן ביי אונדז חלה מיט פיש, האָט אונדז גענומען צו זיך און געהאָלפן מיט וואָס ער האָט געקענט. מיין טאַטע האָט געהאַט באַגראָבן געלט אין קאַמער, האָבן די באַנדיטן געוואָלט עס אויפקאָפּען, אָבער דער קריסט האָט געזאָגט, אַז דאָ וווינען אָרעמע לייט, זענען זיי אַוועק.

ווען די קינדער זענען גרעסער געוואָרן, זענען זיי געגאַנגען אין שול, ווו ס׳זענען געווען לערער אַנטיסעמיטן. די קריסטלעכע קינדער פלעגן אונדז רופן „זשידוווקי״, ספּעציעל ווען דער גלח פלעגט קומען זיי געבן די רעליגיע־לעקציע. פון דער לעקציע פלעגן די יידישע קינדער אַרויסגיין. אַז דער גלח איז אַוועק, זענען די פּוילישע קינדער געווען נאָך מער אין כּעס אויף אונדז. געווען אָבער אויך לערער, וואָס האָבן נישט דערלויבט אונדז צו רופן „זשידזשע״, נאָר „איזראַעליטאַ״.

איך געדענק, ווי דריי יידישע שכנים פון אונדזער גאַס, זענען געגאַנגען קיין פּאַרצעווע, זענען זיי באַפאַלן אוקראַינער, דערהרגעט און צוגענומען זייער געלט. ווען מיין טאַטע האָט אויפגעשטעלט די סוכּה, האָבן די קריסטן, וואָס זענען צוריק געגאַנגען פון קלויסטער, אַריינגעוואָרפן שטיינער אין דער סוכּה.

אין אָסטראָווע איז געווען אַ שיינע ביבליאָטעק. באַרימטע בינע־קינסטלער מיט זייערע טרופּעס פלעגן קומען און שפּילן טעאַטער. ס׳איז אויך געווען אַ ציוניסטישע יוגנט.

אין די לעצטע יאָרן האָבן די פּאָליאַקן זיך גענומען צום האַנדל און אַוועק־געשטעלט פּיקעטן ביי די יידישע געשעפטן. ערב פּסח פלעגן יידן מורא האָבן פאַר אַ פּאָגראָם, ווייל מען האָט זיי באַשולדיקט אין נעמען בלוט פון קריסטלעכע קינדער פאַר מצות.

דאָס זענען מיינע דערמאָנונגען פון אָסטראָווע.

ווי איך געדענק מיין שטעטל

מרים רובינשטיין-שנקל

אלס קינד האָט מיין מאַמע מיך געשיקט לערנען אין אַ פּוילישער שול, הגם אַ סך יידישע קינדער האָבן דאָרט נישט געלערנט, ווייל די שול האָט זיך געפינען ווייט פון זייערע היימען. די יינגלעך האָט מען בדרך כלל געשיקט אין חדר. די יוגנטלעכע האָט מען געשיקט לערנען אַ פאַך. אַז זיי האָבן נישט געהאָט קיין באַשעפטיקונג, זענען זיי געפאָרן אין דער גרויסער שטאָט צו אַרבעטען און פאַרדינען. יידן אין שטעטל האָבן געצויגן זייער חיונה פון קליינעם מסחר און פון פאַרשידענע מלאכות.

די קהילה האָט אויסער איר אַלגעמיינער טעטיקייט, אויך געהאָלפן אָרעמע מענטשן. ס'איז געווען אַ גמילות חסדים קאַסע, וועלכע האָט ערטיילט הלוואות נויטבאַדערפטיקע משפחות. אַ קליינע בעקעריי האָט באַזאָרגט מיט ברויט און געבעקס די יידישע באַפעלקערונג. אונדזער שטעטל איז געווען פרום, פיל יידן זענען געזעסן אין בית המדרש און געלערנט, בעת די פרויען האָבן באַדאַרפט אַרבעטן און פאַרדינען אויף פרנסה, וועלכע איז זייער שווער אָנגעקומען. איז מען געפאָרן קיין אַמעריקע, קיין בראַזיל אָדער אַרגענטינע, מיט דער האָפענונג דאָרט זיך אויסצובעסערן די לאַגע און דערנאָך אַראָפּנעמען די פאַמיליע.

נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. די יוגנט האָט געוואָלט פריִער אָנקומען צו דער הכשרה, כדי זיך גרייטן צו עליה און צו פּראָדוקטיווער אַרבעט אין ארץ-ישראל. אויך אַ פּרץ-ביבליאָטעק איז אַנטשטאַנען מיט זייער אַ סך ביכער פון יידישע און נישט יידישע שרייבערס. אויף די רעפעראַטן און לעקציעס האָט מען גערעדט וועגן ליטעראַטור, פּאָליטיק, יידיש לאַנד. די דאָזיקע קולטורעלע טעטיקייט איז געפירט געוואָרן צווישן אַ פּאַראָרעמטער יוגנט, וואָס זייער מאַטעריעלע לאַגע אין שטעטל איז ממש געווען אויסזיכטלאָז. די נויט, דער אַנטיסעמיטיזם און אָרעמע טאַטע-מאַמע, וואָס האָבן זיך שווער געראַנגלט פאַר זייער עקזיסטענץ, האָט ראַדיקאַליזירט די יידישע יוגנט. דער געשאַפענער אַרבעטער-פאַריין האָט צוגעצויגן אַ סך יוגנטלעכע, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען יעדן אָוונט אין דער ביבליאָטעק און אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ווו מ'האָט פאַרברענגט אין אַ געזעלשאַפט און גלייכצייטיק גערעדט און דיסקוטירט וועגן אַלע אינטערנאַציאָנאַלע און יידישע פּראָבלעמען, וועלכע זענען געווען אַקטועל צו יענער צייט.

פאַר די אָרעמע יידן האָבן געזאָרגט גוטהאַרציקע מענטשן, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען און געזאַמלט געלט, עסנוואַרג און אַ מלבוש פאַר די באמת נויטבאַדערפטיקע. ספּעציעל פּרייטיק פאַרנאַכט האָט מען שוין געוווּסט ווער פון די שכנים עס האָט נישט אויף שבת און מ׳האָט אַלץ געטאָן, אַז אַזאַ משפּחה זאָל חלילה נישט הונגערן אין שבת. מיר געדענקט זיך גוט דעם ד״ר לאַסט, וואָס פלעגט אָן אָפּצאָל באַזוכן קראַנקע, אָרעמע יידן און אַפילו מיט זיין געלט געקויפט פאַר זיי די רעצעפּט.

אין די שבתים און יום־טובים האָט דאָס שטעטל באַקומען אַ גאָר אַנדערן אויסזען. אויסגעפּוצט אין די שענסטע בגדים, איז דער עולם געגאַנגען דאַווענען אין שיל, אין בית־המדרש און אין די פאַרשידענע חסידים־שטיבלעך. אַ יום־טוב אין שטעטל איז אויך געווען, ווען ס׳איז געקומען קיין אָסטראָוו אַ רבי, וואָס איז איינגעשטאַנען ביי איינעם פון זיינע חסידים. די יידן זענען מיט „קוויטלעך" געקומען צום רבין און ביי אים געבעטן פּרנסה, געזונט, אַ רפואה שלימה פאַר אַ קראַנקן, אַ זיווג און אַ נדן פאַר אַ טאָכטער, וועלכע מ׳האָט באַדאַרפט חתונה מאַכן. אַז דער רבי איז אַוועק געפאָרן, איז דאָס שטעטל צוריק געוואָרן וואָכעדיק, מאָנאָטאָן און לאַנגווייליק.

אמתדיקע פרייד און התלהבות האָט געהערשט שמחת תורה. מ׳האָט אַפילו געזען אין די גאַסן שיכורע יידן און אין יעדן בית תפילה האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. אויך פּורים, געדענק איך, איז געווען אַ יום־טוב פון פרייד, באַזונדערס פאַרן קליינוואַרג, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט און אויך פאַרנומען מיטן פונאַנדערטראָגן שלח־מנות, אָדער אַרומגעגאַנגען מיט אַ „פּורים־שפּיל" אין די רייכע היימען און דאָרט באַקומען געלט און נאַשוואַרג.

ערב פּסח, אויסער די אייגענע זאָרג ווי אַזוי איינצואָרדענען דעם שיינעם יום־טוב, האָט מען אויך באַדאַרפט אַ טראַכט געבן וועגן די אָרעמע משפּחות און זיי צושטעלן מצות און שפּייז אויף יום־טוב. די טעג ערב פּסח האָבן זיך גוט אָנגעזען אינעם שטעטל. מ׳האָט גערייניקט די שטובן, זיי געקאַלכט, געלופטערט די ספרים, די קליידער און בעטגעוואַנט. דער האַנדל און מלאכה זענען געוואָרן אינטענסיווער, מ׳האָט געוואָלט פאַרדינען וואָס מערער אויף יום־טוב. דאָס פאַרקויפן חמץ איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש אין שטעטל. די פּאָליאַקן האָבן שוין געוווּסט, אַז במשך 8 טעג וועלן יידן נישט האַלטן ביי זיך אין שטוב קיין „כאַמעץ" און זיי האָבן פאַר ביליק איינגעקויפט פאַרשידענע זאַכן אויף אַ גאַנצער וואָך. און נאָך אַ סימן אַז דער גרויסער יום־טוב דערנענטערט זיך: יידישע יונגעלייט זענען געקומען פון די גרויסע שטעט אויף די פּסח־טעג, כדי זיין צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע און שוועסטער־ברידער אין די 8 טעג. דאַקעגן די שטעטלדיקע בחורים וואָס האָבן שוין געהאַט אויסגעוואַנדערט מעבר לים,

האָבן געהאָלפן זייערע משפחות מיט וואָס זיי האָבן געקענט און געפאָדערט אַלץ צו פאַרקויפן, כדי צו זיי אַריבערפאָרן. איך האָב געהאַט אַ ברודער און שוועסטער אין בראַזיל, וואָס האָבן אונדז טאַקע פאַרגעלייגט אַלץ צו ליקווידירן און קומען צו זיי. אָבער מיין מוטער האָט נישט געוואָלט וועמען איבערלאָזן אין שטעטל — און זי איז צוזאַמען מיט אַ סך יידן אומגעקומען אין מיידאַנעק.

אין יענע באַדינגונגען בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער יוגנט־־אָרגאַניזאַציע, גלויבנדיק, אַז מיר וועלן באַפרייען דאָס פאָלק פון דער אָרעמקייט און פון אַלע אַנדערע צרות, פון וועלכע עס ליידט די מענטשהייט. מיר האָבן געפירט אונדזער אַרבעט אין קאָנספּיראַציע, געטראָפן זיך אין געהיים אויף קרייזלעך, זיצונגען און פאַרזאַמלונגען — אין וואַלד (זומער), אין גאָרטן, אין שטובן. איך האָב געהאָלפן מיין מאַמען פאַרקויפן אין דער בעקעריי, וועלכע זי האָט געפירט. קיין פרנסה האָט אונדז נישט געפעלט און מעגלעך, אַז דאָס איז געוועזן די סיבה פון מיין אַרעסט. אַ סברה, אַז ס׳האָט ווער געמסרט, אַז אַ פאַרמעגלעכע יידישע טאָכטער געהערט צו דער קאָמוניסטישער יוגנט. מיין אַרעסט האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין שטעטל. מיין פאָטער האָט שוין נישט געלעבט זייט עטלעכע יאָר און די מאַמע און מיין ברודער האָבן מיך נישט געלאָזט אַרעסטירן, מיט כוח זיך קעגנגעשטעלט דער פאָליציי. האָבן זיי אויך אים אַרעסטירט און ביידע אַוועקגעפירט אין תפיסה.

ווען איך בין באַפרייט געוואָרן נאָך אַ געוויסער צייט, איז די צאָל יידישע יוגנט־לעכע באַדייטנדיק קלענער געוואָרן אין שטעטל. אַ גרויסער טייל איז אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע, זוכן אַרבעט אין דער גרויסער שטאָט. אַלע האָבן געפילט, אַז עס דער־נעענטערט זיך אַ מלחמה, ווייל היטלער־דייטשלאַנד האָט אָפן געדראָט מיט אַגרעסיע לגבי פוילן און אַנדערע לענדער. נאָר קיינער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די דאָזיקע מלחמה וועט האָבן אַזעלכע טראַגישע פאָלגן פאַר אונדזער פאָלק.

אַ שטעטל פון מעשים טובים

פרידאַ גאָלדשטיין

עס זענען פאַריבער אַ סך יאָרן, זייט מיר האָבן פאַרלאָזט אָסטראָווע, נאָר די געשטאַלטן, בילדער און גאַסן זענען נאָך אַלץ איינגעקריצט אין זכרון. די יידן פון אונדזער שטעטל זענען געווען אָרעם אין געלט, ווייל ס'איז נישט געווען ווו צו פאַר־דינען אויף פּרנסה, אָבער רייך און גוטהאַרציק, גרייט צו העלפן איינער דעם צווייטן מיט מעשים טובים.

אויסער די פאַרשידענע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן, האָבן אויך יחידים זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גוטהאַרציקייט. און גאַנץ באַזונדערס — אייניקע פרויען, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אָרעמע און קראַנקע מענטשן. אַזוי, צום ביישפּיל, האָבן עטלעכע אַזוי גערופענע „גבאי'טעס" גענומען הלוואות אין דער גמילות־חסדים קאַסע אויף זייערע נעמען, כדי מיט דעם געלט שטיצן די נויטבאַ־דערפטיקע. דעם חוב האָט מען אָפּגעצאָלט אויף אַזאַ אופן: אַ צאָל פרויען האָט זיך באַשטייערט מיט 20 אָדער 30 גראָשן אַ וואָך און פון די צונויפגעזאַמלטע געלטער, האָט מען אָפּגעצאָלט אַ ראַטע אין דער גמילות־חסדים קאַסע.

איך, אַ יונג מיידל, האָב דעמאָלט געאַרבעט ביי דער משפּחה ראַלניק. האָבן די פרויען אויך מיך אַנגאַזשירט איינצוקאַסירן די וועכנטלעכע באַשטייערונגען.

די איניציאַטאָרינס פון דעם אויפטו זענען געווען: חוה'טשע ראַלניק, חנה־לאה און גיטעלע אַלקון, וואָס האָבן אַ סך געהאָלפן די אָרעמע מענטשן.

די גרויסע מערהייט יידישע יוגנטלעכע אין שטעטל האָט געהערט צו פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, ווו מ'האָט זיך אויסגעלעבט געזעלשאַפטלעך און אידעיש — אין די ציוניסטישע גרופּירונגען און אינעם קולטור־פאַראיין. זיי האָבן געלעכצט נאָך אַ בוך צו לייענען, באַזוכט פאַרלעזונגען און זיך אינטערעסירט מיט די געשעענישן אויף דער וועלט און אין לאַנד. מיר האָבן אויך גערן געהערט די רעפעראַטן פון אונדזער ד"ר לאַסט.

קיינער פון די יידישע יוגנטלעכע אין אָסטראָווע, האָט זיך נישט געקענט דערלויבן הויכבילדונג, צי אַפילו לערנען אין גימנאַזיע. נאָר די שטרעבונג צו וויסן און צו לערנען, איז געווען זייער גרויס. אויסער דער פאַרצווייגטער קולטור־טעטיקייט, האָט מען אויך געזוכט פאַרווייַלונג — און דערצו איז געווען אַ געלעגנהייט דורך איינאָרדענען פאַר־שידענע מסיבות אין חנוכה, פּורים און אַנדערע יום־טובים.

אויך דער עלטערער דור, אונדזערע זיידעס און טאַטעס האָבן זיך אויסגעלעבט אויף זייער שטייגער. איך געדענק, ווי מיין פאָטער און דער זיידע שמואל־יואל בעקער, האָבן יעדן פרייטיק אויפגעקאָכט אַ קעסל וואַסער, כדי די סאָקאָלאָווער חסידים זאָלן שבת פאַרן דאַווענען קומען טרינקען טיי און דערביי שמועסן וועגן פּאָליטיק, דיסקוטירן וועגן רבנים און דערנאָך זענען אַלע צוזאַמען אַוועק דאַווענען אין „שטיבל".

מעגלעכקייטן פון אַרבעט פאַר דער יוגנט זענען געווען זייער ווינציק. האָבן טאַקע אַ סך פון זיי אויסגעוואַנדערט אין דער גרויסער שטאָט, צי מעבר לים. אויך מיין חבר יצחק גאָלדשטיין האָט געאַרבעט אין וואַרשע און ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן אין סעפּטעמבער 1939, איז ער געקומען אַ היים, קיין אָסטראָווע און מיר האָבן צוזאַמען פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אַנטלאָפן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, וווּ מיר האָבן איבערגעלעבט די מלחמה.



בית־ספר דתי לבנות „בית יעקב" בשנות השלושים

רעליגיעזע מיידל־שול „בית יעקב" אין די דרייסיקער יאָרן

"Bet-Yaakov" religious girls' school in 30s

ו.

דער אומקום
פון שטעטל

דאָקומענטן פון אָסטראָווער געטאָ

אויף דער איניציאַטיוו פון בראַניע און מישא עקהאוס, איז געלונגען צו באַקומען פון ידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע איבער 230 פאָטאָקאָפּיעס פון באַריכטן, בריוו און אַנדערע דאָקומענטן פונעם געטאָ אין אָסטרווו-לובעלסקי, אין די יאָרן 1940, 1941 און 1942. די דאָקומענטן זענען געשריבן אין דער פּוילישער שפּראַך, אַ קלײנער טײל פון זײ — אין דער דײטשישער שפּראַך. איבערהויפּט איז דאָס אַ בריוו-אויסטויש צווישן דער „ידישער סאָציאַלער זלעבסטהילף" (ייס"ז) — „זשידאָווסקאַ סאַמאָפּאָמאָץ ספּאָלעטשנאַ" אין אָסטראָווע, מיט דער צענטראַלע אין קראָקע. מיר האָבן אויסגעקליבן אַ קלײנעם טײל פונעם צוגעשיקטן מאַטעריאַל, וועלכן מיר ברענגען דאָ אין דער ידיש-איבערזעצונג. צום באַדויערן, איז פון יאָר 1940 פאַראַן נאָר אײן דאָקומענט. דאַקעגן פון די צווײ ווײטער-דיקע יאָרן, איז דאָ גענוג אויטענטישער מאַטעריאַל, וועלכער שפּיגלט אָפּ געוויסע מאָמענטן פונעם לעבן אין געטאָ. דעם מאַטעריאַל פאַרעפנטלעכן מיר כראָנאָלאָגיש, אין פרײער איבערזעצונג, מיט קירצונגען, נאָר טרײ דעם אינהאַלט. צומערשט גיבן מיר אָן די דאַטע, ווען דער דאָקומענט איז געשריבן געוואָרן, אָדער געוואָרן אַרויסגעשיקט.

באַאַרבעט, איבערגעזעצט און צוגעגרייט צום דרוק: דוד שטאָקפיש.

9.4.1940

טעלעגראַם פון „דזשאָינט" אין וואַרשע, יאַסנע 11, צו ה' קאַבלינער אין אָסטרווו-לובעלסקי, אין דער דײטשישער שפּראַך.

„היינט גערעדט טעלעפאָניש מיט אײער ברודער אין קעלן (וועגן) שיפסקאַרטע און אַרײנרײזע-באַוויליקונג נאָך סאַן-דאָמינגאָ. (געפינט זיך) אין לאַגער האַמבורג זײט 8 טעג, זאָפאָרט (אונטערגענומען) שריט צו פאָרן נאָך האַמבורג. דזשאָינט".

סוף יאַנואַר 1941

חודש-באַריכט צו דעם ייס"ז („ידישע סאָציאַלע זעלבסטהילף") אין קראָקע וועגן פינאַנסן, פּראָדוקטן, סאַניטאַרע אַקציע, דאָקטוירים-באַזוכן (212), הכנסות און הוצאות

פון דער פאָלקס־קיך, קינדער־באַשפּייזונג, וווינונגען־הילף, באַהייצונג, אינוועטאַר און מעדיצינישע הילף (אין 66 פאַלן).

צום 1טן פעברואַר 1941 האָבן זיך געפונען אין געטאָ 1,117 דעפּאָרטירטע.

דער באַריכט פון דער קיך רעכנט אויס, צווישן אַנדערע פּראָדוקטן, אַז דעם 1טן יאַנואַר 1941 האָט זיך דאָרט געפינען: 93 קילאָ ווייצן־מעל (צוגעקויפט 38 קילאָ אין משך פון חודש), רעטשענע קאַשע 62 קילאָ, פערפל 3 קילאָ, ציקאָריע 20 פעקלעך, פּוטער — גאָרנישט, קאַרטאָפל — צוגעקויפט 4,900 קילאָ, בוראַקעס 78 קילאָ, מייערן 35 קילאָ, פּעטרושקע 24 קילאָ, ליכט — צוגעקויפט 50, ברויט 32 קילאָ (צוגעקויפט 154), צוקער 15 קילאָ, סאַכאַרין 150 שאַכטלען, זאַלץ 64 קילאָ, סאָדע 4.5 קילאָ.

אין אַ באַזונדערער רובריק ווערט אָנגעגעבן, וויפל מ׳האָט פאַרברויכט דעם חודש פּראָדוקטן און וויפל עס באַטרעפט דער סאַלדאָ אויפן צווייטן חודש.

23סטער פעברואַר 1941

אַ בריוו פון „דזשאָינט" אין קראָקע צו דער משפחה קעמפּינסקי אין אָסטראָווע וועגן הילף פון אויסלאַנד:

„בייגעלייגט אַ קאָפּיע פונעם בריוו וועלכן מיר האָבן דערהאַלטן פון דער רייכספאַראייניקונג פון די ידן אין דייטשלאַנד, אָפּטיילונג וואַנדערונג (הילפספאַראיין) אין בערלין, פון 14טן ד. ח. בנוגע אייער ענין: מיר מאַכן אייך העפלעך אויפמערקזאַם, אַז צו אייערע קרובים אין ניו־יאָרק קאָנט איר שרייבן דירעקט, אָן אונדזער פאַרמיטלונג. מיר בעטן העפלעך באַשטעטיקן דעם דערהאַלט פון דעם בריוו. מיט אַכטונג: אַמעריקען דזשאָינט דיסטריבושן קאָמיטי".

מערץ 1941

פונעם חודשלעבן באַריכט קיין קראָקע ווייזט זיך אַרויס, אַז דעם 1טן מערץ 1941 האָבן אין געטאָ זיך געפונען 1230 פּליטים. יענעם חודש זענען צוגעקומען 207 פּליטים. צום 1טן אַפּריל 1941 זענען געבליבן 1437 פּליטים.

אין חודש מערץ איז פאַרטיילט געוואָרן הילף פאַר 1170 פּליטים און פאַר 600 פערזאָן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

7טער מערץ 1941

פון אַ בריוו פון דער ידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף, דעלעגאַטור אין אָסטרווו־לובעלסקי צו דער ידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף, פּרעזידיום אין קראָקע.

דערמיט גיבן מיר אייך העפלעך צו וויסן, אַז נאָכן דערהאַלטן די באַשטעטיקונג פון דער היגער דעלעגאַטור דורך דעם קרייזהאופטמאַן און דעם פּאַוויאַט־קאָמיטעט אין ראַדזין, האָט זיך קאָנסטיטואירט די היגע דעלעגאַטור אויף פאָלגנדיקן אופן:

1. העכט עמיל, פּאַרזיצער, אַלגעמיינער אויפזיכט.
2. פלאַנטער איזידאָר, פינאַנסן.
3. ווינדער אַברהם, סעקרעטאַר.

אַזוי ווי די היגע דעלעגאַטור אַרבעט שוין פון 10טן אָקטאָבער 1940 אין דעם צוזאַמענשטעל און מיט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, בעטן מיר העפלעך אייער באַשטעטיקונג לטובת דעם ענין, ווי אויך די דערמאָנטע פּאַרטיילונג פון די פונקציעס.

(עס פאָלגן די דריי דערמאָנטע אונטערשריפטן און עס קומט נאָך צו א „פּאָסט סקריפּטום", אַז „מיר האָבן נישט דערהאַלטן דעם צירקולאַר נומער 18").

10טער מערץ 1941

בריוו אין דער דייטשישער שפּראַך פון דער יידישער קהילה אין בריסל צו דער יידישער קהילה אין וואַרשע, מיטן בייגעלייגטן בריוו פון מ. שלאָמאָוויטש פון אָסטראָוו־לובעלסקי וואָס בעט הילף דורך צושיקן אים געניצטע מלבושים. און דער גענעראַל־סעקרעטאַר עד. ראָטקעל גיט צו: „צום באַדויערן, קאָנען זיי נישט פון דאָרט (ד. ה. פון בריסל) אַנטקעגנקומען זיין בקשה".

11טער מערץ 1941

בריוו צו דער יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף אין אָסטראָווע פון דער צענטראַלע אין קראָקע וועגן דער פּאַרטיילונג פון פונקציעס אין דער אָרטיקער דעלעגאַטור, אַז זיי באַשטעטיקן דעם דערהאַלט פונעם בריוו פון 7טן מערץ נר. 19/41 און זענען מסכים אויף דער פּאַרטיילונג פון די פונקציעס, נאָר ער דאַרף געענדערט ווערן, ווייל דער סעקרעטאַר קאָן נישט באַשטימען קיין טעטיקייטן פון א דעלעגאַטור־מיטגליד. אויסער דעם, איז נישט גענוג די אַלגעמיינע אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער שוץ, נאָר מוז זיין באַזעצט מיט א געזונטהייט־רעפעראַט און א באַשפּייזונג־רעפעראַט. דעריבער „בעטן מיר פאַרטיילן די צוויי רעפעראַטן צווישן פאַרזיצער און דעם ה' ווינדער".

בייגעלייגט דעם צירקולאַר נומ' 18.

17.3.1941

א בריוו (אין פויליש) פון דער יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף (ייס"ז) אין אָסטראָווע צום „דזשאָינט" אין קראָקע:

„בייגעלייגט דעם חודשלעכן באַריכט פאַר פעברואַר 1941 און מיר בעטן איבערשיקן פאָרמולאַרן פאַר באַריכטן. מיט אַכטונג: (אונטערשריפט ניט לעזבאַר).

24.3.1941

בריוו פון דער יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף, דעלעגאַטור אין אָסטרווו-לובלעסקי, צום פּרעזידיום פון דער ייס"ז אין קראָקע: „דערמיט באַשטעטיקן מיר דעם דערהאַלט פונעם געלט-איבערווייז פון 14.3.41 אויף אַ סומע פון 1000 זלאָטיס און לייגן ביי אַ קוויטירונג". (2 ניט לעזבאַרע אונטערשריפטן).

31סטער מערץ 1941

בריוו פון דער ייס"ז אין אָסטראָווע צום פּרעזידיום פון דער ייס"ז אין קראָקע.

בנוגע דעם צירקולאַר נומ' 19: צוטייל פון שפּייז און פאָנדן דורך דער אַרטיקער מאַכט.

אָנהייבנדיק פון אָקטאָבער 1940, האָבן מיר עטלעכע מאָל דערהאַלטן פון הער קרייזלאַנדווירט אַ צוטייל אויף קאַשע אָדער הירש און קאַרטאָפל פאַר די היגע אָרעמעלייט און עפנטלעכער קיך. לעצטנס, ד. ה. דעם 18טן מערץ ה.י., האָבן מיר באַקומען 500 קילאָ קאַשע און 20 טויזנט קילאָ קאַרטאָפל. מיר האָבן אָבער שוועריקייטן מיט אויסקויפן דעם צוטייל צוליב פינאַנסיעלע סיבות, ווייל מיר דאַרפן במשך היינטיקע וואָך אויסצאָלן 2 טויזנט זלאָטיס.

לויט די אינפאָרמאַציעס וועלכע מיר האָבן באַקומען פון לובלין, האָט מען אונדז אין חודש פעברואַר ה. י. אָנערקענט דורכן פּרעזידיום אַ סובוועגץ אין דער הייך פון 1,500 זלאָטיס און אַ צווייטע — פון 1,000 זלאָטיס. דאָס פּרעזידיום האָט אונדז אָבער איבערגעוויזן ביז איצט נאָר 1,000 זלאָטיס, מיר דערוואַרטן נאָך די ערשטע, צוגעטיילטע סובוועגץ.

פון דער היגער שטאָט-פאַרוואַלטונג האָבן מיר באַקומען אַ קאָנטע פון איינגעפּלאַסענע שטייערן — 800 זלאָטיס, אין 2 ראַטעס.

בנוגע דעם צירקולאַר נומ' 20.

די הכנסות פונעם יודענראַט זענען זייער שוואַכע און שטייגן נישט איבער די סומע פון 250 זלאָטיס אַ חודש פון שטייערן. פון דרינגענדיקע איינקונפטן — נאָך 150

זלאַטיס. אין אונדזער שטאָט האָבן נאָר 40 בעלי־מלאכות די רעכט צו אַרבעטן ביי זייערע פאַכן. קיין שפּיין־געשעפטן און ענלעכע זענען בכלל נישטאָ. אונדזערע באַמיונגען אין דער ריכטונג האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן. די הכנסה פון וועלכער די דעלעגאַטור באַקומט 25%, סטייען קוים אויף צו דעקן די אויסגאַבן פונעם יודענראַט.

די צירקולאַרן נומ׳ 21 און 22 האָבן מיר נישט דערהאַלטן.

בנוגע דעם צירקולאַר נומ׳ 23 — הילפס־אַקציע פאַר די אויסגעזידלטע יידן.

פון לובלין האָבן מיר באַקומען אַ פאַראָרדענונג פונעם הער קרייַזהאַופּטמאַן אויפצונעמען 200 איבערגעזידלטע, וואָס נאָר אַ טייל האָט מען איינגעאָרדענט פּריוואַט, ווייל דער סאַניטאַרער צושטאַנד (סוועזשבע און לייז)ביים גרעסטן טייל פון די פּליטים, האָט נישט דערלויבט זיי איינצואָרדענען צווישן דער היגער באַפעלקערונג. זיי וווינען אין צוויי גרויסע זאַלן. די אַרויסגעשיקטע שטאַמען פון דער אָרעמסטער שיכט באַפעלקערונג פון לובלין. אויסער די אויסגעווייזענע דעפּאָרטירטע וואָס זענען געקומען פון לובלין, זענען צו אונדז געקומען פון סאָסנאָוויץ 500 פּערזאָן (די שטאָט ליגט אויף דער טראַסע סאָסנאָוויץ־לובלין), וואָס אַ טייל פון זיי האָבן מיר געגעבן אויף אונדזער חשבון, פורן קיין לובלין. אַלע אָן אויסנאַם האָבן ביז איצט באַקומען יעדן טאָג ברויט, קאַווע און אַ זופּ. leider, זענען מיר נישט אימשטאַנד ווייטער צו פירן די אַקציע אין דעם פאַרנעם. די לאַגע, וועלכע איז אויך ביז איצט געווען אַ שווערע, האָט זיך באַדייטנדיק פאַרערגערט. מיר האָבן שוין דאָ פון לאַנג 500 דעפּאָרטירטע פון לובאַרטאָוו, ווי אויך אַ 500 פון פּויזן, אין דעם — אַ גאַנצן מושב זקנים. פאַר די לעצטע האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ באַזונדערן צימער. איצט אָבער האָבן מיר באַקומען אַ פאַראָרדענונג איינצואָרדענען נאָך 2 צימערן פאַר דעם צוועק און אַ ספּעציעלן צימער פאַר קראַנקע, ווייל די שטאָט־פאַרוואַלטונג דערלויבט נישט, אַז אַלטע לייט און אומבאַהאַלפענע זאָל מען איינאָרדענען פּריוואַט. לויט דעם באַפעל, האָבן די צימערן פאַר קראַנקע און אַלטע לייט באַדאַרפט אויפנעמען ווינציקסטנס אַ 50 פּערזאָן, אָבער צום סוף האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג דערלויבט איינצואָרדענען אַזעלכע 30 מענטשן (בריוו פון מאַגיסטראַט פון 7טן מערץ ה. י.).

מיר ווענדן זיך צום פּרעזידיום פון ייס״ז מיט דער ביטע אונטערצושטיצן אונדזערע באַמיונגען אין דער פאָרם פון קאַצן (דעקעס) און שעניקעס פאַר די פריִער דערמאָנטע צילן, כדי דערמיט פאַרלייכטערן די אַלטע לייט און אומבאַהאַלפענע.

בנוגע אייער בריוו פון 11טן מערץ 1941 נומ׳ 1882/41 :

דעם רעפעראַט פאַר באַשפּייזונג האָט איבערגענומען ה׳ עמיל העכט און דעם געזונטהייט־רעפעראַט ה׳ אַברהם ווינדער. נאָכן דערגאַנצן די צוויי רעפעראַטן, בעטן

מיר די ענטגילטיקע, נאָמענטלעכע באַשטעטיקונג אין וועלכע מיר נייטיקן זיך פאַר דער אָרטיקער מאַכט.

מיט אַכטונג: עמיל העכט, א. ווינדער.

2טער אַפּריל 1941

בריוו פון דער ייִדישער סאָציאַלער זעלבסטהילף, פּרעזידיום אין קראָקע — צו דער דעלעגאַטור אין אָסטראָווע, פאַרן ה׳ אַבּרהם ווינדער.

בנוגע סובווענצן: מיר טיילן אייך מיט העפלעך, אַז אויפן אַדרעס פון די חשובע הערן האָבן מיר איבערגעוויזן די סומע פון 1,000 זלאָטיס. אַ דריטל פון דער סומע שטאַמט פון די פאָנדן פונעם פּרעזידיום פון דער ייִדישער סאָציאַלער זעלבסטהילף און צוויי דריטל פון דער סובווענץ פונעם אַמעריקאַנער דזשאָינט. די איבערגעשיקטע סומע איז באַשטימט אויסשליסלעך אויף איינצוקויפן פּראָדוקטן און באַהייצונג פאַר די פאָלקס־קיכן, יתומים־הייזער, עלטערן־היימען אאז״וו.

מיר שטרייכן אונטער, אַז די דאָזיקע סומען קאָנען נישט פאַרנוצט ווערן אויף וועלכן ס׳איז אַנדערן ציל, ווי נאָר פאַר די וואָס זענען באַשטימט. אין קיין שום פאַל טאָר מען נישט די פאָנדן פאַרנוצן אויף וועלכע ס׳איז אַדמיניסטראַטיווע אויסגאַבן.

אין די ערטער ווו ס׳איז נישטאָ קיין פאָלקס־קיך, קאָנען אויסנאַמסווייז פאַרטיילט ווערן די דאָזיקע פּראָדוקטן די נויטבאַדערפטיקע, לויט אַ רשימה, מיט אַ באַשטעטיקונג.

מיר בעטן איבערשיקן אַ באַשטעטיקונג אויפן דערהאַלט פון דער דערמאָנטער סומע, ווי נאָר איר וועט זי באַקומען. אויסער דעם וועלן מיר אייך איבערשיקן אַ באַזונדערע, אָריגינעלע באַשטעטיקונג, וועלכע איר וועט נאָכן דערהאַלטן, זי אונטער־שרייבן און צוריק שיקן אויף אונדזער אַדרעס.

4טער אַפּריל 1941

בריוו פונעם פּרעזידיום פון דער ייס״ז אין קראָקע צו דער דעלעגאַטור פון ייס״ז אין אָסטראָווע בנוגע אינדיווידועלער הילף.

אַ געוויסער מ. שלאָמאָוויטש אין אָסטרווו־לובעלסקי האָט געשיקט אַ בריוו צו דער ייִדישער גמינע אין בריסל, וועלכע גיט צו וויסן, אַז צום באַדויערן קאָן זי פון דאָרט גאָרנישט טאָן און צוריק געשיקט דעם בריוו צו דערליידיקן אַלץ אויפן אָרט. צוליב דעם גיבן מיר אייך איבער דעם ענין צו דערליידיקן, אין די ראָמען פון נייטיקייט און באַדערפענישן.

(בייגעלייגט אַ קאָפּיע פונעם בריוו פון ייִדישן הילפס־קאָמיטעט אין וואַרשע צום

פרעזידיום פון דער ייס״ז אין קראָקע, מיט דער צושריפט, אַז זיי שיקן איבער דעם בריוו פון בריסל).

15טער אַפּריל 1941

אויסצוג פון אַ בריוו פון קראָקע צו דער ייס״ז אין אָסטראָווע וועגן הילף פאַר דעפּאָרטירטע.

„וועגן הילף פאַר די דעפּאָרטירטע, דאַרף מען זיך ווענדן צו אונדזער ראַטגעבער ביים קרייז־שעף פאַר ענייניס פון סאָציאַלער הילף, ד״ר אַלטען, וואָס אין אונדזער נאָמען פירט ער אָן מיט דער הילפס־אַקציע פאַר די פּליטים אין לובלינער קרייז״.

„אויך וועגן צוטיילן קאָצן און שעניקעס דאַרף מען זיך ווענדן צום אויבן אָנגעוויזענעם אַדרעס, ווייל די קאָצן און שעניקעס מיט וועלכע מיר האָבן דיספּאָנירט, האָט מען אַרויסגעשיקט צו ד״ר אַלטען, כדי זיי פאַרטיילן צווישן די דעפּאָרטירטע אין לובלינער קרייז״.

דעם 1טן אַפּריל 1941 האָבן אין אָסטראָווע זיך געפינען 1437 פּליטים און צום 1טן מאַי איז געבליבן די זעלבע צאָל. די צאָל אָרטיקע איינוווינערס — 608. צוזאַמען — 1778 (פון אַ באַריכט קיין קראָקע).

15טער מאַי 1941

בריוו וועגן סובווענצן פון דער ייס״ז אין קראָקע צו דער דעלעגאַטור אין אָסטראָווע, פאַרן ה' אַברהם וויגדער.

מיר טיילן מיט העפלעך, אַז דעם 8טן ד. ח. האָבן מיר אויף אייער אַדרעס איבערגעשיקט די סומע פון 1,500 זלאָטיס פאַר פאָלגנדיקע צוועקן: 800 זל. פאַר די דעפּאָרטירטע; 500 פאַר באַשפּייזונג; 200 פאַר קינדער־שוץ. די דערמאָנטע סומען דאַרף מען פאַרווענדן נאָר אויף די באַשטימטע צוועקן. דאָרט ווו ס'זענען נישטאָ קיין פאָלקס־קיכן, דאַרף מען פאַר די צוגעטיילטע געלטער איינקויפן פּראָדוקטן און זיי פאַרטיילן צווישן די נויטבאַדערפטיקע.

די דערמאָנטע סומע באַשטייט פון אַ העלפט פון די פאָנדן פונעם פּרעזידיום פון דער יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף און אַ העלפט פון אַמעריקאַנער דזשאָינט. מיר בעטן צושיקן באַשטעטיקונגען אויף די דערהאַלטענע סומען.

21סטער מאַי 1941

בריוו פון דער דעלעגאַטור אין אָסטראָווע צום פּרעזידיום פון דער ייס״ז אין קראָקע: דערמיט באַשטעטיקן מיר אין 2 עקזעמפּלאַרן די דערהאַלטענע סומע 1,500 זלאָטיס,

וועלכע איר האָט איבערגעשיקט אויף אונזער אַדרעס דעם 8טן ד. ח. און זענען באַשטימט פאַר די פאָלגנדיקע צוועקן:

800 זל. הילף פאַר די דעפּאָרטירטע; 500 זל. פאַר באַשפּייזונג; 200 פאַר קינדער־שוץ און סאַניטאַרע באַדינונג. צוזאַמען 1,500. מיר פאַרפּליכטן זיך צו פאַרווענדן די דערמאָנטע סובווענץ אויסשליסלעך פאַר די צילן, ווי איר האָט אָנגעוויזן. אין דער דערמאָנטער סומע גייט אויך אַריין די סומע פון 750 זל. פון די דזשאָינט־פאָנדן, וועלכע מיר קוויטירן באַזונדער אויף די אָריגינעלע בלאַנקעטן.

23סטער מאַי 1941

בריוו פון דער דעלעגאַטור אין אָסטראָווע צו דער צענטראַלע אין קראָקע וועגן צירקולאַר נומ׳ 28:

ענטפערנדיק אויפן דערמאָנטן צירקולאַר, טיילן מיר מיט העפלעך, אַז אַלע ידישע אומבאַוועגלעכע גיטער געהערן דאָ צו דער „פאַרוואַלטונג פון יידישע אומבאַוועגלעכע גיטער, דירות און הייזער, געזעלשאַפט מיט באַגרענעצטער האַפטונג, ראַדזין, פיליע אין אָסטרוווּ־לובעלסקי״. בייגעלייגט די מעלדונג פון דער דערמאָנטער געזעלשאַפט:

„פון 1טן יאַנואַר 1941 זענען אַלע לאָקאַלן פון די ידישע אומבאַוועגלעכע גיטער, צאָלבאַרע דער פאַרוואַלטונג פון די יידישע אומבאַוועגלעכע גיטער, וווינונגען און הייזער. דעם אָפּצאָל (דירה־געלט) דאַרף מען במשך 3 טעג איינצאָלן אין דער פיליע פון דער פאַרוואַלטונג פון ידישע אומבאַוועגלעכע גיטער, דירות און הייזער אין אָסטראָווע, אויף דריטער מאַי גאַס נומ׳ 12.

אַלע אינפאָרמאַציעס ווערן ערטיילט אויפן אָרט. די לאָקאַטאָרן אין די יידישע הייזער וואָס וועלן נישט רעגולירן די צינזן צום באַשטימטן טערמין, וועט דער אָפּצאָל אויפגעמאָנט ווערן אויף אַ צוואַנג־אופן. לייטער פון דער פיליע: דער בירגערמייסטער. אָסטרוווּ־לוב., 15.4.1941.

אַלגעמיינער באַריכט פון 1טן ביזן 31סטן מאַי 1941

אָרט: אָסטרוווּ־לובעלסקי. פּאָוויאַט: ראַדזין. קרייז: לובלין. באַן־סטאַציע: גרודעק. פּאָסט: אָסטרוווּ־לובעלסקי. אַדרעס: פּיעראַצקיעגאָ־גאַס 42. נר. 66/41.

1) צאָל ייִדן: פאַר דער מלחמה 2,110. איצט: 3,333. סוחרים און הענדלערס: פאַר דער מלחמה 350 (איצט 12). האַנדווערקערס 160 (40). אַרבעטער 40 (830). פרייע פּראָפעסיעס 2 (10). אָן באַשעפטיקונג 1,558 (2,441).

2) די צאָל וואָס בעט הילף: 1842. געניסן פון הילף: 1842.

3) ווער פאַרנעמט זיך מיט סאָציאַלער הילף? די ייס"ז־דעלעגאַטור.

4) ווער און וויפל האָט מען ערטיילט הילף? דאָס פּרעזידיום פון דעם ראַטגעבער ביים שעף פון דיסטריקט — 500 זל.; דער יודענראַט — 433 זל.; פאַרשידנס — 99 זל.

5) אין וועלכער פאָרם האָט מען ערטיילט הילף? פאָלקס־קיך, עלטערן־היים, אַמבולאַטאָריום, באַשפּייזונג פאַר קינדער, אַלטע לייט און קראַנקע, קינדערהיים.

6) איז פאַראַן אַן אַמבולטאָריום? יאָ. ווער פירט אַן? די יידישע סאָציאַלע זעלבסטהילף.

7) ווער פאַרנעמט זיך מיט דער קינדער־שוץ? די ייס"ז.

8) וויפל יידן באַשעפטיקט אין אַרבעט־לאַגערן? קיינער. אין גמינע — 668. אויסער דער גמינע — 162.

9) וועלכע סומען האָט מען אויסגעגעבן אויף דעם צוועק? מיט די אַרבעטער פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך דער יודענראַט.

10) וויפל האַנדוועקער פירן זייערע וואַרשטאַטן? 40. וועלכע פאַכן זענען אַ מערהייט? שוסטערס און שניידערס.

11) וויפל יידישע אונטערנעמונגען זענען טעטיק? 12.

12) איינקונפטן פאַר סאָציאַלער הילף — 2,532 זלאָטים 96 גראַשן. אויסגאַבן: 3,524 זלאָטים 65 גראַשן. פון וועלכע קוואַלן געדעקט די אויסגאַבן? סובווענצן פון פּרעזידיום פון דער ייס"ז אין קראָקע, פונעם ראַטגעבער ביים שעף־דיסטריקט אין לובלין, פון יודענראַט און פאַרשידענע. צי זענען פאַראַן אויסערגעוויינלעכע הכנסות פאַר סאָציאַלער הילף און וועלכע? נישטאָ.

13) וועלכע שפּייז־מיטלען באַקומען יידן אין קליינע צאָלן און אויף וויפל? 4 דעקאַ ברויט אַ טאָג נאָר פאַר די אַרבעטנדיקע. אַלע אַנדערע באַקומען גאָרנישט.

קאַסע־באַריכט פאַרן חודש מאַי 1941

הכנסה: סאַלדאָ 1,809 זלאָטיס, סובווענצן פון פּרעזידיום פון דער ייס"ז 1,500; פון לובלינער ייס"ז 500; פון יודענראַט 433 זל.; פאָלקס־קיך 90 זל.

אויסגאַבן: ערטיילטע הילף 12,50 זלאָטיס; פאָלקס־קיך 2,553 זל.; שוץ פאַר קינדער, קראַנקע און אַלטע לייט 380 זלאָטיס; סאַניטאַר־אַקציע 222 זל.; אַלגעמיינע אַדמיניסטראַטיווע אויסגאַבן: א) ביוראָ־קאָסטן 55 זל.; ב) פּערסאָנאַל פאַר אַפּריל—מאַי 300 זל.

צאָל אַנשטאַלטן: פאַרמאַכטע — 1, אָפענע — 3. די צאָל באַשעפטיקטע פּערזאָנען: געצאָלטע 1, אומגעצאָלט 23.

10טער יוני 1941

בריוו פון דער אָסטראָווער דעלעגאַטור פון דער ייס"ז צום פּרעזידיום אין קראָקע. לויט אייער צירקולאַר נומ' 11, גיבן מיר איבער די פאָלגנדיקע אינפאָרמאַציע: אַדרעסן פון די מיטגלידער פון דער ידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף:

העכט עמיל, פּיעראַצקיעגאָ־גאַס.

פלאַנטער איזידאָר, 3טער מאַי גאַס 12.

ווינדער אַברהם, פּיעראַצקיעגאָ־גאַס 56.

אונדזער ביוראָ געפינט זיך אויף דער פּיעראַצקיעגאָ־גאַס 42. אונדזער טעלעגראַפישער אַדרעס: „ידישע הילפסווערק".

טעלעפאָניש קאָן מען זיך פאַרשטענדיקן, דורך אָרויסרופן אונדז אויף דער פּאָסט, ווייל מיר באַזיצן נישט קיין אייגענעם טעלעפאָן.

13טער יוני 1941

בריוו פון דער אָסטראָווער דעלעגאַטור פון דער ייס"ז צום פּרעזידיום אין קראָקע וועגן הילף פון אויסלענדישע קרובים (60/41).

אין שיכות מיטן צירקולאַר נומ' 19, בעטן מיר העפלעך אונדז צוצושיקן 20 פאָרמולאַרן A און 10 פאָרמולאַרן B. די אָנטשפּרעכיקע סומע פון 15 זלאָטיס האָבן מיר איבערגעשיקט דורך דער פּאָסט אויף אייער אַדרעס. גלייכצייטיק בעטן מיר אונדז אינפאָרמירן, צי אויסזוכן קרובים און פאַרמיטלען אויף צו דערהאַלטן פּעקלעך איז נוגע נאָר די נייטראַלע לענדער.

באַריכט פון 1טן יוני ביז 31סטן יוני 1941

		פאַר דער מלחמה:	איצט:
1.	צאָל ידן	2,110	3,329
	סוחרים, הענדלערס	350	12
	האַנדווערקערס	160	40
	אַרבעטער	40	829
	פרייע פּראָפעסיעס	2	10
	אָן באַשעפטיקונג	1,558	2,438

2. די צאָל וואָס בעט שטיצע — 1,776. געניסן פון שטיצע — 1,776.
3. וועלכע אינסטיטוציעס פאַרנעמען זיך מיט סאָציאַלער שוץ? די ידישע סאָציאַלע זעלבסטהילף.

4. ווער האָט צוגעטיילט סובווענצן און וויפל? דאָס פּרעזידיום פון דער ייס״ז אין קראָקע — 2,000 זלאָטיס; ייס״ז אין ראַדזין — 600 זל., יודענראַט — 318 זל. 86 גראָשן.

5. אין וועלכער פאָרם איז פאַרטיילט געוואָרן די הילף? דורך דער פאָלקס־קיך, שוץ פאַר קינדער און אַלטע לייט, אַמבולאַטאָריום, סאַניטאַר־אַקציע, פאַרשידנס.

6. איז פאַראַן אַ שפּיטאָל, אַמבולאַטאָריום? יאָ. ווער פאַרוואַלטעט דערמיט? די ייס״ז.

7. ווער פאַרנעמט זיך מיט דער קינדער־שוץ? די ייס״ז.

8. וויפל יידן באַשעפטיקט אין די אַרבעט־לאַגערן? קיינער. אין דער גמינע? 667. אויסער דער גמינע? 162.

9. וועלכע סומען אויסגעגעבן אויף דעם צוועק? (נישט דערמאָנט קיין שום סומע).

10. צאָל האַנדווערקער וואָס פירן זייערע וואַרשטאַטן? 40. וועלכע פאַכן זענען איבערוויגנד? שוסטערס און שניידערס.

11. וויפל ידישע אונטערנעמונגען זענען טעטיק? 12.

12. איינקונפטן פאַר דער סאָציאַלער הילף — 4,177 זלאָטיס. אויסגאַבן — 4,173 זל. 20 גראָשן. פון וועלכע קוואַלן געדעקט די אויסגאַבן? סובווענצן, שפּענדונגען, אָפּצאָל פאַר מיטאָגן, פאַרשידנס. נישטאָ קיין אויסערגעוויינלעכע הכנסות פאַר סאָציאַלער הילף.

13. וועלכע שפּייז־מיטלען באַקומען יידן אין קלענערע ראַציעס און מיט וויפל? 4 דעקאָ ברויט טעגלעך פאַר די אַרבעטנדיקע. אַלע אַנדערע באַקומען גאָרנישט.

קאַסע־באַריכט פאַרן חודש יוני 1941

הכנסות: סאַלדאָ 817 זל., פון פּרעזידיום אין קראָקע 2 טויזנט, פון ראַדזין 600, פון יודענראַט 318, שפּענדונגען 660, צוריקצאָל פאַר ניט צוגעשטעלטע קאַרטאָפל 510, פון דער פאָלקס־קיך 86, סאַניטאַר־אַקציע 1 זל.

אויסגאַבן: ערטיילטע הילף 42 זל., פאָלקס־קיך 503, קינדער־ און זקנים־שוץ 503, סאַניטאַר־אַקציע 467 זל., אַדמיניסטראַטיווע אויסגאַבן 270, פאַרשידנס 16 זלאָטיס.

8טער יולי 1941

בריוו פון פּרעזידיום פון דער ייס״ז אין קראָקע צו דער דעלעגאַטור פון דער ייס״ז אין אָסטראָווע וועגן איבערשיקן מעדיקאַמענטן.

אויף דער באַשטעלונג פונעם ידישן אויפזיכט־קאָמיטעט אין ראַדזין מעלדן מיר אייך העפלעך, אַז היינט האָבן מיר אייך איבערגעשיקט די געפאָדערטע מעדיקאַמענטן

און באַנדאַזשן, אין די ראַמען פון די איצט פּאַראַנענע זאַפּאַסן. נאָכן דערהאַלטן דאָס פּעקל, ביטע קוויטירן דעם אָפּנעם אויפן פּאַפּיר „אַ קאָפּיע פאַר אונדז" און ווי אַמשנעלסטן איבערשיקן. דעם אָפּצאָל פאַר דער פּאַקונג און פּאָסט־אויסגאַבן ביטע איינצאָלן דורך דעם פּאָסט־איבערוויז.

דער ווייטערדיקער דאָקומענט, אַן אַ דאַטע, באַשטעטיקט דעם אָפּנעם נומער 336, ווו ס'ווערט אָנגעגעבן 15 מעדיצינישע אַרטיקלען, פון וועלכע מיר רעכענען אויס איניקע פון זיי:

אספּירין־טאַבלעטן 100, אַמפּולקעס 100, טינקטור 50 גראַם, טאַבלעטן 100, ליגנין 250 פּעקאַלעך, סטערילע פּלאַסטערס 1, איינשפּריצונג־מכשירים 1, ליזאָל 500 גראַם.

8טער יולי 1941

בריוו פון קראָקע, פּרעזידיום פון ייס"ז צו דער אָסטראָווער דעלעגאַטור פון דער ייס"ז וועגן צוגעטיילטע סובווענצן אויף אַ סומע פון 2 טויזנט זלאָטיס: 1,000 פאַר די דעפּאָרטירטע, 700 פאַר באַשפּייזונג און 300 פאַר סאַניטאַרע דינסט. דערביי ווערט צוגעגעבן, אַז 1,000 זל. איז פון די פאָנדן פון אַמעריקאַנער דזשאָינט.

30סטער יולי 1941

נאָך אַ בריוו פון קראָקע צו דער ייס"ז אין אָסטראָווע וועגן אַ צוגעטיילטער סובווענץ פון 1,600 זלאָטיס, באַשטימט נאָר פאַר באַשפּייזונג. אַ העלפט דערפון, 800, שטאַמט פון דזשאָינט.

5טער אויגוסט 1941

בריוו פון דער אָסטראָווער דעלעגאַטור צום פּרעזידיום פון דער ייס"ז אין קראָקע וועגן צושיקן באַריכטן:

אַלס ענטפער אויף אייער בריוו פון 2טן ד. ח. טיילן מיר מיט, אַז ביז איצט האָבן מיר בוכהאַלטעריש געפירט צוזאַמען די שוץ איבער קינדער און אַלטע לייט און צוליב דער סיבה ניט געשיקט קיין באַזונדערע באַריכטן פון דער עלטערן־היים. פון 1טן אויגוסט וועלן מיר אָפּטיילן די רובריקעס און צושיקן באַזונדערע באַריכטן. בייגעלייגט דעם באַריכט פאַרן חודש יולי 1941.

11טער אויגוסט 1941

בריוו פון דער אָסטראָווער דעלעגאַטור צום פּרעזידיום פון ייס"ז וועגן ווייטערדיקע צוטיילן פון מעדיקאַמענטן. זיי פרעגן, צי די דערהאַלטענע מעדיקאַמענטן זענען אַן איינמאָליקער צוטייל, אָדער צי זיי מעגן רעכענען אויף אָפטע איבערשיקונגען.

שוין דעם 3טן אויגוסט איז דאָ אַן ענטפער פון קראָקע, אַז אין יעדער אָרט ווו עס ענדיקן זיך די מעדיקאַמענטן, קאָן מען באַקומען נאָך אַ טראַנספּאָרט, אויפן סמך פון דער באַשטעטיקונג פון אָרטיקן דאָקטער.

10טער אויגוסט 1941

בריוו פון דער דעלעגאַטור אין אָסטראָווע צום פּרעזידיום אין קראָקע, מיט אַ בקשה צוצושיקן די נייטיקע דאָקומענטן, ווי: טאַבלעטן, מאַשטשן, ליגנין, פּלאַסטערס, וואַטע, שלאָף־מיטלען, אָפּפיר־מיטלען, וואַלעריאַן־טראָפּנס, ריינער ספּירט, איינשפּריצונגען, יאָד.

18טער אויגוסט 1941

בריוו פון דער דעלעגאַטור אין אָסטראָווע צום פּרעזידיום פון דער ייס״ז אין קראָקע וועגן הילף פון קרובים אין אויסלאַנד.

בייגעלייגט 5 פאָרמולאַרן וועגן הילף פון אויסלענדישע קרובים, מיט דער בקשה זיי איבערצוגעבן ווייטער. צוגעשיקט די פאָרמולאַרן האָבן: אַדלערשטיין משה, לובעלסקאַ־גאָס; ברעטטער פייגע, שלאַכטאון־גאָס, ביידע פון אָסטראָווע.

26טער אויגוסט 1941

פּרעגבויגן וועגן קינדער־שוץ, צוגעשיקט פון דער ייס״ז און אָסטראָווע צום פּרעזידיום אין קראָקע. דער צושטאַנד פונעם אויפזיכט איבער קינדער און יוגנט, דעם 1טן אויגוסט 1941.

דעם 1טן מערץ 1940, האָט אין אונדזער שטאָט אָנגעהויבן פירן איר טעטיקייט „צענטאָס",* וועלכע איז אָבער דעם 1.10.41 ליקווידירט געוואָרן צוליבן מאַנגל פון די אַנטשפּרעכיקע פאָנדן.

עסן — צוויי מאָל אין טאָג: אַ ספּעציעל מאָלצייט פאַר קינדער, וואָס באַשטייט פון אַ פאָרציע ברויט מיט קעז און אַ גלאָז מילך אָדער פרוכט; אַ מיטאָג פון דער קיך.

די צאָל קינדער וואָס געניסן פון דער באַשפּייזונג פון דער קיך פאַר דערוואַקסענע — 106.

אויף צו באַשפּייזן די קינדער, האָבן מיר אין לעצטן חודש אויסגעגעבן פון די אייגענע פאָנדן 320 זלאָטיס מיט 3 גראָשן. ווען מיר וואָלטן געוואָלט אַנטקעגנקומען די אַלע וואָס בעטן הילף, וואָלטן מיר פאַר דעם צוועק באַדאַרפט באַשטימען בערך 700 זלאָטיס.

---

* „צענטראַלנע טאָוואַזשיסטווא אָפּיעקי נאַד שיעראָטאַמי" — צענטראַלע געזעלשאַפט צו באַשיצן יתומים.

פאראַן אַ מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן אַזאַ פונקט, וועלכער האָט ביזן 1.10.41 באַזאָרגט 2 מאָל אין טאָג עסן און אויך געפירט אַ דערציִונג־אַרבעט.

די נעמען פון די וואָס פירן אָן מיט דער קינדער־שוץ:

בראַנדט גערטרוד, דערציִערין.

אַפּט אליעזר, דערציִער.

מאַגניען עלזאַ, פאַרוואַלטערין.

דער „צענטאָס״־קאָמיטעט איז געוועזן טעטיק אין דער דערמאָנטער צייט. (אונטערשריפטן): פּלאַנטער איזידאָר, העכט עמיל, ניימאַרק דוד.

באַמערקונגען און פאָרלאַנגען

די אַלגעמיינע צאָל קינדער אין שטאָט: אַרום 800. מיר וואָלטן געוואָלט, אַז דער צושטאַנד פון די קינדער־שוץ זאָל זיך אומקערן צום צושטאַנד פון 1טן מערץ 1940, כדי די קינדער זאָלן באַקומען עסן 2 מאָל אין טאָג און זאָלן אויך געניסן פון דערציִערישער אַרבעט, באַשטימט פאַר קינדער אין עלטער פון 4 ביז 7 יאָר.

אין אונדזער שטאָט עקזיסטירט פון פאַראַיאָרן אָן אָפיציעל באַשטעטיקטע אַלגעמיינע שול („שקאָלאַ פּאָווּשעכנאַ״), אין וועלכער ס'האָבן זיך פאַרשריבן 400 קינדער, אָבער אַ דריטל האָט נישט געקאָנט דאָרט לערנען צוליב שלעכטער דערנערונג און מאַנגל פון אָנטועכץ און שיך.

15.10.1941

בריוו צו דער ייס״ז אין קראָקע פון דער דעלעגאַטור אין אָסטראָווע.

מיר באַשטעטיקן דעם דערהאַלט פון דער סומע 1,500 זלאָטיס, פון וועלכע 1,300 איז באַשטימט פאַר הילף פאַר באַשפּייזונג און 200 פאַר קינדער־שוץ און מיר פאַרפּליכטן זיך צו פאַרנוצן די געלטער אויסשליסלעך פאַר די באַשטימטע צילן. אין דער דערמאָנטער סומע איז פאַראַן אַ דאָטאַציע פון 750 זלאָטיס פון „דזשאָינט״, וועלכע מיר קוויטירן באַזונדער.

17.10.1941

בריוו פון דער ייס״ז, אָפּטיילונג פאַר קינדער און יוגנט אין קראָקע, צו דער דעלעגאַטור אין אָסטראָווע.

פון אייער לעצטן באַריכט פאַרן חודש סעפּטעמבער ווייזט זיך אַרויס, אַז צוליב די שווערע פינאַנסיעלע שוועריקייטן, איז די צאָל קינדער מיט וועלכע איר האָט זיך

באַשעפטיקט, געפאַלן ביז 26, בעת אין אויגוסט האָט זי באַטראָפן 106 ! מיר פאַרשטייען אייער שווערע פינאַנסיעלע לאַגע, מיר ווילן אָבער אונטערשטרייכן, אַז אויף צו באַשפייזן די קינדער, מוזט איר אָרגאַניזירן אַן אַקטיוון פּאַטראָנאַט, וועלכער זאָל ענג צוזאַמענאַרבעטן מיט דער דעלעגאַטור און זאָרגן פאַרן פינאַנסיעלן אויסהאַלט פון דער קינדער־פּלאַצוווקע. מ׳דאַרף מאָביליזירן כוחות פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיכער אַ פאַרשטענדעניש פאַר דער וויכטיקייט פון קינדער־שוץ און וועט נישט דערלאָזן אין דער צוקונפט צו אַזאַ פאַרקלענערונג פון דער צאָל קינדער.

אויב איר וועט אָרגאַניזירן אַ היים פאַר קינדער פאַרן שול־עלטער, וועלן מיר זיך באַמיען צו העלפן מיט אַ ספּעציעלער דאָטאַציע.

20.10.41

בריוו פון דער ייס״ז אין קראָקע צו דער דעלעגאַטור אין אָסטראָווע — וועגן צוטייל פון געניצטע אָנטועכץ.

מיר טיילן מיט, אַז בעת דעם באַזוך פון ד״ר זיגפריד אין קראָקע, האָבן מיר באַשטימט, אַז איר וועט באַקומען אַ געוויסן צוטייל פון געניצטע מלבושים. די גענויע צאָל קענען מיר איצט נישט באַשטימען, אַלנפאַלס, ס׳וועט נישט זיין קיין סך.

דאָס אָנטועכץ וועלן מיר מוזן אַרויסשיקן מיט דער באַן. אַזוי ווי מיר האָבן נישט געוווּסט אויף וועלכער באַן־סטאַציע אַדרעסירן צו אייך דאָס פּעקל, ביטע אונדז מעלדן, צי מיר קאָנען עס שיקן „עקספּרעס״, אָדער אפשר וועט אייך זיין באַקוועם אָפּצונעמען אין לובלין, ביי אונדזער ראַטגעבער.

24.11.1941

בריוו פון דער דעלעגאַטור אין אָסטראָווע צום פּרעזידיום פון דער ייס״ז אין קראָקע — וועגן איבערשיקן פּעקלעך מיט געניצט אָנטועכץ, אין וועלכן זיי בעטן איבערשיקן די פּעקלעך צו זייער ראַטגעבער אין לובלין און זיי וועלן שוין דאָרט אָפּנעמען.

31.12.1941

בריוו פון דער אָסטראָווער דעלעגאַטור צו דער ייס״ז אין קראָקע, אין וועלכן זיי טיילן מיט, אַז מ׳האָט דערהאַלטן די סומע פון 2 טויזנט זלאָטיס, וועלכע איז פאַרטיילט געוואָרן אויף פאָלגנדיקן אופן : 1300 פאַר באַשפייזונג, 200 פאַר קינדער־שוך און 500 פאַר סאַניטאַרע שוץ.

13.1.1942

בריוו פון קראָקע צו דער דעלעגאַטור אין אָסטראָווע :

באַקומען אייער בריוו פון 31.12.41 און מיר באַדויערן זייער, וואָס איר האָט באַשלאָסן אָפּצושטעלן די טעטיקייט פון דעם קינדער-פּונקט. וואָס שייך דער באַשפּייזונג, ביטע אונדז אינפאָרמירן, וויפל קינדער געניסן פון די מאָלצייטן און אין וועלכער פאָרם: צי ווערן זיי אַרויסגעגעבן אין אַ לאָקאַל, צי מען עסט אויפן אָרט, אָדער מ'נעמט זיי אַ היים. אויף להבא דערוואַרטן מיר סטאַבילע באַריכטן וועגן קינדער-שוץ, ביזן 2טן פון יעדן חודש.

2.2.1942

בריוו פון קראָקע צו דער אָסטראָווער דעלעגאַטור פון דער ייס"ז וועגן סובווענצן.

מיר באַשטעטיקן דעם דערהאַלט פון אייער בריוו פון 22סטן פ. ח. 202/42 און טיילן מיט, אַז נאָך דעם 24סטן פ. ח. האָבן מיר אַרויסגעשיקט די סובווענץ, וועלכע איר האָט שוין אַוודאי באַקומען. איר דאַרפט נעמען אין באַטראַכט, אַז אונדזערע פאָנדן זענען זייער באַגרענעצטע, אַן וועלכער ס'איז פּראָפּאָרץ צו די באַדערפעונישן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין קיין שום פאַל זענען מיר ניט אימשטאַנד צו דעקן אַפילו אַ טייל פון די בודזשעטן פאַר סאָציאַלער שוץ פון די באַזונדערע ערטער. אין דער ערשטער ריי מוזט איר באַזירן אייער בודזשעט אויף די פאָנדן פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, ווי אויך פונעם יודענראַט, וועלכע איז פאַרפליכטעט אַ טייל פון די סומען איבערווייזן דער דעלעגאַטור פאַר די נויטן פון דער סאָציאַלער הילף. מיר שטרייכן אונטער, אַז מיר קענען אייך נישט צוזאָגן פון פאָרויס קיין חודשלעכע סובווענצן, ווייל אונדזערע פאָנדן צעטיילן מיר לויט דעם ווי מיר באַקומען זיי. אויב ס'וועט אַריינקומען נאָך געלט, וועלן מיר זיך באַמיען אַנטקעגנקומען אייער פאַרלאַנג, לויט ווי איר האָט אָנגעגעבן.

באַריכט וועגן צושטאַנד אין אָפּעניעם געטאָ

יידישע סאָציאַלע זעלבסטהילף, דעלעגאַטור אין אָסטראָוו, פּאָוויאַט לובלין, קרייז לובלין. די צאָל יידישע איינוווינערס פאַר דער מלחמה — 2110. צוגעקומען פּליטים: 1100. פון לובאַרטאָוו — אין נאָוועמבער 1939, פון פּויזן — אין דעצעמבער 1939, פון סלאָוואַקיי — אין אַפּריל 1942 און אַנדערע. פאַראַן דאָ אַ יידישער קוואַרטאַל די גאַנצע צייט, אַן אָפּענער. אויף פאַרן קריג האָבן אין דעם קוואַרטאַל געוווינט יידן. די צאָל צימערן — 572, הייזער 295. אין דורכשניט אויף איין צימער קומט אויס 5 איינוווינער. אין נאָוועמבער 1941 איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס-עפּידעמיע. פאַראַן נאָר איין קראַנקן-צימער. דער צושטאַנד פון קראַנקע דעם 1טן מאַי 1942: 24 קראַנקע אויף פלעקן-טיפוס.

9.2.42

בריוו פון דער אָסטראָווער דעלעגאַטור צו דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף אין קראָקע:

מיר באַשטעטיקן דעם דערהאַלט פון אייער בריוו פון 3.1.42 און ענטפערן, אַז צוליב פינאַנסיעלע סיבות, האָבן מיר באַגרענעצט די קינדער־שוץ נאָר אויף באַשפּייזונג. די מאַלצייטן דאַרפן זיין פאָלגנדיק: אין דער פרי — זיסע קאַווע מיט מילך, מיטאָג — אַ זופּ. ווי מיר האָבן אונטערגעשטראָכן אין אונדזער בריוו פון 31.12.41, האָבן די מאַכט־אָרגאַנען פאַרבאָטן צונויפזאַמלען אַ סך מענטשן, צוליב סאַניטאַרע טעמים. דעריבער וועלן די קינדער עסן זייערע מאַלצייטן אין זייערע היימען. פון דער באַשפּייזונג געניסן 32 קינדער.

3.2.42

בריוו פון אָסטראָווע קיין קראָקע וועגן אַדרעסירן די קאָרעספּאָנדענץ:

מיר בעטן אויף ווייטער צו שיקן די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ אויפן אַדרעס: יידישע סאָציאַלע זעלבסטהילף, דעלעגאַטור אין אָסטרווו־לובעלסקי, פאַרן ה׳ העכט עמיל, וואָס אין לויט אייער בריוו נומער 1882/41 פון 11.3.41, באַשטימט געוואָרן אויפן אַמט פון פאָרזיצער.

20.2.42

בריוו פון דער אָסטראָווער דעלעגאַטור קיין קראָקע, צו דער ייס״ז וועגן הילף פאַר אַרבעט:

מיר באַשטעטיקן דעם דערהאַלט פון צירקולאַר נומ׳ 55 און אַלס ענטפער טיילן מיר מיט, אַז ביי אונדז האָט מען ביז איצט נאָך ניט איינגעשטעלט קיין פאַך־קורסן. פאַראַן אָבער אַ מעגלעכקייט צו גרינדן האַנטווערקער־וואַרשטאַטן פאַר שניידערס, שוסטערס, רימערס און קאָמאַשנמאַכערס, ווו אָרטיקע בעלי־מלאכות, ווי אויך פּליטים, וואָלטן געהאַט באַשעפטיקונג, הגם די פּליטים האָבן נישט קיין דערלויבעניש פון דער מאַכט צו אַרבעטן ביי זייערע פאַכן, טראָץ דעם וואָס זיי באַזיצן האַנטווערקער־קאַרטן. אין די ראַמען פון די געשאַפענע וואַרשטאַטן, וואָלט אויך געקענט פאָרקומען קורץ־טערמיניקע אויסבילדונג פון לערניינגלעך. פאַראַן צו אונדזער דיספּאָזיציע ניי־מאַשינען ווי אויך מאַשינען פאַר קאָמאַשנמאַכערס.

ביי אונדז געפינען זיך אַ 50 שוסטערס, וואָס קיינער פון זיי באַזיצט נישט קיין דערלויבעניש צו אַרבעטן ביים פאַך. נאָכן באַקומען פון אייך אַן ענטפער, וועלן מיר זיך פאַרשטענדיקן מיט די בעלי־מלאכות און קאָנען אָנגעבן מערער אינפאָרמאַציע. אַלנפאַלס, מיר קענען דאָ אויספירן באַדייטנדיקע באַשטעלונגען.

21.2.42

בריוו פון דער אָסטראָווער דעלעגאַטור דעלעגאַטור קיין קראָקע וועגן פעלנדיקע צירקולאַרן:

נאָכן אַדורכקוקן די צירקולאַרן וועלכן מ׳האָט באַקומען פון אייך, האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז עס פעלן די נומערן פון 1 ביז 16. מיר בעטן העפלעך אונדז צושיקן די פעלנדיקע נומערן און דערביי שטרייכן מיר אונטער, אַז ספּעציעל איז אונדז וויכטיק דער נומער 16.

5.3.42

בריוו פון דער יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף, דעלעגאַטור אין אָסטראָווע — צום פּרעזידיום פון דער ייס״ז אין קראָקע, וואָס איז בעצם די קאָפּיע פון אַ בריוו צום בירגערמייסטער פון אָסטראָוו-לובעלסקי:

אַלס דעלעגאַטור פון דער יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף, פּרעזידיום אין קראָקע, זענען מיר לויט אַ פאַראָרדענונג פון סטאַראָסטע אין לובלין, באַשטימט געוואָרן ווי די אייגנטלעכע מאַכט פאַר אַלע שריט, וועלכע ווערן אונטערגענומען אין שיכות מיט דער שוץ איבער די יידן, וואָס וווינען אין אָסטראָוו-לובעלסקי.

לויט דער פאַראָרדענונג, קאָנען אַלע אונטערשטיצונגען פאַר יידן אַדורכגעפירט ווערן נאָר דורך אונדז, דאָס מיינט — די יידישע סאָציאַלע זעלבסטהילף, דעלעגאַטור אין אָסטראָווע, אומאָפּהענגיק דערפון, צי עס האַנדלט זיך אין שטיצע מיט געלט, צי זאַכן אָדער פּראָדוקטן-צוטייל. פאַר דעם צוועק האָבן מיר ביז איצט באַקומען סובווענצן פון דעם פאָוויאַט-(סטאַראָסטע) אין ראַדזין, פון שטאַטראַט אין אָסטרווו-לובעלסקי, פונעם ראַטגעבער פון דער יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף ביים שעף פון דיסטריקט, פון אייך, פון היגן יודענראַט, ווי אויך שפּענדונגען פון פּריוואַטע פּערזאָנען. לעצטנס, זענען די סובווענצן כסדר פאַרקלענערט געוואָרן און טיילמאָל האָבן זיי אין גאַנצן אויפגעהערט, בעת די פאָדערונגען נאָך הילף האָבן זיך כסדר פאַרגרעסערט צוליב דער הערשנדיקער נויט און קראַנקייטן.

אויף צו באַזאָרגן די פּליטים און אָרעמע פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלכע געפינט זיך אונטער אונדזער אויפזיכט, בעטן מיר העפלעך דעם הער בירגערמייסטער צו דערלויבן אונדז צו נעמען אַ צוגאָבע אויפן דירה-געלט לטובת אונדז, אין דער הייך פון 2 זלאָטיס, אָנהייבנדיק פון דעצעמבער היינטיקס יאָר.

21.4.42

בריוו פון אָסטראָווע קיין קראָקע:

איך שיכות מיט דער אויסזידלונג פון יידן פון טשעכאָסלאָוואַקיי, איז צו אונדז

אנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פון 307 פּערזאָן. דאָס זענען דער עיקר פרויען מיט קליינע קינדער, לגמרי אָן מענער.

21.5.42

בריוו פון פּרעזידיום אין קראָקע, אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג, צו דער דעלעגאַטור אין אָסטראָווע:

מיר טיילן מיט, אַז דעם 21סטן ד. ח. האָבן מיר אויף אייער אַדרעס איבערגעשיקט די סומע פון 1.500 זלאָטיס הילף פאַר די דעפּאָרטירטע פון טשעכאָסלאָוואַקיי. דאָס געלט דאַרפט איר פאַרנוצן נאָר פאַר דעם באַשטימטן צוועק.

19.6.42

בריוו פון דער אָסטראָווער דעלעגאַטור קיין קראָקע, צום פּרעזידיום פון דער ייס״ז:

מיר באַשטעטיקן דעם דערהאַלט פון 10 פאָרמולאַרן פון רויטן קרייץ. לויט אייער פאַרלאַנג, שיקן מיר צוריק אין פּאָסט־מאַרקן די אויסגאַבן אויף אַ סומע פון 1 זלאָטי 8 גראָשן.

בייגעלייגט: 4 מאַרקעס אויף 24 גראָשן און איין מאַרקע אויף 12 גראָשן.

27.8.42

בריוו פון דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג פון דער ייס״ז אין קראָקע, צו דער דעלעגאַטור אין אָסטראָווע וועגן הילף:

מיר באַשטעטיקן דעם דערהאַלט פון אייער טעלעגראַם פון 26סטן ד. ח. און מעלדן אייך, אַז צום באַדויערן, נעמענדיק אין אַכט דעם מאַנגל אין פאָנדן און טראָץ אונדזער בעסטן ווילן, קענען מיר נישט פאַרלויפיק אַנטקעגנקומען מיט הילף. נאָר מיר האָפן, אַז אין דער נאָענטסטער צייט וועלן מיר דיספּאָנירן מיט אַ נישט גרויסער צאָל עקסטראַקטן „מאַגגי־זופּ", וועלכע מ׳וועט באַקומען פונעם אויסטויש מיט סאַרדינען, דערהאַלטענע פון יידישע וווילטעטיקע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס — און אין די ראַמען פון אונדזערע מעגלעכקייטן, זיך באַמיען אַנטקעגן צו קומען אייער בקשה. וואָס שייך מעדיקאַמענטן, וועט איר באַקומען אין אַ קליינער צאָל, אין די נאָענטסטע טעג.

10.9.42

(פון אַ פאַרשריבענער נאָטיץ אינעם פּרעזידיום פון דער ייס״ז אין קראָקע וועגן די פּליטים פון סלאָוואַקיע, וואָס געפינען זיך אין אָסטראָוו־לובעלסקי):

פון די דערהאַלטענע פּאָסט־קאַרטלען פון די דעפּאָרטירטע יידן פון טשעכאָסלאָוואַקיי, וואָס געפינען זיך אין אָסטראָווע, מיט דער בקשה זיי איבערצושיקן צו זייערע קרובים

אין אויסלאַנד באַקומט זיך, אַז זיי דערהאַלטן פּעקלעך פון זייערע קרובים פון ליסאַבאָן, ווי אויך דורך דער נאַציאָנאַל־באַנק אין בודאַפּעשט. אַלע בעטן שפּייז־פּעקלעך, ווי אויך אַלטע בגדים און וועש, ווייל ס'איז דאָרט זייער קאַלט. אייניקע שטרייכן אונטער, אַז זיי איז דערלויבט נאָר איינמאַל אין חודש איבערצושיקן ידיעות צו זייערע קרובים.

15.9.42

בריוו פון דער דעלעגאַטור אין אָסטראָווע צום פּרעזידיום פון דער ייס"ז אין קראָקע:

מיר באַשטעטיקן דעם דערהאַלט פון אייער קאַרטל פון 10.10 ה. י. נומ' 11359/42 — III ז. ב. גלייכצייטיק פרעגן מיר העפלעך, צי איז אויך ביי אייך פאַראַן אַ פאַרבאָט אַרויסצושיקן און דערהאַלטן קאָרעספּאָנדענץ פאַר יידן אין פּראָטעקטאָראַט, דריטן רייך און אויסלאַנד.

(דעם 18טן סעפּטעמבער איז אָנגעקומען פון קראָקע אַן ענטפער — און זיי שרייבן):

לויט די ידיעות וועלכע מיר באַזיצן, און לויט די פאַראַנענע פּאָסט־פאַרשריפטן, איז נישטאָ קיין שום שטערונג אַרויסצושיקן פּאָסט־קאַרטלען קיין אויסלאַנד, ווי אויך צו דערהאַלטן פון דאָרט בריוו איז נישטאָ קיין שום פאַרבאָט.

דער פאַרלעצטער דאָקומענט פון אָסטראָווער געטאָ — אַ בריוו פון 28סטן סעפּטעמבער 1942. פון דער דעלעגאַטור פון דער ייס"ז אין אָסטרווו־לובעלסקי, צום פּרעזידיום פון דער ייס"ז אין קראָקע — מיט אַזאַ פראַגע:

„אַזוי ווי די יידן אין אָסטראָווע באַקומען נישט קיין פּעקלעך פון אויסלאַנד, פרעגן מיר העפלעך, צי קאָן מען אַזעלכע איבערשיקן פון אויסלאַנד קיין קראָקע, אויף אייער אַדרעס, און דערנאָך וועט איר זיי איבערוויַיזן צו אונדז. דאָ רעדט זיך דער עיקר וועגן פּעקלעך פון טשעכאָסלאָוואַקיי, ווי אויך פון דייטשלאַנד און פונעם פּראָטעקטאָראַט. בייגעלייגט איין פאָרמולאַר פון רויטן קרייץ, מיט אַן אָפּגעצאַלטער קאָנווערט.

און דער לעצטער דאָקומענט:

אַ רשימה מיט 50 נעמען פון טשעכישע יידן אין אָסטראָווער געטאָ, דאַטירט דעם 10טן אָקטאָבער 1942, וואָס האָבן אַרויסגעשיקט פּאָסט־קאַרטלען צו זייערע משפּחות אין בראַטיסלאַוואַ, בודאַפּעשט, בריסל, מונקאַטש, טרעבישוו, קאַשיץ, רוזשאָן־וואַלקאָוויסק, בערלין, פּאַריז און אַנדערע ערטער.

די דאָזיקע קאַרטלען זענען קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו די מענטשן, צו וועמען זיי זענען געווען אַדרעסירט. און די אַרויסשיקערס פון די קאַרטלען, האָבן געטיילט דעם זעלבן טראַגישן גורל פון די יידן אין אָסטראָווע, וועלכע זענען אומגעקומען אין טרעבלינקע און מיידאַנעק...

זכרונות פון אַ פּאַרטיזאַנער

משה דומאַן

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה צווישן דייטשלאַנד און פּוילן דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, בין איך מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי, אָבער באַלד אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. די יידן האָבן די דייטשן איבערגעפירט אין אַ ספּעציעלן לאַגער פאַר יידישע קריגס-געפאַנגענע אין לובלין, אויף ליפּאָווע גאַס 7, וואָס איז אַמאָל געווען אַ ספּאָרט-פּלאַץ. די געפאַנגענע יידן פון ערשטן עשעלאָן, האָבן די דייטשן דערשאָסן. איך בין געשיקט געוואָרן אַהין מיטן צווייטן עשעלאָן. דאַקעגן אַ טייל יידן וואָס האָבן געלעבט אין די דורך די דייטשן אָקופּירטע געביטן, האָט מען אָפּגעלאָזט אַ היים.

די דייטשן האָבן דערלויבט די יידן פון לובלין צו העלפן די קריגס-געפאַנגענע. צווישן די וואָס האָבן געהאָלפן, איז אויך געווען מיינע אַ קרובה. האָט זי מיר געבראַכט ציוויל אָנטועכץ, אין וועלכן איך האָב זיך איבערגעטאָן, גענומען אין האַנט אַ טאַש און אַרויסגעגאַנגען פון לאַגער, צוזאַמען מיט די יידן וואָס האָבן געבראַכט עסן. דאָס איז געשען אָנהייב ווינטער, 1940. אין לובלין איז דעמאָלט געווען בירגערמייסטער אַ געוויסער באַלעסטאַ. ער האָט מיך מיטגענומען קיין אָסטראָוו, ווו ס׳האָבן קורסירט קלאַנגען, אַז איך בין געפאַלן אויפן פראָנט. ערשט ווען כ׳האָב זיך צוריק באַוויזן אין שטעטל, זענען אַ סך געקומען מיך אָנקוקן צי איך לעב און אויך געפרעגט וואָס האָט פּאַסירט.

אין יענער צייט האָבן אין אָסטראָווע געלעבט אַ סך יידן, ווייל מ׳האָט זיי דעפּאָרטירט פון פּויזן און פון אַנדערע ערטער אין מערב פּוילן. אין יעדער שטוב האָבן געוווינט צוויי און מערער פאַמיליעס, נאָר די באַציונגען זענען געווען גוטע. דער יודענראַט האָט אַמטירט אין דעם הויז, ווו ביז דער מלחמה האָט געלעבט די משפּחה פון דער צאָן-דאָקטערין סאָניע באַסקין. פאָרזיצער פון יודענראַט איז געווען דער דייטשישער ייד פלאַנטער, געוועזענער אָפיציר אין דער דייטשישער אַרמיי. יעדן טאָג האָט מען געשיקט אויף שקלאַפן-אַרבעט יידישע יינגלעך און מיידלעך, דער עיקר אינעם דאָרף יעדלאַנקאַ. איינמאָל אין וואָך זענען געקומען אין שטעטל ס.ס.-לייט און צוגענומען אַ 30—40 יונגע מענער אויף אַרבעט אין ווישניץ. דערנאָך האָט פלאַנטער זיי אויסגעטוישט מיט אַנדערע אַרבעטער. יידן וואָס האָבן געהאַט אייגענע פערד-און-וואָגן,

האָבן די דייטשן אויסגענוצט פאַר זייערע טראַנספּאָרט-צוועקן און די בעלי-עגלהס האָבן באַזיצט ספּעציעלע דערלויבענישן פריי זיך צו באַוועגן. טיילמאָל האָט מען געכאַפּט ייִדן אויף פאַרשידענע אַנדערע אַרבעטן, נאָך געוויינלעך האָט פלאַנטער געפּועלט ביי די דייטשן, אַז מ'האָט יענע אָפּגעלאָזט אַ היים.

עמעץ האָט צוגעטראָגן די דייטשן, אַז איך בין אַנטלאָפן פון אַ לאַגער פאַר קריגס-געפאַנגענע. האָט מען מיין פאָטער אַרעסטירט און דערנאָך געפּאַדערט 10 טויזנט זלאָטיס אויסקויף-געלט. פלאַנטער האָט געקענט זיך צונויפריידן מיט דער דייטשישער מאַכט און דערנאָך געוואָרנט מיין פאָטער, אַז מיר זאָלן אַנטלויפן פון אָסטראָווע. זענען מיר אַוועק אין דער קאָלאָניע דראָזדאָווקאַ, ווייל דאָרט האָבן מיר געהאַט משפחה.

ווינטער 42—1941 האָבן פּאַרטיזאַנער דערהרגעט דעם דייטשישן סאָלדאַט גאַנס אין דאָרף רודקאַ. ער איז געקומען אין דאָרף מיט די טעכטער פון געוועזענעם בירגערמייסטער וואַלעסט, וואָס ביי די דייטשן האָט ער געהאַט אַ רעסטאָראַן. צו דער רייזע האָט ער רעקווירירט אונדזערע פערד. נאָכן אומברענגען אים, האָבן די דייטשן זיך נוקם געווען און דערהרגעט פיל פּאָלאַקן אין אָסטראָווע. אויך די ייִדן האָבן זיי צונויפגעטריבן פאַר דער מאַגיסטראַט-געביידע, נאָר אויך דאָסמאָל איז געלונגען פלאַנטערן אויסצומיידן אַן אומגליק. שפּעטער האָט מען די ייִדן אַוועקגעפירט קיין גלעמבאָקאָוו און אַזשעכאָוו און כמעט אַלע אויסגעהרגעט. בלויז איין מיידעלע איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן און בלייבן לעבן. (זי וווינט היינט אין ישׂראל, אונטערן נאָמען פּייגע קאָרן). אויך איר פאָטער מרדכי קאָדענטשיק איז געבליבן לעבן, נאָר מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָבן אים די פּאָלאַקן דערהרגעט אין אוסטינאָוו. בעת די דייטשן האָבן אַדורכגעפירט די אַבלאַווע אין שטעטל, האָב איך צוזאַמען מיט חיימען פון גלעמבאָקאָוו און זיין שוועסטער זיך אויסבאַהאַלטן אין די זומפּן צווישן גלעמבאָקאָוו און אַזשעכאָוו. ווען איך בין שוין געווען ביי די פּאַרטיזאַנער, האָבן זיי פאַרברענט די הייזער פון די דאָזיקע פּאָלאַקן.

צומאָרגנס נאָך שמחת תורה, אין יאָר 1942, האָבן די דייטשן אַרויסגעטריבן די ייִדן פון אָסטראָווע קיין לעווערטאָוו און פון דאָרט — אין די טויט-לאַגערן. אויפן צווייטן טאָג האָבן די רוצחים צונויפגעזאַמלט אַלע ייִדן פון די דערפער אַרום אָסטראָווע און צוזאַמען מיט די נאָך פאַרבליבענע ייִדן אין לעווערטאָוו, אַלע דערשאָסן אויפן בית הקברות און די טויטע קערפּערס געלאָזן אין אָפענע, ניט פאַרשאָטענע גריבער. צווישן די דערשאָסענע איז אויך געווען רוזשקע מילעווסקאַ, די שוועסטער פון חיים פון גלעמבאָקאָוו. זי איז נאָר פאַרוווּנדעט געוואָרן אין בויך מיט 2 קוילן און נאָך אַ געוויסע צייט געקומען צו זיך און איר איז געלונגען פון דאָרט זיך

אַרויסצובאַקומען און זיך דערשלאָגן ביז דראָזדאָוועקע. באַקאַנטע פּאָלאַקן האָבן זי דערנאָך צוגעשטעלט צו אונדזער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג.

אונדז איז געלונגען אַ געוויסע צייט זיך אויסצובאַהאַלטן אין די זומפּן, אַ דאַנק דער הילף פון אַ יונגן פּאָלאַק פון דראָזדאָוועקע. צו אונדז איז נאָך צוגעשטאַנען בלומקע פון דער קאָלאָניע אָזשעכאָוו (זי לעבט אין ישראל) מיט איר שוועסטער, וועלכע איז שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן דורך פּוילישע פּאַרטיזאַנער פון דער א. ק. ביי אונדז האָט זיך געפינען אַ ביקס, וועלכע רוזשקע האָט ערגעץ ווו זיך איינגעשאַפט. דעמאָלט זע־נען מיר שוין געווען פאַרבונדן מיט דעם יידישן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, מיט וועלכן ס׳האָט אָנגעפירט יחיאל גרינשפּאַן. ווען די דייטשן האָבן זיך גענומען צו די איבערגעבליבענע יידן, זענען מיר אַנטלאָפן אין וואַלד, ווו מיר האָבן געטראָפן פיל יידן, נאָר אָן געווער. איך האָב זיי געראַטן צו לויפן ווייטער, נאָר זיי האָבן מורא געהאַט צו רירן זיך פון אָרט.

מיר זענען געווען צוויי בחורים און עטלעכע מיידלעך מיט קינדער. מיר ליגן אין וואַלד און נישט איינמאָל האָבן דייטשישע פּאַטרולן געזוכט נאָענט פון אונדז, אָבער נישט אַנטדעקט. שפּעטער האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן נישט ווייט פון אַ פּאָלוואַרק, באַהערשט פון דייטשן און ביינאַכט זיך אומגעקערט אין וואַלד. גרינשפּאַנס אָטריאַד איז אַוועק אין אַן אַנדערער ריכטונג, כדי אויסצומיידן אַטאַקעס פון די דייטשן. אין זיין גרופּע האָט זיך אויך געפונען מיין פאָטער. איך האָב געוואָלט זיין צוזאַמען מיטן טאַטן, האָבן מיר ביי אַ פּויער גענומען פערד־און־וואָגן און זיך דערשלאָגן צו גרינשפּאַנס פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וועלכע איז דערנאָך אַריבער אין די פּאַרטשעווער וועלדער.

צו דער גרופּע איז אויך צוגעשטאַנען דער אָטריאַד פון סוכאָוו יאַנעק, וואָס איז באַשטאַנען פון 20 בחורים. זיי האָבן דער עיקר געשטאַמט פון דערפער אַרום לעוועריאָוו. מיר איז דעמאָלט געלונגען צו דערגרייכן אַ האַנט־פּולעמיאָט. ווינטער 1943—44 איז אונדזערע פּאַרטיזאַנער געלונגען צוציען אויף זייער זייט אויך אַ גרופּע גרוזינער און פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, געוועזענע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן געדינט אַלס פּאָליציאַנטן ביי די דייטשן, אָבער באַשלאָסן זיי צו פאַרלאָזן. דאָס איז געשען אין דער ווייַנאַכט, ווען דער רוב דייטשן זענען זיך צעפאָרן אויף אורלויבן, אָדער אַוועק שיכורן — האָבן די גרוזינער געזאָגט, אַז זיי לאָזן זיך כלומרשט אַוועק אויף אַן אָבלאַווע קעגן די פּאַרטיזאַנער און מיטגענומען אַ 10 דייטשישע זעלנער, וועלכע מ׳האָט אויפן וועג געבונדן און זיי געבראַכט צו די פּאַרטיזאַנער. ס׳איז געווען אָפּגערעדט, אַז די גרוזינער וועלן אויפהייבן אַ רויטע פאָן, ווי נאָר זיי וועלן זיך דערנענטערן צו די פּאַרטיזאַנער. די באַגעגעניש איז געווען אַ פריילעכע און רירנדיקע.

די דייטשישע סאָלדאַטן האָט מען דערהרגעט און די גרוזינער האָט מען פאַרטיילט צווישן די צוויי פּאַרטיזאַנער־איינהייטן פון גרינשפּאַנען און פיאָדאָרן.

אין דאָרף סיראַקאָמלאַ האָבן די פּאַרטיזאַנער פון דער פּוילישער עמיגראַנטישער רעגירונג אין לאָנדאָן (א. ק. — „ארמיא קראַיאָווא״) דערהרגעט עטלעכע יידישע פּאַרטיזאַנער. צוויי איז געלונגען צו אַנטלויפן און דערציילן גרינשפּאַנען מיט פיאָדאָרן וועגן דער שחיטה. האָבן זיי צונויפגענומען אונדזערע פּאַרטיזאַנער און זיך נוקם געווען אינעם דאָרף, וווּ מ׳האָט אומגעבראַכט די יידן.

מיטן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי קיין פּוילן, האָט זיך דער פראָנט דערנענטערט און גרינשפּאַן האָט באַשלאָסן אַריבערצופירן אונדזער אָטריאַד איבערן טייך בוג. אָבער דאָרט האָבן זיי רוסישע פּאַרטיזאַנער אַנטוואָפנט און מ׳האָט זיך געמוזט צוריקקערן פון וואַנען מ׳איז געקומען. איך בין דעמאָלט געבליבן מיט פיאָדאָרס אָטריאַד. ס׳האָט נישט גענומען קיין סך צייט און מיר האָבן איינגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט דער סאָוויעטישער אַרמיי און באַקומען געווער פאַראַשוטירט פון עראָפּלאַנען.

זומער 1944, אַ געוויסן טאָג, ווען כ׳האָב צוגעלייגט דאָס אויער צו דער ערד, האָבן איך געהערט דעם רויש פון סאָוויעטישע טאַנקן. מיר האָבן זיי געשיקט אַנטקעגן פינף אונדזערע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך דערנאָך אומגעקערט מיט רוסישע סיגאַרעטן. מיט אַ טאָג פריער האָבן מיר געזען אָפּטרעטנדיקע דייטשישע טאַנקען, פאַר וועלכע מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ ווייצן־פעלד.

ענדלעך איז די רויטע אַרמיי אַריין קיין אָסטראָווע. נאָר די אָטריאַדן פון גרינשפּאַנען און פיאָדאָרן, זענען איצט מיטגעגאַנגען מיט דער אַרמיי ביז נאָך לעווערטאָוו און שפּעטער — קיין לובלין, וווּ מיר זענען שוין דאָרט פאַרבליבן. דערנאָך האָט מען אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער געשיקט קיין פּאַרטשעוו, צו דינען דאָרט אין דער מיליץ.

איינמאָל זענען פאַלאַקן פון דער א. ק. אַריין קיין פּאַרטשעוו און דערהרגעט דריי יידישע מיליציאַנערן, נאָך אַ שלאַכט וואָס האָט זיך אַנטוויקלט צווישן ביידע צדדים. איך און מיין פאָטער האָבן זיך אויך געפונען אויף פּאָליצייאישער דינסט אין פּאַרטשעוו בערך אַ יאָר צייט. אין יענער שלאַכט איז אונדז געלונגען זיך אָפּצוראַטעווען.

יחיאל גרינשפּאַן, אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן פון דער א. ל. („אַרמיאַ לודאָוואַ״ — „פאָלקס־אַרמיי״), האָט אָנגעפירט מיטן יידישן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד „מסטיטיעל״, וואָס איז געווען טעטיק אין די פּאַרטשעווער וועלדער.

פיאָדאָר אָדער פעדיאַ אַלברעכט, איז געווען אַ סאָוויעטישער אָפיציר, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער דייטשישער געפאַנגענשאַפט.

אָסטראָווע איז באַפרייט געוואָרן דעם 22סטן יולי 1944 דורך דער רויטער אַרמיי.

די דײַטשן האָבן אויך געברענט ספרים

עדה דאָמב

צום סוף פון יאָר 1939, בין איך אוודאי געווען פון די לעצטע יידישע יוגנטלעכע, וואָס זענען נאָך געבליבן אין שטעטל. די אַנטשיידנדיקע מערהייט איז אַנטלאָפן, ווייל מ'האָט שוין געוווּסט, וועלכע צרות און פּיין ס'וועט ברענגען מיט זיך דער ברוטאַלער היטלעריסטישער אָקופּאַנט. נאָך דעם ווי די דײַטשן האָבן פאַרנומען אָסטראָווע, האָבן זיי גלייך אײַנגעשטעלט דעם ברוטאַלן רעזשים פון צוואַנג, מאָרד און אונטערדריקונג. יידן האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס, אַפילו אין די שעהען, ווען דאָס איז געווען דערלויבט. אויך די שטעטלדיקע פּאָליאַקן האָבן אויסגענוצט די שווערע לאַגע פון די געפּייניקטע יידן און בײַ יעדער געלעגנהייט אַרויסגעוויזן זייערע אַנטיסעמיטישע אינסטינקטן.

אַ געוויסן קאַלטן, רעגנדיקן טאָג, בין איך געווען אַליין אין שטוב. מיט אַמאָל עפנט זיך האַסטיק די טיר, עס באַווייזן זיך צוויי באַוואָפנטע דײַטשן. זיי פרעגן, ווו זענען די מענער. יעדער ענטפער מײַנער האָט זיי נישט באַפרידיקט. זיי האָבן נישט געגלויבט. איך דערפיל אַ שטאַרקן זעץ מיט אַ נאַהייקע. זיי באַפעלן, כ'זאָל צונויפנעמען אַלע ספרים און ביכער וואָס זענען דאָ אין שטוב און מיט זיי מיטגיין. צוקומענדיק צום מאַגיסטראַט, אין צענטער פון שטאָט, האָב איך דערזען אַ שייטערהויפן, אויף וועלכן מ'האָט געברענט די צונויפגעבראַכטע ספרים. פייער־צונגען מיט רויך האָבן זיך געריסן צום הימל און די באַפעלקערונג האָט געמוזט שטיין און זיך צוקוקן צו דעם שוידער. בײַ דער געלעגנהייט האָבן די רוצחים גשלאָגן און געפּייניקט יידן, נאָר איך געדענק נישט זייערע נעמען.

די דאָזיקע טראַגישע געשעענישן האָבן מיך באַוויגן צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל אויפן צווייטן טאָג. איך בין נאָך גרויסע שוועריקייטן אָנגעקומען צו דער סאָוויעטישער גרענעץ, וועלכע איז שוין געווען פאַרמאַכט פון דער דײַטשישער זייט. דאָך איז מיר געלונגען זיך אַריבער צו שמוגלען די גרענעץ און נאָך שווערע איבערלעבונגען בין איך אָנגעקומען אויף דער רוסישער טעריטאָריע אַ דאַנק זעליג־לייב'ן. נאָר די איבערלעבונגען דאָרט — זענען אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

דערמאָנונגען פֿון די מלחמה־יאָרן

בראָניע וואַסערמאַן־עקהאוס / מעלבורן

איך האָב די שווידערלעכע יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה איבערגעלעבט אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע און אין יאָר 1965 אַרויסגעטרעטן אין אָלדענבורג, מערב־דייטשלאַנד, ווי אַן עדות קעגן קריגס־פֿאַרברעכער. נאָר מיינע זכרונות זענען טיף פֿאַראַנקערט אינעם געבורט־שטעטל פֿון מיינע עלטערן און פֿון מיין מאַן, ווי אויך פֿון די אָפּטע, סענטימענטאַלע און ממש רירנדיקע דערציילונגען פֿון מיין משפּחה, אַז איך האָב געפֿינען פֿאַר נייטיק צו טיילן זיך מיט די לייענער פֿון אונדזער יזכור־בוך מיט געוויסע זכרונות פֿון שטעטל.

א

מיין פֿאָטער משה וואַסערמאַן (מיטן צונאָמען פּאַלעשוק — וואַרשיינלעך האָט זיין משפּחה געשטאַמט פֿון פּאָלעשע) איז געבוירן געוואָרן אין אָסטראָוו־שעדלעצקי. דער טאַטע האָט אָפֿט דערציילט פֿון זיין משפּחה, קרובים, שכנים און פֿריינד פֿונעם געבורט־שטעטל.

זיינע דערציילונגען האָבן אַרומגענומען די תקופֿה פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אָסטראָוו האָט באַלאַנגט צו רוסלאַנד, און במילא — צו דער שעדלעצער גובערניע. דאָס שטעטל איז געווען אַ וויכטיקער האַנדלס־פּונקט. גאַנץ אָפֿט זענען דאָרט פֿאָרגעקומען גרויסע יאַרמערק.

אַ באַדייטנדיקער טייל פֿון די אָסטראָווער יידן איז געווען פֿאַרמעגלעך. זיי האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט האַנדל, גאַרבעריי, רימעריי, פֿישפֿאַנג און באַזיצט פֿאַרשידענע געשעפֿטן, וואַרשטאַטן — שניידערישע, שוסטערישע, סטאָלערישע, בעקערייען. ווי אין אַלע שטעטלעך, האָט די יידישע באַפֿעלקערונג אָפּגעהיטן איר נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און קולטורעלע אייגנאַרטיקייט.

די עלטערן פֿון טאַטן, מיינע זיידע־באָבע איצל און שרה, זענען געווען געאַכטעט אין שטעטל און באַליבט ביי דער משפּחה און שכנים. די עלטערן זענען געווען גוט סיטואירט. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירטשאַפֿט, אַ באַקוועם הויז, אַ קאַשע־ און אייל־פֿאַבריקל, נאָר אַנשטאָט עלעקטרישע מאָטאָרן, האָט מען זיך באַנוצט מיט פֿערד. אַרום די אונטערנעמונגען, איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ, אויף וועלכן עס זענען זיך

צונויפגעפאָרן פויערים פון די אַרומיקע דערפער, כדי איבערצואָרבעטן זייערע פּראָ־דוקטן אויף ריינער קאַשע און אייל. אויף דעם פּלאַץ האָט זיך געפינען אַן אָזיערע, וועלכע מ׳האָט איראָניש אָנגערופן „דונאַי״, ווייל בעת די האַרבסטיקע רעגנס, האָט די אָזיערע אויסגעגאָסן און פאַרפליייצט די אַרומיקע געגנט און גורם געווען גרויסע שאָדנס. ווינטער האָבן קינדער זיך געגליטשט אויפן פאַרפרוירענעם וואַסער און דערביי שטאַרק זיך געפרייט.

ב

דעם טאַטנס משפּחה איז געווען אַ פאַרצווייגטע — זיבן זין: שמחה, אברהם, משה (מיין פאָטער), דוד, אשר, לייזער און יאָסל. בדרך כלל איז אין שטוב געווען אַ דינסט, ווייל אונדזער מאַמע שרה איז געווען פאַרנומען מיטן פירן דאָס געשעפט אין דער קאַשע־מיל און אייל־פאַבריקל און נישט געקענט אַלץ באַוויייזן. דער טאַטע האָט אַ סך צייט געלערנט, געדאַוונט און אָפט דיסקוטירט אויף רעליגיעזע טעמעס. פון צייט צו צייט אַרויסגעפאָרן פון שטעטל צוליב האַנדלס־ענייִנים און אויך צוליב רעליגיעזע פראַגן. די קינדער זענען דערצויגן געוואָרן אין חסידישן גייסט, אָבער בגניבה זיך געלערנט שרייבן און לייענען רוסיש און פויליש. קיין פאַך האָבן זיי נישט געלערנט, ווייל דאָס איז געווען אין סתירה צו די איינגעשטעלטע נאָרמעס ביי אַ רעליגיעז־פאַרמעגלעכער פאַמיליע. אַז די זין זענען אונטערגעוואַקסן, האָבן אַלע זייערע שידוכים־ענייִנים און אָפּמאַכן דערליידיקט די עלטערן צווישן זיך.

נאָך דער חתונה, האָבן די פעטערס שמחה, אברהם, דוד און לייזער געוווינט אין דעם זעלבן שטעטל און פּרנסה געצויגן פון די קאַשע־ און אייל־פאַבריקלעך. פאַרשטייט זיך, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע איז נישט געווען קיין גוטע פאַר אַזוי פיל משפּחות, בפרט נאָך, אַז די מאַטאָרן אין די מילן האָט מען נישט געביטן אויף נייע און דאָס פערד האָט נישט אויפגעהערט זיך דרייען אַרום דעם קעראַט.

אונדזערע עלטערן האָבן געוווינט אין לובלין. דער פעטער אשר און די מומע הינדאַלע האָבן זיך באַזעצט אין מאַרקושאָוו און דער יונגסטער פעטער יאָסל האָט נאָך דער חתונה מיט פערעלען זיך באַזעצט אין לובאַרטאָוו.

איך געדענק גוט דעם פעטער יאָסל, ווען ער האָט בעת די אורלויבן אונדז באַזוכט אינעם מונדיר פון דער פּוילישער אַרמיי. ער האָט דערציילט אינטערעסאַנטע געשיכטעס פון זיינע איבערלעבונגען. נאָר פאַר אַלעמען איז ער געווען אַ גוטער זינגער. אַלע אונדזערע שכנים און קרובים פלעגן זיך צונויפקומען הערן זיין געזאַנג — און איך

האָב ליב געהאַט צו זיצן אויף זיינע קני̇ען. איך בין געווען שטאָלץ וואָס ער איז מיין פּעטער. יאָסל איז נישט מיט גרויס חשק געפאָרן אַ היים, קיין אָסטראָווע. בעת זיין מיליטער־דינסט אין דער צאַרישער אַרמיי במשך 8 אָדער 10 יאָר און דערנאָך אין דער פּוילישער אַרמיי, איז זיין מוטער שרה געשטאָרבן. ער האָט זייער געבענקט נאָך דער מאַמען. געשמועסט האָט מען, אַז די באָבע שרה איז געשטאָרבן אויס זאָרג, וואָס איר יונגסטער זון דינט אַזוי פּיל יאָרן אין מיליטער, בעת די אַנדערע זין האָבן מיט פאַרשידענע מיטלען אויסגעמיטן דעם מיליטער־דינסט.

ג

בעת און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן די איינוווינערס פון אָסטראָווו־לובעלסקי (פרי̇ער — שעדלעצקי) געהאַט אויסצושטיין אַ סך צרות, ווייל דורכן שטעטל איז אַדורכגעגאַנגען דער פראָנט. די אָפטע איבערפאַלן פון פאַרשידענע באַנדעס און שריפות האָבן אַ תל געמאַכט פונעם ישוב. די מאַטעריעלע לאַגע פון די יידן איז געווען אַ שווערע. די באַן־סטאַציע איז איבערגעפירט געוואָרן ווייט פונעם שטעטל. און צו דער אַלגעמיינער צוריקגעשטאַנענקייט — בלאָטיקע וועגן.

אונדזער פאָטער האָט דערציילט, אַז צוליב דעם אַנטיסעמיטיזם און שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, האָבן פיל יוגנטלעכע פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אויסגעוואַנדערט — ווער אין דער גרעסערער שטאָט, ווער מעבר לים, דער עיקר קיין בראַזיל, אַרגענטינע און פאַראייניקטע שטאַטן.

איך געדענק, אַז אין לובלין האָבן אונדז אָפט באַזוכט משפחה, שכנים און באַקאַנטע פון אָסטראָווע. זיי זענען געקומען צו פאָרן אין דער גרויסער שטאָט מיט פורן, וואָס האָבן געהאַט זייער זאַמלפונקט אויפן פּלאַץ פון די פינעקלשטיינס, נישט ווייט פונעם שוחט אויף דער לובאַרטאָווסקי גאַס. מיין פאָטער האָט געקענט יעדן ייד וואָס איז געקומען פון אָסטראָווע, אויך לויט זיין צונאָמען, ווייל מיט יעדן איינעם איז ער געווען נאָענט. זיי זענען געקומען קיין לובלין וועגן מסחר, צי בעת אַ קראַנקער האָט געוואָלט באַקומען אַ רעצעפּט, אָדער באַזוכן אַ דאָקטער. נאָר אויך — וועגן אַ שידוך. זיי זענען געקומען גאַנץ פרי, כדי דאַווענען שחרית, אָפּעסן פרישטיק און זיך אָוועקגעלאָזט דערליידיקן זייערע ענינים. נישט איינמאָל זענען זיי אויך געבליבן ביי אונדז נעכטיקן.

מיינע עלטערן האָבן זיך צו זיי באַצויגן פריינטלעך און אַרויסגעוויזן אַ סך הכנסת־אורחים און נישט איינמאָל געדינט מיט אַן עצה און הילף — דערפאַר האָבן אָסטראָווער יידן זיך באַצויגן צו מיינע עלטערן מיט גרויס דרך־ארץ.

ווי איך דערמאָן זיך, איז דער רוב יידן פון שטעטל געווען גוטהאַרציקע מענטשן, ערלעכע, וואָס האָבן שווער געאַרבעט כדי מפרנס צו זיין זייערע משפּחות. נאָר דער היטלעריסטישער מבול האָט אַלץ אַראָפּגעשווענקט. צווישן די קרבנות פון די דייטשישע רציחות אין אָסטראָווע, זענען אויך געווען מיינע טאַטע־מאַמע משה און גאָלדע, דאָס יונגסטע 14־יאָריקע שוועסטערל שרהלע, וואָס האָבן אין יענער צייט געוווינט אין אָסטראָווע — די פעטערס, מומעס, קוזינען, קוזינקעס, שכנים און פריינד.

ד

פרייטיק גאַנץ פרי, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, זענען די דייטשן באַפאַלן פּוילן. נאָך אַ שוואַכן ווידערשטאַנד מצד דער פּוילישער אַרמיי, האָבן די דייטשן און די סאָוויעטן זיך צעטיילט מיט דעם באַזיגטן לאַנד און באַשטימט דעם טייך בוג ווי די גרענעץ צווישן דריטן רייך און דעם ראַטן־פאַרבאַנד. אין יענער צייט האָב איך און מיין משפּחה זיך געפונען אין אָסטראָוו־לובעלסקי, וואָס איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן. ס׳איז פאַר מיר געווען געפערלעך צו בלייבן אין אָסטראָווע, ווייל כ׳בין דאָרט געווען באַקאַנט מיט מיינע סאָציאַליסטישע אָנשויונגען. איך דעצידיר זיך אַריבער צו לויפן אויף יענער זייט בוג, צו די סאָוויעטן.

אַ געוויסן טאָג אין סעפּטעמבער, האָב איך זיך געזעגנט מיט דער מוטער, פאָטער און שוועסטערן. אַלע איז באַפאַלן אַ טרויער, נאָר קיינער האָט נישט געטראַכט, אַז מיר שיידן זיך אויף שטענדיק. מיט מיר איז אויך אַוועק מישאַ עקהאוס, מיין צוקונפט־טיקער מאַן. איך געדענק, ווי מיין טאַטע האָט אונדז באַגלייט עטלעכע קילאָמעטער און ווי שווער ס׳איז אונדז אָנגעקומען דאָס געזעגענען זיך. מיר האָבן יאָמערלעך געוויינט. דער טאַטע האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס פון זיינעם אַ קוזין אין שטעטל פּיוסק.

די שאָסייען און וועגן זענען פול געווען מיט פּליטים — צופוס, אויף וועגענער, מיט ראָווערן. מיר, מיט אונדזער ביסל אַרעמקייט אין די רוקזעק, האָבן זיך ענדלעך דערשלאָגן אין דער שטאָט קאָוועל, אַ גרויסער באַן־קנופּ, מיט אַ באַפעלקערונג פון עטלעכע דרייסיק טויזנט איינוווינערס — פּאָלאַקן, אוקראַינער און יידן (18 טויזנט).

אין קאָוועל האָט מען אונדז איינגעאָרדנט אינעם הויז פון געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע, ווו מיר האָבן געטראָפן אַ סך חברים און חברטעס פון דער באַוועגונג און פון תפיסה. אינעם הויז האָבן מיר באַקומען עסן, אויסגעהערט זייער אָפּט רעפע־ראַטן, דיסקוטירט. דאָרט האָט געהערשט אַ גרויסער באַלאַגאַן.

אין די לעצטע טעג פון אָקטאָבער 1939, זענען אומגעריכט געקומען קיין קאָוועל

מיינע צוויי שוועסטערן: אַן עלטערע פון מיר, שיינטשע, מיט איר מאַן, אַ ברודער פון מישאַ'ן און אַ ייִנגערע פון מיר. די גאָר ייִנגסטע, שרה'לע, איז געבליבן מיט דער משפחה. צופעליק איז זיי געלונגען צו באַקומען אַ מ'שטיינסגעזאָגטע וווינונג ביי אַ פּוילישן באַן־אַרבעטער, נאָר שנעל געמוזט פון דאָרט זיך איבערקלייבן אין אַן אַלטן, הילצערנעם באַראַק, נישט ווייט פון דער קאַלעיאָווע־גאַס, ווו ס'זענען נישט געווען די עלעמענטאַרסטע איינריכטונגען צום וווינען. ליידער, האָבן די יידן פון קאָוועל נישט אַרויסגעוויזן צו פיל פאַרשטענדעניש און מיטלייד פאַר די פּליטים, די א. ג. „בעזשענצעס", וואָס זענען אַנטלאָפן פון מערב־פּוילן, אַן אָקופּירטע פון די דייטשן. שפּעטער, אַז די דייטשישע אַרמיי איז אויך אַריין קיין קאָוועל, זענען ווינציק יידן פון דאָרט אַנטלאָפן. זיי, פּונקט ווי מיר, האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט צו וואָס די היטלעריסטישע רוצחים זענען פעיִק.

ה

איך און מישאַ, מיין צוקונפטיקער מאַן, האָבן זיך אויפגעהאַלטן אינעם הויז פאַר געווו. פּאָליטישע אַרעסטירטע, אָבער נישט געווען באַשעפטיקט. האָבן מיר מיט נאָך באַקאַנטע געפאָדערט אַרבעט. אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז, אַ גרופּע פון 12 פּערזאָן, אַוועקגעשיקט אינעם פּאַלוואַרק „זאַקאַזשעל" אויף פּאָלעשע. מיר האָבן דאָרט געטראָפן אַ פאַרלאָזט הויז און אַ פאַרנאַכלעסיקטע ווירטשאַפט. וואַרשיינלעך האָט מען די אייגנטימער, פּאָלאַקן, אַרעסטירט און די דינערשאַפט איז זיך צעלאָפן. ס'איז נישט געווען דאָרט קיין שום אַרבעט פאַר אונדזערטוועגן. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ וויסטעניש, מ'האָט נישט געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדן. נאָך אַ געוויסער צייט, באַשליסן מיר צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, הגם מ'האָט באַקומען צו עסן. נאָר דער פראָסט און קעלט האָבן זיך איינגעגעסן אין די ביינער. ס'איז דאָך געווען אין דעצעמבער 1939.

אומקערנדיק זיך קיין קאָוועל, זענען מיר אוועק וווינען אינעם באַראַק מיט מיינע שוועסטערן. ס'איז געווען פאַר אַלע אומבאַקוועם, נאָר מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג. נאָך גרויסע באַמיונגען, האָבן איך באַקומען אַרבעט אויף דער באַן־סטאַציע. מיין אויפגאַבע איז געווען צו פאַרשרייבן אויף פאָרמולאַרן די דאַטע, שעה, נומער פון וואַגאָן און זיין מאָדעל, צי ר'איז ליידיק אָדער אָנגעלאָדנט, אויב יאָ — מיט וועלכע סחורות. אויב ס'האָבן זיך געפונען קי — האָט מען באַדאַרפט ספּעציעל אונטערשטרייכן. אַזעלכע וואַגאָנען האָט מען באַדאַרפט אָפּטשעפּען און אַוועקפירן. די בהמות — אָנטרינקען און אָנקאָרמען. בעת אַ נאַכט־דיזשור, האָב איך איינמאָל פאַר־שריבן עטלעכע וואַגאָנען ווי ליידיקע, בעת זיי זענען געווען אָנגעלאָדן מיט בהמות. אַ פּוילישער באַן־אַרבעטער האָט דאָס באַמערקט און אין דער לעצטער מינוט ממש

באוויזן נאָך אָפּטשעפּען די דאָזיקע וואַגאָנען. דערמיט האָט מיר אָפּגעגליקט, ווייל מ׳וואָלט מיך געמשפּט פאַר סאַבאָטאַזש, ווען דער טעות ווערט אַנטדעקט. בדרך־כלל זענען די פּוילישע באַן־אַרבעטער געווען האַרציקע מענטשן און זיי האָבן זיך צו מיר פריינדלעך באַצויגן.

ביי אַ טאָג־ צי אַ נאַכט־שיכטע, בין איך געווען באַשעפטיקט 12 שעה. נאָר פאַקטיש איז זי אָפט דערגאַנגען צו 14—16 שעה. פאַרן אָנהייב פון דער אַרבעט, זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען, מיט אַ רעפעראַט. און נאָך דער אַרבעט האָט מען איינגעקויפט אין קאָאָפּעראַטיוו די נייטיקע פּראָדוקטן, נאָך וועלכע מ׳האָט געמוזט אָפט שטיין אין לאַנגע רייען.

ו

אַ געוויסן פרימאָרגן אין חודש יוני 1940, ווען כ׳האָב זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט נאָך אַ נאַכט־דיזשור — האָב איך געטראָפן אַ ליידיקן באַראַק. קיינער פון מיינע נאָענטע זענען שוין נישט געווען דאָרט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די סאָ־וויעטישע מיליץ האָט אַרעסטירט די אַלע, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרשריבן צוריק צו פאָרן אינעם אָקופּירטן טייל פון פּוילן, ווו זייערע משפחות האָבן זיך געפונען אונטערן דייטשישן יאָך. די פאַרהאַלטענע פּליטים האָבן די רוסן אָוועקגעפירט אויף דער באַן־סטאַציע און זיי פאַרשפּאַרט אין וואַגאָנען, אין וועלכע מ׳איז פאַרשיקט געוואָרן אין טיף רוסלאַנד. איך בין שנעל אָוועק אויף דער סטאַציע, ווייל צווישן די פאַרהאַלטענע זענען דאָך געווען מיינע צוויי שוועסטערן און שוואָגער. מישאַ האָט גראָד זיך געפונען אין לעמבערג. ווען ער איז פון דאָרט צוריק געקומען, האָבן מיר נאָך באַוויזן מיטצוגעבן דער משפחה שפּייז און אָנטועכץ. ווער האָט זיך דעמאָלט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זיי האָבן מערער שאַנסן צו בלייבן לעבן ווי מיר, די פאַר־בליבענע אין מערב־אוקראַינע? אַ גליק, וואָס די וואַגאָנען מיט די פאַרשיקטע זענען געשטאַנען עטלעכע טעג אויף דער סטאַציע. מיר האָבן באַוויזן צו געזעגענען זיך מיט די שוועסטערן און שוואָגער און זיי באַזאָרגן מיט נייטיקע זאַכן.

מישאַ און איך באַשליסן אָפיציעל צו הייראַטן. די צערעמאָניע איז געווען זייער אַ באַשיידענע און קורצע, אין דער אָנוועזנהייט פון עטלעכע פריינד. מיר נעמען אָן די סאָוויעטישע בירגערשאַפט, פאַרלאָזן דעם באַראַק און אָרדענען זיך איין אין אַ קליינעם, מעבלירטן צימער (אַ בעטל, טישל, שענקל און 2 שטולן), מיט אַ בשותפות־דיקער קיך. דער אייגנטימער פון באַראַק האָט אונדז אָנגעקלאָגט אין געריכט, ווייל די אַרויסגעשיקטע משפחה איז אים שולדיק געבליבן דירה־געלט. פון אונדזערע באַשיידענע פאַרדינסטן האָבן מיר געמוזט אָפּצאָלן דעם חוב.

איך האָב ווייטער געאַרבעט אויף דער סטאַציע און מיין מאַן — אין אַ סטאָלערײַ־פֿאַבריק. מיר האָבן געהאַט עלטערן אויף יענער זייט בוג, איז דער קאָנטאַקט געווען אַ שוואַכער. דערפֿאַר האָבן מיר באַקומען בריוו פֿון ווייטן, קאַלטן סיביר, וווּ ס׳זענען געווען פֿאַרשיקט מײַנע שוועסטערן און שוואָגער. די בריוו זענען געווען פֿאַרצווייפֿלטע. הונגער, נויט, פֿרעסט, שווערע אַרבעט. איך געדענק, ווי מיר האָבן געטרוקנט פּערפּל, געגרייט סוכאַרן, איינגעקויפֿט צוקער, רייז און אַנדערע פּראָדוקטן און אַלע 2 וואָכן געשיקט אַהין שפּייז־פּעקלעך. מיר האָבן זיך געטיילט מיט זיי אין אַלעמען, פֿאַר וואָס זיי זענען אונדז געווען זייער דאַנקבאַר.

ז

אין אָקטאָבער 1940 האָב איך פֿאַרשוואַנגערט און אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער בוכהאַלטעריע אויף דער באַן־סטאַציע. דאָרט באַקענט אַ סך פּוילישע באַן־אַרבעטער, אגב זייער גוטע מענטשן. מיט מיר האָט געאַרבעט אַ יידישע פֿרוי באַשע, וואָס איז יעדן טאָג געקומען אין ביוראָ פֿון קאַמיען־קאַשירסק. מיר האָבן זיך באַפֿריינדעט.

אין יענער תקופֿה איז די פּאָליטישע סיטואַציע נישט געווען אַזאַ פֿריילעכע. מיר האָבן געלייענט און געהערט וועגן דײַטשלאַנדס מיליטערישע דערפֿאָלגן אין מערבֿ־אייראָפּע — און נאָך אַלץ געגלויבט אין נסים. מיר זענען דאָך געווען יונג און אַפֿילו ענטוזיאַסטיש. סוף מערץ 1941, איז מיין מאַן מישאַ גערופֿן געוואָרן אויף מיליטערישע איבונגען אויף עטלעכע חדשים. בעצם, האָב איך געקאָנט זיך באַמיִען מ׳זאָל אים באַפֿרייען, ווייל כ׳האָב געשוואַנגערט און געווען איינע אין דער משפּחה. נאָר מיין וועלט־אָנשויונג האָט אַפֿילו נישט צוגעלאָזט אַזאַ געדאַנק. איך האָב געגלויבט, אַז ס׳איז אונדזער חובֿ צו קעמפֿן מיטן פֿאַשיזם. די צעשיידונג מיטן מאַן איז געווען זייער אַ טרויעריקע. איך האָב זיך געשעמט צו וויינען — און פֿאַרזיכערט מישאַ׳ן, אַז כ׳וועל זיך אַן עצה געבן, הגם דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך געפֿילט זייער איינזאַם, נישט געוווּסט, צי כ׳האָב ריכטיק געהאַנדלט. בייטאָג האָב איך געאַרבעט און ביינאַכט בין איך נישט געשלאָפֿן, די געדאַנקען האָבן פֿאַרמאַטערט...

אַזוי ווי נאַטשאַלסטווע איז געווען צופֿרידן מיט מיין אַרבעט, האָב איך אָפּט באַקומען צוגאָבלעכע טאַלאָנען אויף שפּייז. אויך באַשע האָט געהאָלפֿן מיט ברענגען פֿון קאַמיען־קאַשירסק קאָנפֿיטורן, פֿרוכט און נאַשוואַרג, וואָס האָט פֿאַרלייכטערט די שוואַנגערשאַפֿט. איך האָב דערוואַרט מישאַ׳ס צוריקקער פֿון מיליטער־דינסט אין סוף יוני 1941. איך האָב געקענט איבעררייסן די אַרבעט אַ סך פֿריִער, נאָר פּלאַנירט אַ לענגערן אורלויב נאָכן געבורט.

פֿרייטיק, דעם 19טן יוני, בעתן אויפֿרוימען די וווינונג, האָב איך באַקומען ווייען

און מ׳האָט מיך אָפּגעפּירט אין שפּיטאָל. די קראַנקן־שוועסטערס האָבן זיך געוויצלט, אַז כ׳קאָן אַהיימגיין און קומען אין עטלעכע וואָכן אַרום. ס׳איז דאָ צייט. אָבער דעם זעלבן אָוונט איז געבוירן געוואָרן אַ ייינגעלע. צומאָרגנס האָבן מיך באַזוכט פריינד, געווונטשן "מזל־טוב" און געברענגט מתנות.

דאָס שפּיטאָל וווּ כ׳בין געלעגן, איז געווען גרויס. די מערהייט פּאַציענטינס זענען געווען די פרויען פון סאָוויעטישע מיליטער־לייט און באַאַמטע. זונטיק גאַנץ פרי, דעם 22סטן יוני 1941, האָבן אונדז אויפגעוועקט פון שלאָף שטאַרקע אָפּהילכן פון לופט־באָמבאַרדירונגען. אַ סברה, אַז די באָמבעס זענען געפאַלן נישט ווייט פון דאַנען. ס׳איז געוואָרן אַ מהומה, נאָר באַלד האָבן זיך באַוויזן סאָוויעטישע אָפיצירן און אַלעמען באַרואיקט, אַז דאָס זענען בלויז איבונגען פון דער אַוויאַציע... אָבער מיט אַ 2 שעה שפּעטער, זענען די זעלבע מיליטער־לייט געקומען צו לויפן פאַרזאָרגטע און איבערגעשראָקענע, כדי מיטנעמען מיט זיך זייערע פרויען און די ניי־געבוירענע קינדער, ווייל זיי האָבן באַקומען אַ באַפעל צו עוואַקואירן זיך...

איך בין געבליבן אַליין מיטן 2־טאָגיקן זונעלע אינעם גרויסן, ליידיקן שפּיטאָל. וווּ זאָל איך גיין? צו וועמען זיך ווענדן? דאָס הויז וווּ כ׳האָב געוווינט, האָט זיך געפונען נעבן דער באַן־סטאַציע, וועלכע איז שטאַרק באָמבאַרדירט געוואָרן, ווייל קאָוועל איז געווען אַ באַן־קנופּ. איך האָב נישט אויפגעהערט צו פרעגן זיך אַליין:

— וואָס טאָן? וואָס טאָן?

ח

דינסטיק אָוונט זענען אין שפּיטאָל געקומען מיינע באַקאַנטע געניע און פייוול האַמערמאַן און מיך מיטן קינד גענומען צו זיך, הגם זיי אַליין האָבן געוווינט אין אַ קליין צימערל. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז שוין מאָנטיק איז דער גרעסטער טייל סאָוויעטישע בירגער, באַאַמטע, מיליטער־לייט און פּאָליציי אַנטלאָפן פון קאָוועל, נאָר דינסטיק פרי זיך אומגעקערט. אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. מיטוואָך אַ גאַנצן טאָג זענען געניע און פייוול געווען אין גאַס, געוואָלט זיך דערוויסן נייעס און אין אָוונט צוריק געקומען מיט דער ידיעה, אַז די סאָוויעטן אַנטלויפן ווידער און אויף דער באַן־סטאַציע שטייען ליידיקע וואַגאָנען צו עוואַקואירן די מענטשן. ערשט דאָנערשטיק האָבן מיינע פריינד זיך דעצידירט צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד און מיר פאָרגעלייגט כ׳זאָל מיט זיי מיטפאָרן. איך בין אָבער געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, דערצו נאָך מיט אַ נאָר וואָס געבוירן קינד, אַז כ׳האָב זיך נישט געפילט בכוח צו פאַרלאָזן די שטאָט. זיי האָבן זיך מיט מיר געזעגנט און אַוועק מיט די רוקזעק אויף די פּלייצעס.

ס׳זענען פאַריבער נאָך 3 טעג און זונטיק, אַ וואָך נאָכן פאַררעטערישן איבערפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, זענען די דייטשן אַריין קיין קאָוועל. מיינע בעל־הבתים פרעגן, ווען פאַרלאָז איך דאָס צימער, ווייל זיי האָבן געוווסט מיין מאַטעריעלע לאַגע און נישט געוואָלט האָבן ביי זיך אַזעלכע לאָקאַטאָרן. ווו איצט זיך אַהינטאָן? איך האָב זיך דערמאָנט אין דער משפחה זילבערמאַן, וואָס האָט געוווינט אויף דער זאַגאַנאָווע גאַס, נישט ווייט ווו איך האָב זיך געפינען. אברהם זילבערמאַן האָט געשטאַמט פון לובלין, נאָר געוווינט אין קאָוועל, ווייל זיין פרוי איז געבוירן אין קאָוועל. אברהמס שוועסטער, סאַלע, איז געווען די חברטע פון מיין שוועסטער אין לובלין און אויך אַנטלאָפן פון דער שטאָט, מיטן אויסברוך פון דער דייטשיש־פוילישער מלחמה. בין איך אַוועק צו די זילבערמאַנס און געפרעגט, צי כ׳וועל קענען ביי זיי וווינען. דער ענטפער איז געווען אַ פּאָזיטיווער, הגם זיי אַליין האָבן געהאַט דריי קינדער. איך און מיין זונעלע האָבן דאָרט געפילט משפחהדיקע וואַרעמקייט.

איך האָב זיך קאָמוניקירט מיט מיין פריִערדיקע בעל־הביתטע אויף דער ליסטאָ־פּאַדאָווע גאַס און זי האָט מיר איבערגעגעבן, אַז באַשע פון קאַמיען־קאַשירסקי זוכט מיך, זי וועט מאָרגן בייטאָג זיין ביי איר. בין איך דאָרט אַוועק און שטאַרק זיך געפרייט מיט דער האַרציקער באַשע. זי האָט מיר געבראַכט 5 קילאָ צוקער און אַ גרויס ליילעך אויף ווינדעלעך פאַרן קינד. אַז מיין בעל־הביתטע האָט דערזען צוקער, האָט זי אָנגעהויבן זיך באַקלאָגן, אַז ביי איר אין שטוב איז בכלל נישטאָ דאָס אַרטיקל. ווייזט אויס, אַז כ׳האָב זיך שטאַרק איבערגענומען מיט אירע רייד און אַוועקגעגעבן אַ העלפט פון דעם צוקער. שפּעטער האָב איך באַדויערט די נאַרישע האַנדלונג, ווייל כ׳האָב געמוזט שפּאָרן פאַרן קינד.

ט

מיטן באַזעצן קאָוועל דורך די דייטשן, האָבן זיי אָנגעהויבן זייערע סאַדיסטישע מעשים קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. אַ געוויסן טאָג זענען אין אונדזער דירה געקומען עטלעכע אוקראַינישע פּאָליציאַנטן און אַרעסטירט אברהם זילבערמאַן. די גאַנצע משפחה און איך זענען געווען פאַרצווייפלט. נאָך גרויסע באַמיונגען, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז זילבערמאַן מיט נאָך אייניקע יידן געפינען זיך אויפן ספּאָרט־פּלאַץ, ווו זיי ווערן געשלאָגן און געפייניקט. זענען מיר אַוועק אַהין און געזען, ווי די יידן גראָבן גריבער און דייטשן מיט אוקראַאינער איזדעקעווען זיך איבער זיי. בלוט איז גערונען פון די אָפענע ווונדן פון מויל און נאָז. צומאָרגנס איז אברהם געשטאָרבן. די אומגליקלעכע אלמנה מיט די דריי יתומים, די גאַנצע משפחה און איך האָבן שרעקלעך איבערגעלעבט זיין טויט.

אויף די ווענט האָט מען פונאַנדערגעקלעפּט פּאַראָרדענונגען, אַז יעדער ייד מוז טראָגן אַן אָרעמבאַנד מיט אַ מגן דוד. שפּעטער האָט מען דעם אָרעמבאַנד פאַרביטן מיט די געלע לאַטעס — איינע פון פאָרנט, איינע אויף דער פּלייצע. יעדע יידישע וווינונג אין שטאָט איז געצייכנט געוואָרן מיט אַ געלע לאַטע. אַלע טאָג האָט מען געהערט וועגן נייע גזירות, קאָנטריבוציעס און מאָרדן פון יחידים, ווי פון גרופּן. אָט באַוויזן זיך פלאַקאַטן צו ווענדן זיך פרייוויליק צו אַרבעט. דער רוב האָט געגלויבט די אָפּנאַרערישע קאָמוניקאַטן. ווייל די וואָס זענען אַוועק אויף אַרבעט, האָבן מיר שוין נישט געזען. אַ סך מיינע באַקאַנטע יונגע מיידלעך און ייִנגלעך, זענען אומגעקומען פון די רוצחים.

די נעמען פון די ס. ס.־אָפיצירן קאַסנער און מאַגנטהעי האָבן אַרויסגערופן שרעק ביי דער יידישער באַפעלקערונג. זיי זענען אַרומגעפאָרן איבערן ראַיאָן און יעדער אַריינקום זייערער קיין קאָוועל האָט אָנגעזאָגט פּייניקונגען און מערדערייען. איך פלעג אָפּט אַרויסגיין אין גאַס אָן די געלע לאַטעס, ווייל באַקאַנטע פּויערטעס פון אַרומיקע דערפער האָבן געברענגט צו מלכה'ן פאַרשידענע פּראָדוקטן און איך האָב זיי פאַר־קויפט צו פּוילישע באַן־אַרבעטער. איך האָב דאָך באַדאַרפט לעבן מיטן קינד. די פלאַקן האָבן מיר דערציילט די לעצטע נייעס פון די פראָנטן — גאָרנישט קיין פריי־לעכע. די דייטשן זענען געגאַנגען פאָרויס, בעת די רויטע אַרמיי איז כסדר אָפּגעטרעטן.

אין יענער צייט איז נאָך געווען מעגלעך אַ פּאָסט־פאַרקער און איך האָב באַקומען אַ בריוו פון מיינע עלטערן און דעם יונגסטן שוועסטערל שרהלע. די עלטערן האָבן געשריבן, אַז איך זאָל צוריק קומען קיין אָסטראָווע. איך האָב ערנסט געטומען טראַכטן וועגן דעם, אָבער גלייכצייטיק נישט פאַרגעסן, אַז מיין זונעלע איז נישט געמלעט — טאָ ווי איז מעגלעך צו קומען אַ היים מיט אַ נישט געיידישט קינד? ווען דאָס קינד איז אַלט געווען 6 אָדער 7 וואָכן, בין איך מיט פעסע קאַגאַן אַוועק צום מוהל, אַן אַלטיטשקער ייד מיט ציטערדיקע הענט, וואָס האָט אַדורכגעפירט די אָפּעראַציע. איך האָב דעם קינד אַ נאָמען געגעבן ראובן, ווי ס'האָט געהייסן דער זיידע פון מיין מאַן.

דאָס איז געווען אַ זייער טרויעריקע צערעמאָניע.

י

אין אַפּריל 1942 זענען געשאַפן געוואָרן אין קאָוועל צוויי געטאָס: ביי דער שיל, נישט ווייט פון מאַרק און אין דער ניי־שטאָט, נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע. אין אָנהייב האָט מען געקענט אויסקלייבן, אין וועלכן געטאָ מ'האָט געוואָלט גיין. אָבער שפּעטער האָבן די דייטשן באַפוילן, אַז די יידן וואָס באַזיצן אַרבעט־קאַרטן, מוזן זיך

באַזעצן אינעם געטאָ וואָס אין דער ניי־שטאָט, און די אָן קאַרטן — אינעם געטאָ פון דער אַלט־שטאָט. די גזירה הט מען באַדאַרפט אויספירן אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה. ס'איז זיך פאַרצושטעלן די מהומה, פּאַניק און כאַאָס צוליבן צעשיידן גאַנצע משפחות. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער טאָג מיט אַ סך טראַגישע איבערלעבונגען פאַר די אומגליקלעכע יידן אין קאָוועל.

לויט דער פאַראָרדענונג, האָב איך מיטן קינד באַדאַרפט גיין אין דער אַלט־שטאָט, נאָר איך ווייס נישט פאַר וואָס מיר איז איינגעפאַלן צו בלייבן דווקא אין דער ניי־שטאָט, הגם איך האָב נישט געהאַט קיין אַרבעט־קאַרטע. איך האָב זיך פאַרלאָזט אויפן גורל. יענעם טאָג און די נאַכט איז מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון, ווייל צו־מאָרגנס, נאָך איידער די זון האָט אויפגעשיינט, האָבן מיר שוין געהאַט די שרעקלעכע ידיעה, אַז די טויזנטער יידן אין דער אַלט־שטאָט האָט מען אויסגעהרגעט. באַלד נאָכן אָנקומען אין יענעם געטאָ, האָט מען זיי צונויפגעטריבן אויפן מאַרק, אַריינ־געיאָגט אין לאַסט־אויטאָס מיט קלעפּ, זידלערייען און באַשיסונגען, אַוועקגעפירט צו די זאַמדן הינטער דער שטאָט און אין פריער צוגעגרייטע גריבער אַלעמען אויסגעשאָסן מיט מאַשינגעווער. מ'האָט געשאַצט, אַז אַ צען טויזנט יידן — מענער, פרויען, קינדער זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די אוקראַינער און דייטשן.

דאָס איז געווען די ערשטע מאַסן־אַקציע אין קאָוועל.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט מען די יידן פון געטאָ אין דער ניי־שטאָט באַפוילן איבערצוגיין אינעם שוין ליקווידירטן געטאָ. הגם מ'איז דאָרט געווען אָפּ־געשניטן פון דער וועלט, געליטן הונגער און נויט, שוין אָפּגערעדט פון די ליידן און פיין, האָט מען נישט אויפגעהערט ריידן וועגן איבערלעבן און נעמען נקמה אין די רוצחים. אָבער אויך דער צווייטער געטאָ האָט געהאַט זיין שנעלן און טראַגישן סוף.

יא

אַ געוויסן טאָג אין חודש יולי 1942, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז צוויי הויכע געסטאַפּאָ־אָפיצירן, קאַסטנער און מאַנטעל, געפינען זיך אין קאָוועל. האָבן יידן פאַרשטאַנען, אַז עס גרייט זיך אַן אַקציע, וואָס מיינט — אויסזידלונג און דערשיסונגען. אַ זייער גרויסער טייל פון די געטאָ־איינוווינער האָט זיך באַצייטנס צוגעגרייט באַ־העלטענישן — אויף ביידעמער, קעלערס, פּאַציאַטעס, בונקערס. איך מיטן קינד, באַזאַמען מיט די משפחות זילבערמאַן, קאַגאַן און אַנדערע, אַ צוואַנציק מענער, פרויען און קינדער, האָבן זיך באַהאַלטן אויף אַ בוידעם — דורשטיקע, הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע,

צונויפגעפרעסט אין ענגשאפּט און שמוץ. ערשט ביינאַכט האָט מען אַרויסגעטראָגן די נאַכט־כלים און טעפּ מיט די אומריינקייטן. מיר האָבן די גאַנצע צייט געהערט פון גאַס געשרייען, שיסערייען און דורך די שפּאַרונעס געזען ווי מען שלעפּט די אומגליקלעכע יידן פון זייערע היימען און באַהעלטענישן. דערביי האָבן די אוקראַינער ניט געזשאַ־לעוועט קיין קלעפּ און זידלערייען.

די גאַנצע צייט האָב איך דאָס קינד געהאַלטן אויף די הענט, צוגעפּרעסט צו מיין ברוסט, אָבער דאָס זונעלע האָט אַ סך געוויינט. איינמאָל פאַרנאַכט הערן מיר אַ שטאַרק קלאַפּן אין וואַנט און צו אונדזערע אויערן דערטראָגן זיך די רייד פון איין אוקראַינער צום צווייטן:

— איך האָב געהערט וויינען אַ קינד. לאָמיר ברעכן אַ האַק, אויפברעכן די וואַנט און כאַפּן די זשידעס...

אַ סברה, אַז זיי זענען אַוועק ברענגען אַ האַק, אָבער מער זיך נישט אומגעקערט. נאָר די מענטשן וואָס זענען געווען באַהאַלטן מיט מיר, האָבן נישט אויפגעהערט צו האָבן טענות, אַז דאָס געוויין פונעם קינד וועט זיי אומברענגען, איך מוז געפינען אַן אויסוועג. „צוליב דיר וועלן מיר אַלע אומקומען" — האָבן זיי געטענהט.

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט און אויך איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר ניט איינ־שטעלן אַזוי פיל לעבנס, כדי צו ראַטעווען זיך מיטן קינד. נאָך אַ טענה האָבן זיי געהאַט, אַז „מיר וועלן בלייבן לעבן, כדי צו נעמען נקמה אין די מערדער". עמעץ האָט מיר דערלאַנגט אַ טיכל און דערביי געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי אַזוי דערשטיקן דאָס קינד. אין אונטערבאַוווסטזיין האָב איך געפילט, אַז די מענטשן האָבן רעכט... די מער דערוואַקסענע קינדער און זייערע עלטערן האָבן געקוקט אויף מיר מיט דער־וואַרטונג, אַפילו מיט מיטלייד, אָבער אַן דראָונגען. איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: דאַרף איך זיין אַ מערדער פון מיין אייגן קינד?

מיט אַמאָל האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן אַ געשריי:

— איך וועל נישט אומברענגען מיין קינד!... איך גיי אַוועק פונדאַנען...

יב

אינמיטן נאַכט האָט ווער צוגעשטעלט אַ לייטער צו דעם אַריינגאַנג אויפן בוידעם און איך מיטן קינד האָבן פאַרלאָזט די באַהעלטעניש. דאָס הויז איז שוין געווען אויסגעליידיקט פון יידן, די וווינונגען — מיט אויפגעפּראַלטע טירן און פענצטער. איך בין אַריין אין אַ ליידיקער דירה און דאָרט באַוויזן צו בלייבן עטלעכע טעג, ווייל

ס'האָט זיך געפינען עסן פאַרן קינד, וואָס איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר. דאָס איז געווען די וווינונג פון דער משפחה טשיפּקעס.

פאַר די עטלעכע טעג וואָס איך בין געווען אין דעם הויז, האָב איך פון צייט צו צייט געהערט געשרייען פון יידן, וואָס די רוצחים האָבן זיי אַנטדעקט און אַרויס־געשלעפּט פון די בונקערס. ווען אַ געוויסן פרימאָרגן האָט געהערשט אַרום אַ שטילקייט, האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, אַז די אַקציע איז פאַריבער. בין איך מיטן קינד אַרויס אין גאַס פון געטאָ, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּאַרקן. איך לאָז זיך אַוועק צום טויער, נאָר דערהערט פּלוצים אַ געשריי אויף אוקראַיניש:

— קודאַ אידיש? (וואוהין גייסטו?) — און באַלד דערנאָך אויף דייטש: האַלט! (בלייב שטיין!).

אין דעם מאָמענט האָב איך געטראַכט, אַז איך מיטן קינד גייען אויף אַ זיכערן טויט. זאָג איך צום אוקראַינער אויף פּויליש:

— איך בין געקומען אַהער און ווייס נישט ווי אַזוי אַרויסצוגיין.

דער אוקראַינישער וואַכמאַן ווייזט מיר דעם וועג צום טויער און באַפעלט צו גיין אַהין. איך האָב געטראַכט, אַז בײדע, דער דייטש און דער אוקראַינער, זענען אַוודאי גוט אָנגעשיכורט...

איך האָב אים געפאָלגט און שנעל אַרויס פון געטאָ. אָט בין איך שוין אויפן הויפּט־וועג, וועלכער פירט צום שעכטהויז. נאָר איצט בין איך אין שטאָט. אָבער ווו זיך אַהינטאָן? די גאַסן זענען ליידיק, מ'זעט נישט כמעט קיין מענטשן, אָבער יעדע מינוט לויערט דער טויט. דערווייל בין איך אַריין אין אַ ליידיקער יידישער דירה, אָבער דאָרט גאָרנישט געפונען. פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, אַז כ'זאָל צוגיין צום בירגערמייסטער פון שטאָט, ד"ר פּיראָגאָוו, אַן אוקראַינער, וואָס נאָך אין די צייטן פון געטאָ, האָט ער געהאַט אַ גוטן נאָמען ביי יידן, ווייל ער האָט זיך צו אונדז באַצויגן מענטשלעך. אַן שווועריקייטן בין איך אָנגעקומען אין זיין קאַבינעט און אים דערציילט דעם גאַנצן אמת: אַז כ'בין אַ יידישע, געבליבן מיטן קינד, בײדע האָבן מיר זיך אַרויסגעראַטעוועט פון געטאָ. נאָכן אויסהערן מיין געשיכטע, האָט ער זיך אויף מיר צעשריגן:

— מיט וואָס קען איך דיר העלפן? וואָס עפּעס ביסטו געקומען צו מיר? איך וועל טעלעפאָנירן צו דער פּאָליציי...

ער נעמט טאַקע דאָס טעלעפאָן־טרייבל אין האַנט, אָבער לייגט עס צוריק אויפן אָרט און זאָגט צו מיר מיט כעס, אויף פּויליש:

— גיי פון דאַנען, כ'וויל דיך מער נישט זען פאַר מיינע אויגן.

איך בין פון אים אַוועק אַן איבערגעשראָקענע און פאַרוויינטע. אין גרויס פאַר־צווייפלונג באַשליס איך צו גיין אין קלויסטער — און דאָרט געטראָפן דעם גלח. דוכט זיך, אַז זיין נאָמען איז געווען דאָמבראָווסקי. אויך אים האָב איך דערציילט פון מיין אומגליק. ער האָט מיך אויסגעהערט און געזאָגט:

— דאָ אין שטאָט, קען איך דיר נישט העלפן. גיי אַוועק אין די פּוילישע קאָלאָ־ניעס און דערפער, ווו מען נייטיקט זיך איצט אין אַרבעטער. מ'וועט דיך קיין סך נישט פרעגן, דאַרפסט נאָר זען איבערצוהאַלטן די שווערע צייט. מיר לעבן איצט אין אַ באַרבאַרישער תקופה, וואָס וועט לאַנג נישט דויערן.

ער האָט מיר געגעבן אַפּצועסן און אַרויסבאַגלייט אין וועג מיט אַ ברכה. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער נע־ונד, ווו געטאָגט נישט גענעכטיקט. מיר איז געווען אַזוי שלעכט, אַז נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט אַ סוף צו מאַכן צו מיין לעבן און זיך איבערגעבן די דייטשן. נאָר ווען איך האָב געקוקט אויף מיין קינד, איז מיין באַשלוס געווען: ווייטער אָנצוגיין מיטן לעבן.

יג

האַרבסט 1942. איך האָב געאַרבעט ביי דער פויערישער משפחה שטשעפּאַן, אויף דער קאָלאָניע יאַנוווקאַ. דאָרט האָב איך געטראָפן די פּוילישע פרוי פון קאָוועל, וואָלאַשינסקאַ, וואָס פלעגט אָפט קומען אין דאָרף, כדי אויסטוישן אָנטועכץ און וועש אויף מילך, קעז, אייער, פּוטער און פּרוכטן. די דאָזיקע פרוי האָט גלייך אין מיר דער־קענט אַ יידישקע און אַז דאָס קינד איז געמלעט. דאָך האָט זי מיר געגעבן איר אַדרעס אין קאָוועל און געבעטן איך זאָל זי באַזוכן, ווען איך קום אין שטאָט. דאָס אַליין האָט שוין באַוויזן איר געוואַגטקייט און בריטהאַרציקייט, ווייל די פּאָלאַקן און אוקראַינער האָבן געוווּסט וואָס זיי דראָט, אויב מ'וועט ביי זיי אַנטדעקן אַן אויסבאַהאַלטענעם ייד.

איך האָב עטלעכע מאָל באַזוכט די פרוי וואָלאַשינסקאַ, ווען איך בין אַ פאַר־צווייפלטע, רעזיגנירטע און פאַרביטערטע געקומען אין שטאָט. זי האָט מיך תמיד אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, געטרייסט, געמוטיקט, דערלאַנגט אָפּצועסן און אויך צוגעגעבן אַ סך מוט, נאָר נישט אונטערגעבן זיך.

איך געדענק אַ מוראדיק קאַלטע נאַכט פון חודש מערץ 1943. איך בין דעמאָלט געווען אין קאָוועל, אַ היימלאָזע און הילפלאָזע. בין איך אַוועק צו דער וואָלאַשינסקאַ, אָבער נישט געוואַגט אָנצוקלאַפּן אין איר טיר און באַשלאָסן זיך אַוועקצוזעצן אין

קאַרידאָר מיטן פּיצעלע קינד. פּלוצים עפנט זיך די טיר פון דער האַרציקער פרוי און עטלעכע יונגעלייט גייען פון דאָרט אַרויס. איך האָב זיך שנעל געכאַפּט אין דער געשאַפענער סיטואַציע, זיך אויפגעשטעלט און גלייך אַריין צו איר אין שטוב. די פרוי וואָלאָשינסקאַ און איר זון און טאָכטער (דער זון — 20 יאָר, די טאָכטער — 17 יאָר) האָבן זיך איבערגעשראָקן פון דער אומגעריכטער וויזיט, ווייל קוים האָט ווער צו־געטראָגן די דייטשן וועגן מיר, האָט דאָך זיי אַלע געדראָט טויט־שטראָף — דער פרוי, איר מאַן (וואָס איז שוין געשלאָפן אין אַ צווייטן צימער מיטן יונגסטן קינד, 5 יאָר אַלט) און די צוויי דערמאָנטע זין. נאָר נאָך אַ מינוט־צוויי האָט די פרוי וואָלאָשינסקאַ זיך אָנגערופן צו די קינדער:

— קינדער, גייט שלאָפן צו אייערע חברים, ווייל די פרוי מיטן קינד וועלן דאָ איבערנעכטיקן...

איך, אפשר מער ווי די זין, בין געבליבן דערשטוינט פון אַזאַ באַפעל. נאָר דאָס וויכטיקסטע, אַז יענע נאַכט בין איך מיטן קינד געשלאָפן אויף אַ מענטשלעכן געלע־גער. מיין באַוווּנדערונג און אָנערקענונג פאַר דער דאָזיקער העראָישער פרוי, האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ.

צומאָרגנס, ביים פרישטיק, האָט זי מיטן מאַן מיר דערציילט די לעצטע ידיעות פון די פראָנטן, ווו ס'איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. איצט ציִען זיך צוריק די דייטשן, בעת די רויטע אַרמיי אַטאַקירט און שטויסט אַרויס דעם אַגרעסאָר פון דער סאָוויעטישער טעריטאָריע.

דאָס זענען טאַקע געווען דערפרייענדיקע נייעס, אָבער מיין סיטואַציע האָט זיך דערמיט נישט געענדערט. איך האָב זיי אַפילו דערקלערט, אַז כ'וועל זיך איבערגעבן אין דייטשישע הענט, ווייל מיין לאַגע איז האָפענונגסלאָז. זיי האָבן מיך שטאַרק אָפּגערעדט פון אַזאַ שריט, געעצהט צוריקצוגיין אויפן דאָרף און מיטגעגעבן אַ פּעקל עסן און אַ פּאַלטנדל פאַר ראובנען (רישעק, ווי מ'האָט אים גערופן) פון זייער 5־יאָריקן יונגעלע. איך בין פון דאָרט אַוועק מיט האָפענונג אין האַרצן, בפרט נאָך, אַז די פרוי וואָלאָשינסקאַ האָט מיך באַגלייט עטלעכע קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. אַזאַ באַציונג פון פּאָלאַקן אין יענע פינצטערע צייטן, האָט צוגעגעבן קוראַזש און אמונה — איך האָב דאָך אָנגעטראָפן אויף גוטע מענטשן.

יד

וועגן די ווייטערדיקע איבערלעבונגען מיינע וואָלט זיך נאָך געלאָזט אַ סך דער־ציילן. אָבער דאָס וויכטיקסטע — איך מיטן זון האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט און נאָך

דער מלחמה אויך זיך געטראָפן מיט מיין מאַן און פאָטער פון אונדזער קינד. (זע די דערציילונג פון מישאַ עקהאוס).

נאָך דער מלחמה, האָב איך באַדאַרפט אויפזוכן די גוטע מענטשן וואָס האָבן געהאָלפן אין די שווערע צייטן, זיי באַדאַנקען און באַלוינען — נאָר לאָזט זיך דען באַלוינען פאַר אַזאַ אָפּפערווילקייט ? ערשט אין יאָר 1984, נאָך אַ סך אומאויפהערלעכע באַמיונגען, איז מיט דער הילף פון פוילישן רויטן קרייץ, מיר געלונגען אויפצוזוכן די פרוי וואָלאָשינסקאַ — און אין יאָר 1985 האָט זי פון יד ושם אין ירושלים באַקומען די אויסצייכענונג ווי איינע פון די חסידי אומות העולם.



בראָניע, מישאַ און רישאַרד עקהאוס, מיט זייער קוזינע טילטשע, אין וואַלבזשיך, 1945.
ברוניה, מישה ובנם רישרד אקהאוס ובת־דודה טילצ׳ה, בוולבז׳יך, 1945.
Bronia, Misha with son Richard and Tylcia Eckhaus, cousine.

איבערגעלעבט צוויי וועלט־מלחמות

מעכל (מישאַ) עקהאוס / מעלבורן

1

כ׳בין געבוירן אין יאָר 1915, ווען כמעט גאַנץ אייראָפּע איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט אַ וועלט־שריפה, וועלכע האָט אויך דערגרייכט אונדזער שטעטל אָסטראָווע. איך געדענק אַ פרייטיק פאַרנאַכט, ווען מ׳איז אַנטלאָפן פון שטאָט. אויפן וועג איז מיין פאָטער אַריין אין שטוב פון מענדל קרענצער, אַ שוסטער, און אים געזאָגט, אַז אַלע ייִדן אַנטלויפן, טאָ דאַרף ער אויך פאַרלאָזן דאָס שטעטל. די באָלשעוויקעס ציִען זיך צוריק און די פּאָליאַקן מיט זייערע סאָלדאַטן און באַלאַכאָווצעס קומען אָן. אָבער מענדל האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין וווינונג. מיר לאָזן זיך אין ווייטערדיקן וועג און ערשט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ דערפל יעדלאַנקי, וווּ מ׳האָט גענעכטיקט אין אַ סטאַדאָלע. גאַנץ פרי האָבן אונדז אַרומגערינגלט פּוילישע סאָלדאַטן, נישט צו לאַנג געפאָרשט און דערנאָך פאַרטריבן אין דעם נישט ווייטן וואַלד, וווּ מ׳האָט די מענער אויסגעשטעלט אין אַ ריי. אַ צופאַל, וואָס מיין פאָטער איז געשטאַנען דער ערשטער, ווייל אַ קלאַנג איז געווען, אַז מ׳וועט אַלע אומברענגען. זעלנער זענען געשטאַנען מיט אָנגעלאָדענע ביקסן, נאָר געוואַרט אויף אַ באַפעל. דאָס געוויין און געשרייען פון די מענער, פרויען און קינדער האָב איך קיינמאָל נישט געקענט פאַרגעסן. אין צווישנצייט האָבן זיי רעווידירט יעדן איינעם. ביי איינעם פון די ייִדן, שיִע אָזשיס, האָבן זיי געפונען געלט, אָבער זיך נישט אויסגעקענט אויף די גרינע פּאַפּירלעך. ערשט אַן אָפיציר האָט זיי געזאָגט, אַז דאָס זענען אַמעריקאַנער דאָלאַרן. האָבן־די זעלנער דאָס צוגענומען פאַר זיך. (שיִע אָזשיס איז פאַרן אויסברוך פון קריג צוריק געקומען פון אַמעריקע קיין אָסטראָווע, וווּ ער האָט אָפּגעאַרבעט אַ האַלב לעבן און זיך דערשלאָגן צו אַ ביסל דאָלאַרן — און דאָ האָט מען ביי אים אַלץ צוגענומען. דערנאָך האָט ער געמוזט ווערן אַ בעדער). די זעלנער האָבן נישט דורכגעלאָזט קיינעמען און גענומען אַלץ וואָס מ׳האָט פאַרמאָגט. פּלוצום באַווייזט זיך אַן אָפיציר און באַפעלט אָפּצוטרעטן — און אַזוי זענען מיר ניצול געוואָרן.

זונטיק האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין אָסטראָווע. אַדורכגייענדיק די אישטשימאָווער גאַס, איז מיין פאָטער אַריין אין שטוב פון מענדל קרענצער. דאָס טירל פון קעלער איז געווען אָפן און דער שוסטער איז געלעגן אַ געשטאָכענער אין אַ קאַלוזשע בלוט.

אַ סך יידישע הייזער זענען געווען אָפּגעברענט און אויף אייניקע ערטער האָט נאָך געבושעוועט די שריפה. דער גלח און נאָך אײנוווינערס האָבן געטראָגן וואַסער און געלאָשן דאָס פייער. אויך מיר האָבן געהאָלפן לעשן. אגב, דער זעלבער גלח האָט אויסבאַהאַלטן דעם ייד לייביש באָגער, ווען פּאָליאַקן האָבן אָנגעוויזן די באַלאַכאָווצעס ווו ער באַהאַלט זיך אויס. דער ייד איז געשפּרונגען דורכן פענצטער, ווען זיי האָבן אים אַנטדעקט און איז אַנטלאָפן. די רוצחים האָבן זיך נוקם געווען אין גלח, אים צוגעבונדן צו אַ בוים און געשלאָגן.

איך מיין, אַז דאָס איז מיין ערשטע דערינערונג פון שטעטל און פון דער היים.

מיר זענען געווען אַ גרויסע משפחה פון אַכט קינדער: פיר טעכטער און פיר זין. כ'וועל אַלע אויסרעכענען ביי די נעמען: דבורה־הינדע, מלכה־לאה, שיע־יידל, לעמל, מעכל (איך), גאָלדע, חוועלע און מענדל. מיין פאָטער ע"ה, יאָסל מעכלס, ווי מ'האָט אים גערופן, האָט געשטאַמט פון טשעמערניק. די מאַמע — אסתר מרים, איז געבוירן און געלעבט אין אָסטראָווע. זי איז געווען באַקאַנט ווי ראובן מעכלס טאָכטער, אָדער „די פעלטשערקע", ווייל מ'האָט איר אָפט גערופן צו אַ קראַנק געוואָרענעם יידישן איינוווינער און זי האָט עס געפּסקנט, צי מ'דאַרף באַשטעלן אַ דאָקטער. די עלטערן האָבן געפירט אַ געשעפט ווו מ'האָט פאַרקויפט לעדער, גאַלאַנטעריע און שיך. ביי די פּאָליאַקן האָט די קראָם געהייסן „דאָ טשאַרניך" („צו די שוואַרצע"), ווייל אַהין איז מען געגאַנגען איינקויפן וואָס מ'האָט באַדאַרפט. אַזוי ווי די אייגנטימער פון געשעפט, ווי אַלע קינדער האָבן געהאַט שוואַרצע האָר, איז דערפון געבוירן געוואָרן דער צו־נאָמען פון דער „פירמע"...

אין מיין זכרון האָט זיך איינגעקריצט אַזאַ עפּיזאָד פון חדר: איך האָב געלערנט ביים רבין משה נח, אַ מלמד אַ כעסן. האָט זיך מיר פאַרגלוסט צוצורעדן זיין זון אברהם, מיר זאָלן זיך צוכאַפּן צום טייך און אויסבאָדן. גערעדט און געטאָן. אַזוי ווי דאָס איז געשען אינמיטן לערנען, האָט דער רבי זיך געכאַפּט, ווער פעלט ביים לאַנגן טיש און גלייך פאַרשטאַנען, ווו ער וועט געפינען די צוויי תכשיט'ס. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום ברעג טייך, צוגענומען דאָס אַנטועכץ פון אונדזביידע און אַוועק צוריק אַ היים. אַ נס איז געשען, וואָס די רביצין האָט באַמערקט מיט וואָס דער רבי האָט זיך אומ־געקערט פונעם טייך און זי האָט נאָך אַ שווערער מחלוקת גענומען ביי אים די מלבושים און זיי געברענגט צום טייך, ווו מיר זענען געשטאַנען נאַקעטע, דערשראָקענע און פאַרוויינטע.

דער זיידע פון דער מאַמעס צד, ראובן מעכלס ווינאַגראַד, איז געווען אַ בכבודיקער בעל־הבית אין שטעטל, אַ געבוירענער אין אָסטראָווע. מיר האָבן געהאַט אַ געשעפט

אויפֿן רינעק און געוווינט אויף דער פּאַרטשעווער גאַס. בעת מיינע ברידער האָבן אַלע געלערנט אין חדר, האָבן די שוועסטערן געלערנט אין שול. אונדזער שטוב איז געווען אַ רעליגיעזע, דער טאַטע איז געווען אַ באַוווּסטער גערער חסיד און ביז 14 יאָר האָב איך געטראָגן לאַנגע פּיאות, אַ יידישע היטל און קאַפּאָטקעלע.

2

די לעצטע 2 יאָר פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי די ערשטע יאָרן פֿון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט, זענען געווען זייער שווערע פֿאַר דער יידישער באַפעלקערונג. נישט תמיד איז געווען צו עסן צו דער זעט און די ווין־באַדינגונגען זענען אויך נישט געווען פֿון די בעסטע. מענטשן האָבן געקרענקט. ווען נישט די אַמעריקאַנער הילף פֿון אונדזערע יידן, וואָלט די לאַגע געווען ביז גאָר ביטער. איך געדענק די קעסלען מיט זופּ, וועלכע מ׳האָט אויסגעשטעלט אינמיטן גאַס און דער עולם האָט זיך געשטופּט, כדי צו באַקומען אַ ביסל זופּ, אָדער טרוקענע פּראָדוקטן וועלכע מ׳האָט צוגעטיילט. נאָר מיט דער צייט האָט זיך דאָס נאָרמאַליזירט. סוחרים האָבן צוריק אויפגעמאַכט זייערע געשעפֿטן און געלאָזט אין גאַנג די גאַרבערייען, וואָס זענען ניצול געוואָרן פֿון די מלחמה־גרוילן. פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אָסטראָווע געווען פֿון די אָנגעזעענסטע לעדער־פּראָדוצענטן. מיין זיידע האָט זיך אַ נעם געטאָן איינצוקויפֿן די אויסגעאַרבעטע לעדער און זיי צעפֿירט איבער אַ סך שטעט אין פּוילן, ווי ער האָט געטאָן נאָך פֿאַרן יאָר 1914. שטעטלדיקע שוסטערס, שניידערס, פּעלצנמאַכערס, רימאַ־רעס, הילטמאַכערס און אַנדערע בעלי־מלאכות, האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט און געפֿירט אַ שווערן געראַנגל פֿאַר זייער עקזיסטענץ, ווילנדיק באַשפּייזן די גרויסע פֿאַמיליעס. אָבער נישט יעדן איינעם האָט זיך דאָס איינגעגעבן. זענען טאַקע אַ סך געווען געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל און זיך געלאָזט זוכן פּרנסה אין פּאַרצעווע, לעווערטאָוו, לובלין, וואַרשע, לאָדזש און אויך מעבר לים — אין בראַזיל, צפֿון־אַמע־ריקע, אַרגענטינע, צי אין אַזעלכע אייראָפּעישע לענדער, ווי פֿראַנקרייך און בעלגיע. פֿאַרשטייט זיך, אַז צוליב דער אויסוואַנדערונג, איז אָסטראָווע געוואָרן איינגעשרומפּן.

באַזאַמען מיטן עול פֿון פּרנסה, האָט די יוגנט גענומען אויף זיך נאָך אַן עול, אפֿשר אַ גרעסערן — ווי אַזוי אויסבעסערן די וועלט, און במילא — די לאַגע פֿון יידישן פֿאָלק און פֿון אחינו בני ישראל אין שטעטל. פֿאַרשידענע פּאַרטייען, אָרגאַני־זאַציעס און גרופּן האָבן זיך באַוויזן אויף דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרענע: ציוניסטן פֿון אַלע שאַטירונגען, בונדיסטן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר די גרעסטע פּאַרטיי־דיקערס פֿון אַרבעטער־קלאַס; קאָמוניסטן, ווען ס׳האָט באַגייסטערט די אָקטאָבער־

רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אויך רעליגיעזע פּאַרטייען האָבן אָנגעהויבן פירן אַ טעטיקייט. דער געשאַפענער קולטור־פאַריין האָט אַרומגענומען דעם רוב יידישע יוגנט פון שטעטל. מיר האָבן אויך געהאַט אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, ווו אַרבעטער זענען זיך צונויפגעקומען און באַהאַנדלט זייערע פּראָבלעמען פון לוין, אָפּרו, דערגרייכונגען און אַרבעטס־ערטער. פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָליציי האָט געהאַלטן אַן אויג אויף די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אָפט אַדורכגעפירט רעוויזיעס אין לאָקאַל פון פאַריין, צי אין קולטור־קלוב. אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן די יוגנט פון אירע אידעאַלן און קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן.

3

אַ יאָר־צוויי נאָך מיין בר־מצווה, האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו ווערן זעלבשטענדיק, נישט זיין מער אָפּהענגיק פון דער היים. צו פיל אומרעכט האָב איך באַגעגנט אויף שריט און טריט. אַמיינסטן האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער ריזיקער אונטערשייד צווישן אָרעם און רייך. הגם איך האָב זיך פאַרעכנט ווי אַ קינד פון אַן אַזוי גערופענער בעסערער היים, ווייל די דאגות פרנסה זענען נישט געווען אַזוי גרויס, בין איך אַוועק זיך לערנען אַ פאַך ביי יאַנקל סטאָלער. אַז מען הייבט אָן אַרבעטן, איז דער בליק אויפן לעבן גאָר אַן אַנדערער. דעמאָלט ווילט זיך שוין אויך געהערן צו אַ קאָלעקטיוו, זיין אין אַ געזעלשאַפט. איך טרעט אַריין אין בית״ר, די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון די רעוויזיאָניסטן, מיט וועלכער ס׳האָבן דעמאָלט אָנגעפירט וואָרצמאַן און לייבל שאַפּראַן. אָבער מיין אָנגעהעריקייט צו דער אָרגאַניזאַציע האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אונטער דער השפעה פון משה ליבהאַבער און אסתרקע אַבאַרבאַנעל, שליס איך זיך אָן אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. אַזוי ווי די אַרבעט־באַדינגונגען, ספּעציעל פאַר יידישע יוגנטלעכע, זענען געווען זייער שווערע, איז גאַנץ לייכט אָנגעקומען זיי איבערצייגן, אַז מען דאַרף אָנהייבן קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן. געאַרבעט האָט מען פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג, אָן באַשטימטע שעהען, אַ יוגנטלעכער איז מערער געווען באַשעפטיקט ביי די שטוב־אַרבעטן, ווי: אויפרוימען, וואַשן און וויגן דאָס קינד, ווי ביים לערנען דאָס פאַך. אויף דעם באָדן זענען אָפט פאָרגעקומען קאָנפליקטן און שטרייקן מיט די אונטערנעמערס. די חברים פון אונדזער „קעמערל״ האָבן זיך באַמיט אַריינצודרינגען אינעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, אין דער ביבליאָטעק און אין קולטור־פאַריין, כדי פון אינעווייניק משפיע זיין אין קאָמוניסטישן גייסט.

געווען אין שטעטל אייניקע אונטערגעהעצטע יונגעלייט, וועלכע מ׳האָט גערופן „די שטאַרקע״. זיי האָבן אַרויסגעוויזן קעגנערשאַפט, אַפילו שנאה, צו די לינקע חברים,

וועלכע מ׳איז נישט איינמאָל באַפאַלן און געשלאָגן ביז בלוט. אַ סך האָבן דערנאָך געמוזט ליגן אין בעט, אונטער דער מעדיצינישער אויפזיכט פון ד״ר לאַסט.

צו מיינע 18 יאָר ווער איך אַרעסטירט. דאָס איז געשען אַ דאַנערשטיק ביינאַכט. איך זיץ אין שטוב און לייען פאַרבאָטענע ליטעראַטור — אויפרופן, בראָשורן און אַ בוך, וועלכע איז אָנגעקומען פון ראַיאָן־קאָמיטעט אין פאַרצעווע, ווי אין טיר באַווייזט זיך אַ מונדירטער פּאָליציאַנט. ער פירט אַדורך אַ שטרענגע רעוויזיע אין שטוב און נעמט מיך אַוועק אין דער פאַרצעווער פּאָליציי. דאָס איז געשען אין חודש דעצעמבער 1932. אויף דער אויספאָרשונג האָט מען מיך שטאַרק געפּייניקט, געגאָסן וואַסער אין דער נאָז און דערביי פאַרבונדן דאָס מויל, ביז כ׳האָב פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. נאָך אַ וואָך פון סאַדיסטיש פאָרשן, שיקט מען מיך איבער צו נאָך אַן אויספאָרשונג אין לובלין. אין מאַי 1933 האָט דאָס לובלינער קרייז־געריכט מיך פאַרמשפּט אויף 4 יאָר תפיסה. אויך דאָס אַפּעלאַציע־געריכט האָט באַשטעטיקט דעם אורטייל. אַזוי ווי אין יאָר 1936 האָט די פּוילישע רעגירונג באַשלאָסן וועגן אַן אַמנעסטיע, איז מיר אויסגעקומען צו זיצן אין תפיסה נאָר 3 יאָר.

אין תפיסה איז מיר אויסגעקומען צו זיצן מיט פאַרשידענע ייִדן און פּאָליאַקן פון שטעט און שטעטלעך. איך האָב זיך באַזונדערס באַפריינדעט מיט פּיוול פּרוכטנצווייג פון אָפּאָלע. אַפילו מיט אים שפּעטער קאָרעספּאָנדירט, ווען ר׳האָט געוווינט אין אַר־גענטינע. אין תפיסה־קאָמער האָב איך זיך אויך באַקענט מיטן שפּעטערדיקן גענעראַל וויטאָלד (פראַנטשישעק יוזשוויאַק), יאָשע יונגמאַן, לייבל זילבערשטיין — פאַרהאַר־טעוועטע קאָמוניסטן, מיט וועמען מ׳האָט געפירט אַ הונגער־שטרייק אַלס פּראָטעסט פאַר די שלעכטע באַדינגונגען. מיט מיר איז אויך געווען דער אָסטראָווער יאַנקל דומאַן.

אגב, מיין אַרעסט איז געווען דער ערשטער אין אָסטראָווע, פון אַ ייִדישן בחור, באַשולדיקט אין קאָמוניזם. די געשעעניש האָט אויפגערודערט דאָס שטעטל. נאָך דער באַפרייונג האָב איך געפילט, אַז די פּאָליציי האַלט אויף מיר איר וואַכזאַם אויג און אַז דאָס שטעטל איז איצט צו קליין פאַר מיר. איך פאָר אַריבער קיין וואַרשע. נאָכן אָפּזיין אַ יאָר אין דער הויפּטשטאָט פון פּוילן און נישט געפונענדיק דאָרט קיין אַרבעט, קום איך צוריק קיין אָסטראָווע. די פּאָליצייאישע רדיפות הערן נישט אויף, נאָר איך פאַרנעם זיך ווייטער מיט אָרגאַניזירן און אויפקלערן דער יוגנט.

אין יאָר 1937 מוז איך ווידער פאַרלאָזן אָסטראָווע, נאָר קום צוריק אין שטעטל, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

4

פרייטיק גאַנץ פרי, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, זענען די דייטשן באַפאַלן פּוילן. נאָך אַ שוואַכן ווידערשטאַנד פון דער פּוילישער אַרמיי, האָבן די דייטשן און די סאָוויעטן זיך צעטיילט מיט באַזיגטן לאַנד און באַשטימט דעם טייך בוג, ווי די גרענעץ צווישן דעם דריטן רייך און דעם ראַטן־פאַרבאַנד. מיט אַמאָל האָב איך און מיין משפחה זיך געפונען אין דער אָקופּירטער אָסטראָווע. פאַר מיר איז געווען געפערלעך צו בלייבן אין שטעטל, ווייל כ׳בין דאָ געווען באַקאַנט מיט מיינע סאָציאַליסטישע אַנשויונגען. די יונגע אין דער משפחה דעצידירן זיך אַריבערצוקלויבן אויף יענער זייט בוג, צו די סאָוויעטן.

אַ געוויסן טאָג אין סעפּטעמבער, האָב איך זיך געזעגנט מיט טאַטע־מאַמע און שוועסטערן. אַלע איז באַפאַלן אַ טרויער, אָבער קיינער האָט נישט געטראַכט אַז מיר שיידן זיך אויף שטענדיק. מיט מיר איז אויך אַוועק מיין צוקונפטיקע פרוי, בראָניע וואַסערמאַן פון לובלין. איך געדענק, ווי די עלטערן האָבן אונדז באַגלייט אַ שטיק וועג און ווי שווער ס׳איז אָנגעקומען דאָס געזעגענען זיך. אַלע האָבן יאָמערלעך געוויינט. בראָניעס פאָטער האָט אונדז געגעבן דעם אַדרעס פון זיינעם אַ פריינד אין דער שטאָט פינסק.

די שאָסייען און וועגן זענען געווען פאַרפולט מיט פליטים — דער רוב צופוס, אַ קליינער טייל אויף וועגענער און ראָווערן. מיר האָבן נאָך עטלעכע טעג נע־ונד זיך דערשלאָגן אין דער שטאָט קאָוועל — אַ גרויסער באַן־קנופּ, מיט אַ באַפעלקערונג פון עטלעכע דרייסיק טויזנט איינוווינערס — פּאָליאַקן, אוקראַאינער, יידן (אַ 18 טויזנט), וואָס זענען דאָרט געווען איינגעאָרדנט. אין קאָוועל האָט מען אונדז דערלויבט צו זיין אינעם הויז פון געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע פון פּוילן, ווו מיר האָבן געטראָפן אַ סך חברים און חברטעס פון דער באַוועגונג און פון די תפיסות. אָבער מיר האָבן געליטן נויט, ווייל ווען מ׳איז אַוועק פון אָסטראָווע, האָט מען כמעט גאָרנישט מיט זיך מיטגענומען, דער עיקר — קיין וואַרעם אָנטועכץ. און דאָ רוקט זיך אָן דער ווינטער. קיין געלט צו קויפן האָב איך אויך נישט געהאַט. דער אויסוועג איז געווען — צוריק־גיין אַ היים. אין דעצעמבער לאָז איך זיך נאָך אָסטראָווע, איך פאָר מיט דער באַן קיין בריסק. אַריבערקומענדיק אויפן וואָקזאַל, טרעף איך אַ שטעטישן, דער טויבער שאַיע (אברהם רימערס זון). ער דערציילט מיר זיינע איבערלעבענישן אין רוסלאַנד. ער האָט נישט געקאָנט געפינען קיין אַרבעט ביי זיין פאַך (רימער), האָט ער באַשלאָסן צוריק צו פאָרן קיין אָסטראָווע. איך האָב אויך געטראָפן יאַנקל שאַכנעס וואַסערשטראָם פון אָסטראָווע. ער האָט איבערגעלאָזט אין מערב־אוקראַינע זיין פרוי און צוויי שיינע

מידעלעך, וועלכע איך האָב זייער גוט געקענט. מיר האָבן געדונגען אַ ספּעציעלן מענטש, וועלכער האָט אונדז בייַנאַכט צוגעפירט צום בוג און מיר זענען מיט גרויס שרעק אַריבערגעגאַנגען דעם נאָר וואָס פאַרפרוירענעם טייך. מיט מי און מאַטערניש, בין איך צופוס אָנגעקומען קיין אָסטראָווע. די שטאָט האָט אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש, ווי איך האָב זי פאַרלאָזט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. אַלע געשעפטן זענען געווען ליידיק. טירן, פענצטער און צעהאַקט גלאָז זענען געלעגן אויף די גאַסן. מיט צוויי טעג פאַר מיין קומען, האָבן די אָרטיקע פּאָליאַקן זיך געלאָזט צו די יידישע געשעפטן, מיט דרענגער און העק, אויפגעריסן די שלעסער און ראַבירט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. מיינע עלטערן האָבן מיר דערציילט, אַז זיי האָבן נאָך אין זייער לעבן נישט געזען אַזאַ ווילדקייט. אַלע יידן זענען אַרויס פון שטאָט, כדי צו בלייבן לעבן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז כ'האָב געמאַכט אַ גרויסן פעלער, וואָס כ'האָב נישט געהערט מיין בראָניען. זי האָט מיך כסדר אָפּגערעדט פון אַזאַ רייזע.

די פּאָר טעג וואָס איך בין געווען אין אָסטראָווע, בין איך שוין בייטאָג נישט געגאַנגען אין ערגעץ, אויס פחד, אַז ווער פון די פּאָליאַקן זאָל נישט צוטראָגן צו די דייטשן, אַז דער געוועזענער סאָציאַליסט איז דאָ אין שטאָט. מיינע עלטערן האָבן זיך באַמיט צו דערליידיקן פאַר מיר די נייטיקע זאַכן, איך זאָל קאָנען וואָס שנעלער פאַרלאָזן אָסטראָווע. אַ געוויסן שבת פרי, ברענגען די דייטשן קיין אָסטראָווע אַן עשאַלאָן מיט יידן פון פּויזן. דאָס האַרץ האָט געקאָנט פּלאַצן פון זייערע דערציילונגען, וואָס די מענטשן זענען דורכגעגאַנגען אויפן וועג ביז אָסטראָווע. צו אונדזער שטאָט איז קיין צוג נישט צוגעגאַנגען. האָט מען די פּויזנער יידן געפירט 10 קילאָמעטער צופוס. דער וועג — אַ שווערער, אַ זאַמדיקער. דער וואָס האָט נישט געקאָנט גיין, האָבן די דייטשן געשאָסן און די וואָס האָבן שוין דערלעבט צו זען דאָס שטעטל פאַר די אויגן, זענען געווען דערשלאָגן, פאַרמאַטערט, נישט וויסנדיק וואָס עס קומט פאָר. מיטן אַרייַנקומען פון דער געסטאַפּאָ, האָבן זיי מיט דער הילף פון אַ פּאָר פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיי אָנגעוויזן אויף די מער פאַרמעגלעכע יידן, גענומען ביי זיי קאָנטריבוציע — געלט, צירונג און אַנדערע ווערטזאַכן.

דאָ איז מען געקומען נעמען מיין פאָטער אַלס ערובניק, נאָר אַזוי ווי ער איז נישט געווען אין שטוב, האָט מען מיך גענומען. זיצנדיק אויף דער באַנק אין קאָרידאָר פון מאַגיסטראַט, הער איך די געשרייען פון די מענטשן, וועלכע די געסטאַפּאָ האַלט אינעווייניק. פּלוצלונג זע איך, ווי מיין פאָטער קומט אַריין און גייט גלייך צו צו איינעם פון די דייטשע היטערס און זאָגט, אַז ער איז מיין טאַטע און וויל מיך אויסטוישן. דער דייטש איז באַשטאַנען, און אַזוי בין איך ניצול געוואָרן פון אומקום.

5

געפילט, אַז איך קאָן אין אָסטראָווע מער נישט בלייבן, האָב איך זיך צוגעגרייט בײַנאַכט צו אַנטלויפן. מײַן ייִנגסטע שוועסטערל חוהלע האָט מיך געבעטן כ׳זאָל זי מיטנעמען. אָבער מײַנע עטלערן האָבן נישט געוואָלט אויף דעם אײַנגיין. איך האָב איבערגעלאָזט אין אָסטראָווע מײַנע עלטערן, פיר שוועסטער און צוויי ברידער. מײַן טײַערע, האַרציקע מאַמע האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן, פילנדיק אַז זי זעט מיך דאָס לעצטע מאָל — און אַזוי איז טאַקע געווען. (אַן אָסטראָווער וואָס האָט איבערגעלעבט אין מײַדאַנעק, האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געזען מײַנע צוויי ברידער אין לאַגער. בײדע האָבן געהאַט פיבער. שיע־ייִדלען האָט ער אַליין פאַרברענט אין אויוון, ווו ער האָט געאַרבעט. וועגן דעם ייִנגערן ברודער, מענדל, ווייסט ער נישט ווו ער איז אַהינגעקומען, ווי אויך וועגן מײַנע שוועסטער און עלטערן).

אָנהייב 1940, איז מיר געלונגען זיך אומצוקערן קיין קאָוועל, נאָכן איבערלעבן אַ סך שרעק און צרות. ווי איבעראַשט איז געוואָרן בראָניע און איך, ווען אין די לעצטע טעג, זענען אויך געקומען קיין קאָוועל מײַן שוועגערין שיינטשע מיט איר מאַן געצל. צופעליק איז זיי געלונגען צו באַקומען אַ מ׳שטיינסגעזאָגטע וווינונג בײַ אַ פּוילישן באַן־אַרבעטער, אָבער גאַנץ שנעל געמוזט פון דאָרט זיך איבערקלויבן אין אַן אַלטן, הילצערנעם באַראַק, נישט ווייט פון דער קאָלעיאָווע גאַס, אָן די עלעמענטאַרסטע אײַנריכטונגען פון אַ נאָרמאַלער דירה. צום באַדויערן, האָבן די ייִדן פון קאָוועל נישט אַרויסגעוויזן צו פיל פאַרשטענדעניש און מיטלייד פאַר די פּליטים, די א. ג. בעזשענצעס, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די אָקופּירטע געביטן אין פּוילן. שפּעטער, אַז די דײַטשישע אַרמיי איז אויך אַרײַן קיין קאָוועל, זענען ווייניק ייִדן פון דאָרט אַנטלאָפן. זיי, פּונקט ווי מיר, האָבן געטיילט דעם ביטערן גורל.

איך און בראָניע, מײַן צוקונפטיקע פרוי, האָבן זיך אויפגעהאַלטן אינעם הויז פאַר געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע, אָבער נישט געהאַט קיין שום באַשעפטיקונג. מיט דער הילף פון באַקאַנטע, האָבן מיר געבעטן אַרבעט. אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז, אַ גרופּע פון 12 פּערזאָן, אַוועקגעשיקט אינעם פּאָלוואַרק „זאַקאָזשעל" אויף פּאָלעשיע. מיר האָבן דאָרט געטראָפן אַ פאַרלאָזט הויז און אַ פאַרנאַכלעסיקטע ווירטשאַפט. וואַרשײַנלעך, האָט מען די פּוילישע אייגנטימערס אַרעסטירט און די דינערשאַפט איז זיך צעלאָפן. אָבער דאָרט איז נישט געווען פאַר אונדז קיין אַרבעט. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ וויסטעניש, נישט געווען צו וועמען זיך צו ווענדן. נאָך אַ געוויסער צײַט, באַשליסן מיר צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, הגם מ׳האָט געהאַט צו עסן. אָבער די קעלט און פראָסט האָבן זיך אײַנגעגעסן אין די ביינער. ס׳איז דאָך געווען אין חודש יאַנואַר 1940.

נאָכן אומקערן זיך קיין קאָוועל, זענען מיר אַוועק וווינען אינעם באַראַק מיט מײַנע שוועגערינס. ס'איז טאַקע געווען אומבאַקוועם פאַר אַלעמען, נאָר קיין אַנדערע ברירה איז נישט געווען. נאָך גרויסע באַמיונגען, האָט בראָניע באַקומען אַרבעט אויף דער באַן־סטאַציע. איר אויפגאַבע איז געווען צו פאַרשרייבן אויף פאָרמולאַרן די דאַטע, שעה, נומער פון וואַגאָן, זײַן מאָדעל און צי ר'איז ליידיק אָדער אָנגעלאָדנט. אויך איך האָב באַקומען אַרבעט און די משפחה האָט טאַקע דורכגעמאַכט אַ שווערן ווינטער, נאָר מ'איז פאָרט געווען צוזאַמען און אַלץ געהאָפט און געגלויבט, אַז דער פרילינג און זומער וועט נישט נאָר ברענגען וואַרעמקייט, נאָר אויך אַ בעסער לעבן.

6

אין חודש יוני 1940, אַ געוויסן טאָג, הערן מיר ווי עס רודערט זיך אין קאָוועל, און גאַנץ באַזונדערס — צווישן די בעזשענצעס (פּליטים). עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די אַלע וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט צוריק צו פאָרן קיין פּוילן, צו די איבערגעבליבענע פאַמיליעס — האָט מען אַרויסגענומען פון די שטובן, אַוועקגעפירט אויף דער באַן־סטאַציע, אײַנגעזעצט אין עשאַלאָנען און מ'וועט זיי גאָר פירן אין טיף רוסלאַנד, אַנשטאָט אין דער אָקופּירטער פּוילן. ס'איז זיך פאָרצושטעלן די מהומה און שרעק וואָס האָבן אַלעמען אַרומגעכאַפּט. צווישן די פאַרהאַלטענע דורך דער סאָוועטישער פּאָליציי, זענען אויך געווען: מײַן ברודער, צוויי שוועגערינס און שוואָגער. איך האָב זיך דעמאָלט געפונען אין לעמבערג. ווי נאָר כ'בין צוריק געקומען קיין קאָוועל, האָבן מיר נאָך באַוויזן מיטצוגעבן דער משפחה אַ ביסל שפּייז און אָנטועכץ. נאָר ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז דווקא זיי, די פאַרשיקטע און אָפּגעגאַרטע מיט דער רע־גיסטראַציע, האָבן מערער שאַנסן צו בלײַבן לעבן ווי מיר, די פאַרבליבענע אין מערב אוקראַינע? אַ גליק, וואָס די וואַגאָנען מיט די אַרעסטירטע מענטשן זענען געשטאַנען אויף דער סטאַציע עטלעכע טעג, האָבן מיר נאָך באַוויזן מיט זיי צו געזעגענען זיך און, ווי געזאָגט, אויך עפּעס מיטגעבן.

בראָניע און איך באַשליסן אָפיציעל צו הייראַטן. די צערעמאָניע איז געווען אַ באַשיידענע און קורצע, אין דער אָנוועזנהייט פון עטלעכע נאָענטע פרײַנד. מיר נעמען אָן די סאָוועטישע בירגערשאַפט, פאַרלאָזן דעם באַראַק און אָרדענען זיך אײַן אין אַ קליינעם צימער מיט אַ טיש, שענקל, בעטל, צוויי שטולן און בשותפותדיקער קיך. דער אייגנטימער פון באַראַק האָט אונדז שפּעטער אָנגעקלאָגט אין געריכט, ווײַל די אַרויסגעשיקטע משפחה איז אים שולדיק געבליבן דירה־געלט. האָבן מיר פון אונדזערע באַשיידענע פאַרדינסטן געמוזט אָפּצאָלן דעם חוב. איך האָב געאַרבעט אין אַ סטאָלערײַ־

פאַבריק. אויך בראַניע האָט געאַרבעט. אונדזערע עלטערן האָבן זיך געפונען אויף יענער זייט בוג, נאָר אַזוי ווי ס׳איז נאָך געווען מעגלעך אַ בריוו־אויסטויש, האָבן מיר אָנגעהאַלטן אַ ברייוולעכן קאָנטאַקט, הגם אַ שוואַכער. דערפאַר האָבן מיר באַקומען בריוו פון ווייטן, קאַלטן סיביר, ווו ס׳זענען פאַרשיקט געוואָרן מיינע שוועגערינס און ברודער. פון די בריוו האָט זיך געטראָגן פאַרצווייפלונג, טרויער און פאַרביטערונג צוליב הונגער, נויט, פראָסט, שווערע אַרבעט. מיר האָבן געטרוקנט ברויט אויף סוכאַרן, איינגעקויפט צוקער, רייז און אַנדערע פּראָדוקטן און אַלע 2 וואָכן געשיקט אַהין שפּייז־פּעקלעך. מיר האָבן זיך געטיילט מיט זיי מיט וואָס נאָר מיר האָבן געהאַט און באַקומען פון דאָרט רירנדיקע דאַנק־בריוו.

אין אָקטאָבער 1940 האָט מיין פרוי פאַרשוואַנגערט און איז איבערגעפירט געוואָרן אויף אַ לייכטערער אַרבעט — אין דער בוכהאַלטעריע פון דער באַן־סטאַציע. דאָרט האָט זי באַקענט אַ סך פּוילישע אַרבעטער, אגב זייער גוטע מענטשן. דאָרט האָט אויך געאַרבעט אַ יידישע פרוי באַשע, מיט וועמען מיר האָבן זיך באַפריינדעט.

אין יענער תקופה איז די מיליטערישע און פּאָליטישע סיטואַציע נישט געווען אַזאַ פריילעכע. מיר האָבן געלייענט און געהערט וועגן דייטשלאַנדס מיליטערישע דערפאָלגן אין מערב־אייראָפּע, אָבער נאָך אַלץ געגלויבט אין נסים. מיר זענען דאָך געווען יונג און אַפילו ענטוזיאַסטיש. סוף מערץ 1941, בין איך גערופן געוואָרן צו מיליטערישע איבונגען אויף עטלעכע חדשים. בעצם, האָט מיין פרוי זיך געקענט באַמיִען מ׳זאָל מיך באַפרייען, זי איז דאָך געווען „אין די הויכע מאָנאַטן״, נאָר אונדזער וועלט־אַנשויונג האָט אַפילו נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק וועגן נישט דינען אין מיליטער. אונדזער חוב איז דאָך געווען — קעמפן קעגן היטלער־דייטשלאַנד.

די צעשיידונג מיט בראַניען איז געווען זייער אַ טרויעריקע. איך האָב זיך געשעמט צו וויינען, נאָר זי האָט מיך געטרייסט, אַז כ׳וועל זיך שוין אַן עצה געבן. איך בין אָפּגעפירט געוואָרן אינעם „זאַפּאַסנאָי״ (רעזערוו) פּאָלק הינטער קאָלאָמיי, ווו מ׳האָט געבויט אַן עראָדראָם.

7

זונטיק, דעם 22סטן יוני 1941, האָבן שטאַרקע באָמבאַרדירונגען אונדז אויפגעוועקט פון שלאָף. באַלד זענען געפאַלן טויטע און פאַרוואונדעטע. מיט עטלעכע שעה שפּעטער, נאָך די אָפיציעלע סאָוועטישע ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן, האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז ביידע לענדער געפינען זיך אין קריגס־צושטאַנד. אונדזער מיליטערישע איינהייט באַקומט אַ באַפעל זיך צו עוואַקויִרן. קיין טראַנספּאָרט־מיטלען האָבן מיר נישט. מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין צופוס. די בריק אויפן טייך דאַניעץ איז שוין צעשטערט פון אַ לופט־

אטאַקע און מיר פאַרסירן דעם טייך. נאָר אַ סך זענען דערטרונקען געוואָרן אין די טיפערע ערטער, ווייל זיי האָבן נישט געקענט שווימען.

דער עוואַקואַציע־מאַרש איז בעצם געווען אַ בהלהדיק אַנטלויפן. מ'איז געגאַנגען בייטאָג און ביינאַכט און נאָך עטלעכע טעג פון אַ שווערן, פייַנפולן וועג, האָבן מיר זיך דערשלאָגן קיין קיִעוו, די הויפּטשטאָט פון אוקראַינע. דאָרט באַקומען מיר אַ באַפעל צו וואַנדערן ווייטער — ביז ראַסטאָוו, וווּ מען פאַרמירט פונדאַסניי מיליטערישע אייַנ־הייטן. נאָר אויפן וועג זענען געווען אַ סך פאַלן פון דעזערציע. אַז מ'האָט געכאַפּט אַזאַ אַנטלאָפענעם, איז ער גלייך דערשאָסן געוואָרן. די אַנטוויקלונגען אויפן פראָנט זענען געווען לטובת די דייטשן. זיי זענען געגאַנגען פאָרויס און מיר האָבן זיך כסדר צוריק געצויגן. מיין איינהייט האָט באַלאַנגט צום 3טן אוקראַינישן פראָנט און מיט דער אַרמיי בין איך צוגעקומען ביז סטאַלינגראַד.

די העלדישע סטאַלינגראַד־עפּאָפּייע איז שוין גענוג געוואָרן באַשריבן, באַזינגען, פילמירט און אַנאַליזירט פון אַלע שטאַנדפּונקטן. נאָר ווי איינער פון די וואָס האָט זיך באַטייליקט אין יענע שלאַכטן, איז מיר נאָך היינט שווער צו באַגרייפן דעם פאַרנעם און באַטייט פון די העראָיִש־טראַגישע טעג, ווען די קאַמפן זענען געפירט געוואָרן פאַר יעדער גאַס, הויז, וווינונג. איך בין אין איינער פון די שלאַכטן פאַרוווּנדעט גע־וואָרן און געלעגן אין שפּיטאָל עטלעכע וואָכן. דאָרט האָב איך אויך באַקומען דעם מעדאַל, ווי אַ באַטייליקטער אין די קאַמפן פאַר סטאַלינגראַד.

נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל, ווער איך ווידער צוגעטיילט צו אַ רעזערוו־פּאָלק, מיט וועלכן איך וועל בקרוב געשיקט ווערן אויפן פראָנט. מיר איז אָבער געוואָרן באַ־וווּסט, אַז אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט זיך פאַרמירט אַ פּוילישע אַרמיי, בראש מיטן גענעראַל בערלינג און אַז ס'איז פאַראַן אַ פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן, מיט וועלכן עס פירט אָן די שרייבערין וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ. איך פאַרשטיי, אַז אויב כ'וועל צוריק איינגעגלידערט אין דער רויטער אַרמיי, וועלן מיינע שאַנסן זיך אומצוקערן קיין פּוילן און זען זיך מיט מיין פרוי און קינד — כמעט האָפענונגסלאָז. דאַקעגן מיין אַריינטריט אין דער פּוילישער אַרמיי, גיט אַ האָפענונג זיך אומצוקערן אין דער אַלטער היים און צו די נאָענטסטע און טייערסטע מענטשן. אין דעם גייסט שיק איך אַ גע־העריקע בקשה צו די באַרופענע אינסטאַנצן. נאָר אַנשטאָט אַ פּאָזיטיוון ענטפער, נעמט מען מיך אָוועק אין מאַי 1944, פונעם זאַפּאַסנאָי פּאָלק און מ'פאַרשיקט מיך אויפן ווייטן צפון, אין קאָמי א. ס. ס. ר., צוזאַמען מיט פאַרברעכער, דעזערטירן און באַשול־דיקטע אין פּאָליטישע חטאים.

ווי נאָר איך באַקום אַ דערלויבעניש, שרייב איך אַ בריוו צום סאַמעראַדנע מאַרשאַל

סטאַלין און ברענג אַרויס מיין באַגער צו דינען אין דער פּוילישער אַרמיי, וואָס שלאָגט זיך איצט אויף דער פּוילישער ערד קעגן דער היטלעריסטישער בעסטיע. ווי גרויס איז געווען מיין שטוינונג און איבעראַשונג, ווען איך ווער באַפרייט און אָפּגעשיקט קיין לובלין, ווו כ׳וועל קענען זיך אַנשליסן אין דער פּוילישער אַרמיי. מיין פרייד און גליק איז נישט געווען צום באַשרייבן. אויפן וועג קיין לובלין, באַשליס איך אָפּצוטרעטן אין קאָוועל, כדי זיך דערוויסן וואָס האָט פּאַסירט מיט מיין פרוי.

די שטאָט איז אין פיל ערטער צעשטערט. די מלחמה־פּאַלגן זעען זיך אָן אויף טריט און שריט. דאָ דערוויס איך זיך פונעם גרויל און שוידער, וועלכן ס׳האָבן אַדורכ־געמאַכט די יידן אין שטאָט. איך דערנענטער זיך צו דער קאָלעיאָווע גאַס, ווו כ׳האָב איבערגעלאָזט די שוואַנגערע בראַניע. מיר קומט אַנטקעגן אַן אוקראַינישע פרוי, וואָס האָט מיך דערקענט און זי דערציילט מיר, אַז מיט אַ צייט צוריק איז זי געפאָרן קיין ראַזשישטש איינקויפן אַ ציג און אין יענעם שטעטל געטראָפן בראַניען מיט אַ יינגעלע פון דריי און אַ האַלב יאָר...

מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי די דאָזיקע נייעס האָט אויף מיר געווירקט. נאָר איך בין דאָך אין מונדיר פון אַ רויטאַרמייער און אין מיינע פּאַפּירן איז געשריבן, אַז איך פאָר קיין לובלין צו מאָביליזירן זיך אין דער פּוילישער אַרמיי. אָבער ווי אַזוי נישט צופאָרן קיין ראַזשישטש, צו זען זיך מיט מיינע סאַמע נאָענטסטע מענטשן? נישט לאַנג געטראַכט, לאָז איך זיך מיטן באַן קיין ראַזשישטש און טרעף דאָרט אויף דער סטאַציע אַ יינגל וואָס ווייסט ווו בראַניע וווינט. ער פירט מיך אַהין — און נאָך די יאָרן פון צעשיידונג, בענקשאַפט, טרוימען, האָפענונג און פאַרצווייפלונג, האָבן מיר ביידע זוכה געווען צו דעם געגאַרטן מאָמענט פון צונויפטרעפן זיך, אַרומנעמען זיך און וויינען־לאַכן פון גרויס איבערלעבונג און גערירטקייט. און צו דעם צו — אַ קינד, אייגן בלוט און פלייש, וואָס האָט צוזאַמען מיט דער מאַמען אַדורכגעמאַכט דעם היטלעריסטישן גיהנום.

פון גרויס איבערגענומענקייט, איז בראַניע קראַנק געוואָרן און געמוזט ליגן אין שפּיטאָל. בין איך געבליבן אין ראַזשישטש מיט איר און דעם זון פון אַ 6 חדשים. נאָכן אָפּליגן אין שפּיטאָל 7 וואָכן, האָבן, מיר פאַרלאָזט דאָס שטעטל און איבערגעפאָרן קיין לאָדזש. פון דאָרט בין איך אַריינגעפאָרן קיין אָסטראָווע, נאָר אויסער חורבן און אונטערגאַנג פונעם יידישן לעבן, האָב איך דאָרט גאָרנישט געטראָפן. ווי אין אַלע שטעטלעך אין פּוילן, זענען די יידן געוואָרן אויסגעמאָרדעט.

דעם 19טן מאַי 1942 האָט מען אַרויסגעשיקט 3062 יידן פון אָסטראָווע, מען האָט איבערגעלאָזט די שטאַרקערע, וועלכע האָבן נאָך געקאָנט אַרבעטן. פרויען, קינדער

און עלטערע זענען געווען די ערשטע צום טראַנספּאָרט. ביזן הײַנטיקן טאָג ווייס איך נישט, ווו זיי זענען אומגעקומען — צי איבערגעזידלט אין די לאַגערן, אָדער געוואָרן אויסגעשאָסן נישט ווייט פֿון שטאָט אין די גריבער, ווו מען פֿלעגט אַרויסנעמען זאַמד.

אָסטראָווע איז געווען אַ צענטער פֿון אַ סך ייִדן, וועלכע מ'האָט דעפּאָרטירט פֿון שלעזיע, דערנאָך פֿון סלאָוואַקיע און אויך פֿון לובאַרטאָוו.

פֿון לאָדזש זענען מיר דערנאָך אַריבערגעפֿאָרן קיין וואַלבזשיך און געלעבט אין דער שטאָט ביזן יאָר 1947.

מיט דעם האָט אונדזער וואַנדער־וועג זיך נישט געענדיקט. מיר פֿאָרן קיין עסטרײַך און אָרדענען זיך צײַטווײַליק אײַן אינעם די. פּי. לאַגער ראָזענהײַם, דײַטשלאַנד. ערשט אין 1951 פֿאַרלאָזן מיר די פֿאַרשאָלטענע דײַטשישע ערד און איך, בראָניע און אונדזער 10יאָריקער זון, עמיגרירן קיין אויסטראַליע, ווו מיר וווינען ביזן הײַנטיקן טאָג.

פּאַרטיזאַנער דערציילן וועגן איבערפאַלן אויף אָסטראָווע

אלישע שאַפּירא

אויף דער ווענדונג פון דער רעדאַקציע פון אָסטראָווער יזכור־בוך, האָב איך זיך געטראָפן מיטן באַרימטן אָנפירער פון דער יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, יחיאל גרינשפּאַן (קאַפּיטאַן דאָמבראָווסקי) און מיט נאָך אַ קעמפער פון זיין אָטריאַד. פון ביידע האָב איך אַרויסבאַקומען קורצע דערציילונגען וועגן די אַטאַקעס, וועלכע זיי האָבן אַדורכגעפירט קעגן די דייטשן, וואָס האָבן סטאַציאָנירט אין אָסטראָווע.

יחיאל גרינשפּאַן שטאַמט פון נאָענטן שטעטל סאָסנאָוויץ, אויפן וועג קיין וולאָדאָווע, 14 קילאָמעטער פון אָסטראָווע. און די פאַרבינדונג מיט איר איז געווען ווי מיט איין שטאָט. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט סאָסנאָוויץ באַלאַנגט צו דער אָסטראָווער פּאַראַפיע. יידן האָבן דאָרט נישט געהאַט קיין אייגענעם בית־הקברות. אויך די עטאַט־באַשטייערונג איז געווען דורך די אָסטראָווער דאָזאָרעס. (אין בראַזיל זענען די אָסטראָווער, סאָסנאָוויצער און וולאָדאַווער יידן און פון אומגעגנט, געווען ווי איין לאַנדסמאַנשאַפט).

יחיאל גרינשפּאַן איז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה (סוף 1949), געקומען קיין ריאָ־דע־זשענעיראָ, צו זיינעם אַ ברודער. די אָסטראָווער האָבן אים אויפגענומען אויף אַ בכבודיקן אופן, אין אַן עפנטלעכן זאַל. ער איז אָבער געווען אַ שווייגער. אַלע מיינע באַמיונגען, ווי פון אַנדערע, האָבן נישט געקאָנט ווירקן ער זאָל אַרויס פון זיין שווייגעניש, דאָך איז מיר געלונגען אַרויסצובאַקומען אייניקע פּאַסירונגען פון דעם באַרימטן קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, האָט ער געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי און איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די דייטשן, וואָס האָבן באַלד אָפּגעזונדערט די יידישע קריגס־געפאַנגענע פון די קריסטלעכע, און דערביי ברוטאַל באַהאַנדלט די יידן מיט שלאָגן און אַפילו שיסן אויפן אָרט, ווי אַ פאַרוויילונג.

ביי חילן איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק: אַנטלויפן פאַר יעדן פּרייז. און ער איז טאַקע ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַנטלאָפן. אים איז געלונגען אָנצוקומען קיין סאָסנאָוויץ, אַ היים. די גאַנצע וולאָדאַווער געגנט איז שוין געווען פאַרנומען פון די

דייטשן. עס הייבן זיך אָן שיטן גזירות אויף יידן. אין יאָר 1940 ווערן מיט יעדן טאָג שווערער די צרות און פּיין. מען כאַפּט אויף אַרבעט און מען שיקט קיין סאָביבאָר.

דעם 10טן אָקטאָבער 1942, איז געקומען דער באַפעל פון דער וולאָדאַווער געסטאַפּאָ, וואָס האָט געפאָדערט פון יודענראַט אין סאָסנאָוויץ, אַז אַלע יידן פון שטעטל דאַרפן אין משך פון 36 שעה זיך צונויפזאַמלען אויפן רינגעק־פּלאַץ אין וולאָדאַווע. אויב מ׳וועט עמיצן טרעפן נאָך דער אָנגעוויזענער צייט, וועט ער ווערן דערשאָסן. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ מהומה. יעדער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז די אַקציע דראָט מיט אומקום. אין יענער צייט איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק ביי עטלעכע יוגנטלעכע, צוזאַמען מיט חילן, וועגן אַרויסגיין אין וואַלד און זיך אָנשליסן צו די פּאַרטיזאַנער. אַ געוויסע נאַכט האָבן מיר זיך געטראָפן אין אַ וועלדל און פון דאָרט, דורך פעלדער און וועלדער, זענען מיר אָנגעקומען אין גרויסן פּאַרצעווער וואַלד. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָ דאַרפן זיך געפינען רוסישע זעלנער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דייטשישער געפאַנגענשאַפט. אָבער וואָס טיפער מיר זענען אַריין אין וואַלד, האָבן מיר אָנגעהויבן בלאָנדזשען. ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שלאַקס־רעגן, וואָס האָט אונדז דורכגענעצט ביז די ביינער. קיין עסן האָבן מיר שוין נישט געהאַט, נאָר טרינקען האָבן מיר געקאָנט פון די קאַלוזשעס, וואָס האָבן זיך געשאַפן פון רעגן. מיר זענען געווען פאַרצווייפלט, געקוקט איינער אויפן צווייטן. דער ערשטער איז געווען חיל גרינשפּאַן, וואָס האָט צוגעגעבן מוט און געזאָגט:

— נישט געזאָרגט ייִנגלעך, מיר האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן. צוויי מאָל שטאַרבט מען נישט — איינמאָל ווערט מען געבוירן, איינמאָל ווערט מען פאַרלוירן. דער עיקר, נישט פאַרלירן דעם מוט און האָפענונג.

מיט אַמאָל האָבן מיר דערהערט אַ שאָס פון אַ ביקס, וואָס איז געקומען פון דער נאָענט. מיר האָבן אָנגעהויבן לויפן אין יענער ריכטונג און פון דער ווייטנס באַמערקט, ווי צוויי מענער מיט ביקסן אין די הענט לויפן אַריבער דעם וועג און באַהאַלטן זיך אין די געדיכטע קוסטעס. זיי האָבן געוואַרט אַז מיר זאָלן זיך דערנענטערן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ באַפעל:

— סטאָי! ווער זייט איר?

מיר האָבן געזאָגט, אַז מיר זענען יידן. זיי האָבן אונדז אַריינגעפירט אין אַ בונקער, געמאַכט אַ פייער כדי אויסטרוקענען די מלבושים, געגעבן עסן און געהייסן וואַרטן אויפן קאָמאַנדיר. דער קאָמאַנדיר האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אמתן יידן־פריינד, ער האָט געהייסן זיך אויסרוען און אויסשלאָפן.

אין משך פון עטלעכע חדשים האָבן מיר זיך מיט זיי גוט איינגעלעבט און נאָך

דער תקופה שוין געציילט עטלעכע הונדערט מאַן, ווי אויך געהאַט אַ ביסל געווער, ס'איז שוין געווען מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן. אין וואַלד האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פאַרצעווער יידן, גאַנצע פאַמיליעס, אויך ייִנגלעך און מיידלעך. ס'איז געוואָרן לעבעדיק. מ'האָט געשאַפן אַ שיל און געדאַוונט מיט אַ מנין. די דייטשן האָבן שוין געוווּסט, אַז יידן לויפן אין פאַרצעווער וואַלד. דאָס איז געוואָרן געפערלעך, אויך פאַר די פאַרטיזאַנער. די געפאַר איז געוואָרן נאָך גרעסער, וואָס די אַלע אָנגעקומענע יידן האָבן נישט מיטגעברענגט קיין געווער. דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז מיר זאָלן באַשליסן צו פאַרלאָזן דאָס אָרט און איבערגיין טיפער אין וואַלד.

זייענדיק שוין גוט אָרגאַניזירט, מיט אַ היפּש ביסל געווער, האָבן מיר, די ידישע פאַרטיזאַנער־גרופּע אונטער יחיאל גרינשפּאַנס אָנפירונג, אָנגעהויבן זיך גרייטן אַדורכצופירן אַן אַקציע קעגן די דייטשן, וואָס האָבן סטאַנציאָנירט אין אָסטראָווע. עטלעכע וואָכן האָבן מיר זיך געגרייט, אַרויסגעשיקט אויסשפּירערס אויסצוקוקן די ערטער — איבערהויפּט דעם פּאָסטערונעק, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען דייטשישע און פּוילישע פּאָליציאַנטן.

דעצעמבער 1942, אין אַ פינצטערער נאַכט, האָט יחיאל גרינשפּאַן אַוועקגעפירט די גאַנצע גרופּע ידישע פאַרטיזאַנער צום שטעטל אָסטראָווע, ווו מיר האָבן פאַרפירט אַ שווערע שלאַכט מיט דער דייטשישער און פּוילישער פּאָליציי. נאָך עטלעכע שעה קאַמפן, איז אונדז געלונגען צו פאַרנעמען דאָס שטעטל. אין אונדזערע הענט זענען אַריינגעפאַלן 6 דייטשישע אָפיצירן און 12 פּוילישע פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען שפּעטער דערשאָסן געוואָרן. מיר האָבן פאַרנומען אַ סך געווער, מונדירן און דערנאָך אונטערגעצונדן דעם פּאָסטערונעק. דאָס זעלבע האָבן מיר געטאָן מיטן מאַגיסטראַט. דער בירגערמייסטער וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן, איז דערשאָסן געוואָרן. לײדער, מיר האָבן נישט געטראָפן קיין איין ייד, ווייל מ'האָט אַלע שוין געהאַט אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע.

אַ צווייט מאָל, דעם זעלבן יאָר, האָבן מיר פאַרנומען אָסטראָווע, ווייל מיר האָבן זיך געגייטיקט אין שפּייז פאַר די עלטערע און קינדער, וועלכע מיר האָבן באַשיצט קעגן אָנפאַלן מצד די דייטשן און פּוילישע באַנדיטן, צי פון פּוילישן אונטערערד.

מער ווייסן נישט די צוויי סאָסנאָוויצער פאַרטיזאַנער וועגן אָסטראָווע. זיי האָבן געלעבט אין די וועלדער און געקעמפט מיט די דייטשן. די לעצטע וואָס האָבן פאַרלאָזט אָסטראָווע, צוויי טעג פאַרן אַרויספירן די יידן, זענען געווען די דומאַנס. איינער געפינט זיך אין ישראל.

דאָס איז אַלץ וואָס חיל גרינשפּאַן (זיין פּסעוודאָנים איז געווען דאָמבראָווסקי) ווייסט צו דערציילן וועגן אַסטראָווע.

חיל גרינשפּאַן איז געווען אַ גלענצנדער אָרגאַניזאַטאָר, זיין גאַנצע משפּחה זענען פון דור־דורות געווען פערד־הענדלער. פון דאַנען שטאַמט אויך זיין שוואַכקייט צו שיינע פערד, וואָס זיין פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג האָט פאַרמאָגט אין אַ גרויסער צאָל. חיל האָט שטענדיק געזאָרגט אויך פאַר די הונדערטער שוצלאָזע מענטשן, וואָס זענען נישט געווען פעיִק צו נעמען געווער אין האַנט. אַלטע, קראַנקע, פרויען און קינדער האָבן אין וואַלד געפונען זייער צווייטע היים, פאַר וועלכע ער האָט געזאָרגט.

קאַפּיטאַן דאָמבראָווסקי (חיל גרינשפּאַן) האָט מיר דערציילט וועגן דער געוואַגטקייט און קוראַזש פון זיין גרופּע. עטלעכע פּאַרטיזאַנער, איבערגעטאָן אין דייטשע מיליטערישע מונדירן, זענען ביינאַכט אַריין אין אַ לאַגער און פון דאָרט אַרויסגעפירט אייניקע משפּחה־מיטגלידער. זיי האָבן פּלאַנירט אַרויסצופירן פון לאַגער 600 יידן, אָבער דער קאָמענדאַנט האָט זיך דערוווסט און אַרויסגערופן פאַרשטאַרקונג. דער פּלאַן איז צעשטערט געוואָרן.

אונטער דייטשישער און רוסישער הערשאַפט

##ביילע רובינשטיין

צום אָנדענק פון מיין מאַמען —
איך קוק אויף ניו־יאָרק אַזוי גיגאַנט און שיין
זע איך אין מיין זכרון אָסטראָווע מיין היים.
קליינע שטיבעלעך, שמאָלע געסעלעך —
און מיין מאַמען אומעטיק אַליין.
די ברייטע גאַסן מיט מענטשן, געדיכטע,
קליין איז אָסטראָווע — און אַזוי מיין געשיכטע.

ביז דעם חורבן

איך זע מיין ערשטע היים און דאָס הויז ווו ס׳האָבן שפּעטער געוווינט די שאַפּיראָס. איך געדענק אַ הויכע, מאָגערע פרוי, וועלכע איך האָב גערופן מאַמע, און נאָך אַ פרוי, אַ ביסל עלטער — דאָס איז געווען מיין באָבע. אין שטוב זענען געווען צוויי ברידער און דריי שוועסטער. ווען איך האָב אַמאָל געפרעגט מיינע שוועסטערן: „אַלע קינדער האָבן אַ טאַטן, ווו איז אונדזער טאַטע? איך גיי פרעגן די מאַמען״, האָט מיר געענטפערט די עלטערע שוועסטער שרה: „זאָלסט ניט פרעגן די מאַמען, זי האָט גענוג זאָרגן ווי אַזוי צו שאַפן פאַר אונדז ברויט״. איך האָב געזען, ווי מענטשן קומען צו אונדז קויפן ברויט. מיינע ברידער העלפן דער מאַמען און מיין פאַרעלטערטע באָבע פאַרנעמט זיך מיט אונדז. זי האָט אונדז געלערנט מודה־אני און קריאַת־שמע פון אויסנווייניק, ווי אַזוי פירן די באַלעבאַטישקייט און דערציילט שיינע מעשיות, געגעבן האָפענונג, אַז מיר וועלן נאָך האָבן אַ בעסער לעבן, צוריק האָבן אַן אייגן הויז אין מיטן שטאָט. מיר האָבן געהאָפט און יעדן פרימאָרגן געבעטן גאָט ביי דעם מודה־אני, ווי זי האָט אונדז געהייסן, פאַר מיין מאַמעס געזונט. מיר זענען געווען געהאָרכזאַמע קינדער און געהאַט פיל גוטע שכנים, גאָטספאַרכטיקע יידן, וואָס האָבן קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן: חוה צוקערמאַן מיט איר משפחה, ישעיה צוקערמאַן מיט זיין משפחה (שפּעטער געלעבט אין וואַרשע).

אין יענער צייט איז אין אָסטראָווע נישט געווען קיין חדר ווו קינדער זאָלן לערנען, נאָר פּריוואַט, אויב מען האָט דאָס געקאָנט דערגרייכן. עס זענען געווען פיל חסידים־שטיבלעך. מיט יאָרן שפּעטער, מיט דער הילף פון אַמעריקאַנער אָסטראָווער, האָט מען אויסגעבויט אַ שיל גענוג גרויס פאַר אַלע. אויך די פרויען פלעגן דאָרט

דאַווענען אויפן ערשטן שטאָק. אונטן איז געווען אַ גרויסע שיל, אַ בית־מדרש און פיל צימערן ווו צו דאַווענען און לערנען.

פיל בעלי־מלאכות (שוסטערס, שניידערס, רימערס, קירזשנערס) זענען געווען אין אָסטראָווע, געאַרבעט אין שטוב און דערנאָך אַליין פאַרקויפט זייער פּראָדוקציע. מ׳האָט געשאַפן אַ גמילות־חסד קאַסע וועלכע האָט ערטיילט הלוואות אָן פּראָצענט, אויך אַ האַנטווערקער־פאַראיין. מען האָט אויך געעפנט אַ האַנדלס־באַנק, ווייל דאָס אַלץ האָט זיך געפאָדערט צו פאַרגרינגערן די פּרנסה.

מיר האָבן געהערט, אַז די שאַפּיראָס קומען צוריק פון רוסלאַנד, האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן די היים מיט גוטע שכנים און זיך איבערגעצויגן צו מרדכי דומאַן. אָבער דאָרט נישט לאַנג געוווינט. מיט דער הילף פון מיין מאַמעס ברודער, אהרן האָפמאַן וואָס האָט געלעבט אין טאָראָנטאָ, האָט מען אויסגעבויט אַ הויז, ווו די מאַמע און די באָבע האָבן געלעבט מיט דער גאַנצער משפּחה. דאָרט האָבן מיר געהאַט מער פּרנסה. ניט לאַנג האָט די באָבע געלעבט אין איר הויז — נאָך צוויי יאָר איז זי געשטאָרבן.

דערווייל איז דאָס לעבן געגאַנגען זיין וועג. מיר זענען געוואַקסן, געלערנט אין דער פּוילישער שול, יידיש געלערנט אין שטוב. מיין עלטסטער ברודער האָט אַדורכ־געמאַכט די פּוילישע אַרמיי.

פון די דערפער זענען פיל מענטשן געקומען לעבן אין אונדזער שטעטל, ווו עס זענען געווען פיינע יונגעלייט, ווי אויך מיידלעך וועלכע האָבן גענומען זאָרגן פאַר די וואָס האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו לערנען יידיש און פּויליש, נאָר געמוזט העלפן דער משפּחה. עס האָט זיך געשאַפן אַ תלמוד־תורה. אויך אַ ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ. מען האָט אַראָפּגעברענגט אַ דאָקטער און געגרינדעט אַ ביקור־חולים.

אַ דאַנק די פרייוויליקע וואָס האָבן אָוועקגעגעבן צייט צו לערנען, האָט זיך אויפ־געהויבן דער קולטורעלער ניוואָ. פון דער ביבליאָטעק איז אויסגעוואַקסן אַ קולטור־פאַראיין מיט ביכער, פיל צייטונגען, אונטערנעמונגען און פאַרווייַלונגען. די קולטור־טוערס האָבן געהאַט גענוג אויסצושטיין פון די פאַנאַטיקערס, אָבער זיי זענען גע־גאַנגען זייער וועג, ווי: משה הערש שאַפּיראָ, ברוך שאַפּיראָ, משה בער מעהר, אהרן סופר. זיי האָבן גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אויך זייערע קינדער און מיינע ברידער און פיל אַנדערע, וואָס האָבן געאַרבעט אויפצוהייבן דעם קולטורעלן ניוואָ פון די יוגנטלעכע. מען האָט געשטעלט פּיעסן פון יידישע דראַמאַטורגן. פעיִקע אַמאַטאָרן, יונגע מענטשן האָבן געשפּילט טעאַטער. מען האָט איינגעאָרדנט ליטעראַ־

רישע אָוונטן. מ׳האָט אויך געקויפט אַ גרויסן ראַדיאָ־אַפּאַראַט אויף באַטעריעס, ווייל מיר האָבן ניט געהאַט קיין עלעקטרע. ס׳האָבן זיך געשאַפן יידישע אָרגאַניזאַציעס, פון עקסטרעם רעכטס ביז גאָר לינקס און כמעט יעדער יוגנטלעכער האָט באַלאַנגט צו אַן אָרגאַניזאַציע.

איך וויל דערמאָנען איין עפּיזאָד. אַ געוויסן פרייטיק האָבן מיר געזען מענטשן לויפן. בין איך מיט אַלע מיטגעלאָפן ביז דעם בית־עולם. דאָרט האָב איך געזען אין אַ שטיבל אויף דער ערד, ווי אַ מענטש ליגט אין אָנטועכץ, מיטן היטל און שטיוול. אויף אַלץ איז געווען בלוט. איך האָב אים גלייך דערקענט — דאָס איז געווען מרדכי דומאַן, ביי וועלכן איך האָב אַמאָל געוווינט. פון שרעק בין איך גלייך געלאָפן אַ היים. ווען די מאַמע האָט מיך דערזען, האָט זי גאָר ניט געפרעגט, נאָר מיט אַ זיפץ געזאָגט:

— די גויים נעמען צו ניט נאָר דאָס געלט, נאָר אויך דאָס לעבן, אָבער אים וועט מען כאָטש ברענגען צו קבר ישראל. דיין טאַטע האָט דאָס אויך ניט געהאַט. איך האָב אים געזוכט וואָכן־לאַנג און ניט געפונען.

אַזעלכע פּאַסירונגען האָט מען געהאַט פון צייט צו צייט. די יוגנטלעכע זענען אויפגעוואַקסן, אָבער פאַרדינען אויף פרנסה האָט מען ניט געקענט. האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצוּוואַנדערן. יעדער האָט זיך געווינטשן אַ וויזע קיין אויסלאַנד. אין 1929, איז מיין ברודער מיט נאָך חברים אַרויסגעפאָרן קיין בראַזיל און צוגעזאָגט דער מאַמען, אַז ער וועט אַלע אַראָפּנעמען. אין 1936 האָט ער גענומען צו זיך די שוועסטער שרה. אויך פיל אַנדערע זענען געפאָרן. אויב מען האָט געהאַט גליק — איז קיין אַמעריקע, אין „גאָלדענעם לאַנד", צי קיין אַרגענטינע, אָדער ארץ־ישראל. אַנדערע האָבן זיך געשמוגלט קיין פּאַריז און דענעמאַרק. אויך וואַרשע איז געווען אַ וויכטיקער ציל. מענטשן האָבן געאַרבעט פאַר אַזעלכע לוינען, וואָס האָבן ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו לעבן, און אויך ניט צו שטאַרבן. איך בין געווען איינע פון זיי...

אַלע קינדער זענען שוין געווען דערוואַקסענע. מיין מאַמעס געזונט האָט זיך פיל פאַרערגערט, איז מען זומער אַרויסגעפאָרן אין די נאָענטע דערפער, אפשר וועט איר ווערן בעסער. איך האָב ניט געהאַט וואָס צו טאָן מער אין אָסטראָווע. ווי אַנדערע, מיט זייער ווייניק קענטעניש, אָן אַ פאַך, בין איך געקומען קיין וואַרשע און אין דער צייטונג „עקספּרעס" געזוכט צווישן די אַנאָנסן, כדי צו באַקומען אַרבעט. פאַר דעם געהאַלט האָב איך געהאַט אַ בעט ביי אַ משפחה, פיל מאָל ניט דערעסן, כדי צו קענען גיין אין אַ קינאָ, אַ יידיש טעאַטער, אָדער אַמאָל אין דער אָפּערע, אויף דעם פּערטן באַלקאָן. און אַמאָל אַ זונטיק אינדערפרי — צו אַ קאָנצערט. דאָס האָט געהייסן: געלעבט אין וואַרשע.

אין יאָר 1939 איז די לופט געווען פול מיט פולווער, מען האָט נאָר גערעדט וועגן קריג — ביז זי איז אויסגעבראָכן.

איך אַנטלויף פון דער באָמבאַרדירטער וואַרשע

דעם ערשטן סעפטעמבער 1939, האָבן מיר געזען דעם הימל באַדעקט מיט עראָפּלאַנען. פון יענעם טאָג, זענען כסדר געפאַלן באָמבעס. הייזער זענען געוואָרן צעשטערט און מענטשן זענען געפאַלן.

אַ פּאָר טעג פאַרן 1טן סעפּטעמבער, האָב איך געהאַט בריוו פון דער היים. מ'האָט מיר געשריבן, אַז מנשהן האָט מען גענומען אין דער אַרמיי און איך זאָל קומען אַהיים. איך געדענק ניט פאַר וואָס כ'בין גלייך ניט געפאָרן. ווען איך האָב פאַרלאָזט וואַרשע, האָט דער קריג שוין געדויערט צוויי וואָכן. געקומען צו פוס אַהיים, מיט נאָך אָסטראָווער: גאָלדע קאָרן און שיינטשע וואַסערמאַן. ס'איז געווען סוכות. מיין מאַמע איז געווען אין אַ דאָרף, בין איך מיט געשוואָלענע פיס געגאַנגען זי זען.

צוריק געקומען קיין אָסטראָווע, האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז די רוסן קומען קיין פּוילן, פון מזרח. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אמת. פיל האָבן איינגעפּאַקט אַ ביסל זאַכן און מיט אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס איז מען געגאַנגען. צווישן זיי — מיין שוועסטער מרים. משפחות האָבן געדונגען פערד־און־וואָגן און אַוועקגעפאָרן. צווישן זיי — לייזער ניישטעטער מיט דער משפחה. מנשה איז צוריק געקומען, האָבן מיר זיך געפרייט. ער האָט גענומען זיין פרוי און ווידער געפאָרן. מיט זיי — זיין פרויס שוועסטערן. אין דער פרי האָט מען אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז די מענער זאָלן אַוועק פון שטעטל. 9 אַזייגער האָב איך געזען אויף אונדזער גאַס אָנקומען אויף מאָטאָציקלען צוויי יונגע דייטשן, וועלכע האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט, נאָר געפאָרן ווייטער, אויפן וועג קיין לובלין. נאָך דעם — מיליטערישע דזשיפּן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געהייסן אויפמאַכן די געשעפטן, דאָס לעבן זאָל גיין נאָרמאַל. די מאַמע, וועלכע האָט גערעדט דייטש, איז אָבער געווען איבערגעשראָקן, און איך מיט מיין יידיש־דייטש האָב זיי געענטפערט, ווי אַזוי איך האָב געקענט. מ'האָט מיך גערופן צו אַדאַמסקין אין רעסטאָראַן. די דייטשן זענען דאָרט אַריין און פאַרלאַנגט עסן, אָבער זי האָט גאָרניט פאַרשטאַנען. האָב איך געהאָלפן. זי איז געווען איבערגעשראָקן אַזוי ווי מיר (איר טאָכטער מאַגדע, האָט דעם אָסטראָווער רב נעלקענבוים אַרויסגעפירט אין פרויען־קליידער קיין פּאַרצעווע, אים צו באַהאַלטן).

די זעלבע נאַכט זענען די דייטשן אַוועק, אָבער צו מאָרגנס זענען געקומען די

פאָלקס־דייטשן און גענומען באַלעבאַטעווען אין שטעטל. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען לעוואַרטאָוו געמאַכט ריין פון ידן. דאָס הייסט, אַז אין יעדן הויז אין אָסטראָווע האָט מען אַריינגעזעצט 3—4 משפחות פון לעוואַרטאָוו. ס׳איז געוואָרן זייער שווער. ווייזט אויס, אַז עמיצער האָט אונדז געמסרט. פּלוצים האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אונדזער טיר אַ מאַשין, מ׳האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר צוגעגאַנגען צו דער פאַרמאַסקירטער עפענונג, אַרויסגענומען וויפל ס׳איז געווען מעל און אַנדערע אַרטיקלען. דאָס זעלבע האָט מען געטאָן אין אַנדערע געשעפטן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז מרים געקומען און געזאָגט, אַז איצט וועט שוין די מאַמע וועלן פאָרן מיט אונדזביידע, ניט ווי פריִער. זי קאָן זיך ניט פאַרלאָזן צו גיין מיט מיר. מיר האָבן צוגעגרייט וואַרעמע שיך און אָוועקגעפאָרן קיין סלאָוואַטיטש צו שמוגלען דעם טייך בוג, ווייל די גרענעץ איז שוין געווען פאַרמאַכט. מיט אונדז אויף דער פור זענען געפאָרן פיל אָסטראָווער, צווישן זיי — מיינער אַ פריינד לייבל לעב. מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט שמוגלערס. נישט ווייט פונעם וואַסער, איז געווען די דייטשישע קאָמענדאַנטור. זיי האָבן אונדז געלאָזט גיין, אָבער נאָכן צונעמען אַלע ווערטפולע זאַכן און דערביי אַרויסגעוואָרפן אונדזערע פּאַטאָס. ווען איך האָב זיי שפּעטער געוואָלט צונויפנעמען, האָט איין דייטש אויסגעשאָסן נאָענט פון מיר. מיר האָבן אַ סך מאָל געמוזט דורכגיין דעם טייך, ווייל די רוסן האָבן אונדז צוריקגעשיקט. אין איין נאַכט איז אונדז דאָך געלונגען אַריבער־צוגיין דעם בוג. מיט אונדז איז אויך געווען פאָליע ליבהאָבער. פון דער ווייטנס האָט מען געזען ליכט פון אַ רוסישן ישוב. מרים האָט געהאַט אַ דערלויבעניש צו ברענגען די מאַמען. ליידער, האָבן די רוסן זיי געכאַפּט און צוריקגעשיקט אויף דער צווייטער זייט, צו די דייטשן. פון דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן פאַר זיי דער אמתער גיהנום. מ׳האָט זיי אַ סך מאָל געשיקט אַהין און צוריק, ביז אַ רעזיגנירטע, אָן געלט, איז די מאַמע געפאָרן אַהיים. מרים איז ענדלעך אַריבער אויף דער רוסישער זייט, אַ צעבראָ־כענע, אַ האַלב־טויטע.

כדאַי צו באַמערקן, אַז צווישן אונדזערע אָסטראָווער זענען געווען פיל גוטע מענטשן, אַפילו ווען זייער לעבן איז געשטאַנען אין קאָן. זייענדיק ביים וואַסער, שוין אויף דער רוסישער זייט, האָט מען געמוזט אַדורכגיין אַ רוסישע קאָמענדאַנטור. ס׳איז געווען פאַרטאָג. זעענדיק אַ מענטש, האָב איך דערקענט, אַז ער איז אַ ייד און האָב זיך דערמאָנט, אַז לייבל שפּערלינג וווינט אין דאָמאַטשעווע. כ׳האָב צו אים אָנגעשריבן אַ צעטעלע, איז ער גלייך געקומען און אונדז געברענגט צו לייזער ניישטעטער, וועלכער האָט דאָרט געוווינט. נאָך אַ פּאָר טעג, האָבן מיר פאַרלאָזט דאָס אָרט, ווייל מרים איז ניט געקומען. אין בריסק האָב איך זיך דערוווּסט דעם ביטערן גורל פון מיין מאַמען

און מרימען. ענדלעך איז מרים געקומען און מיט דער גרופע וואָס האָט געוואָרט אויף איר, גלייך געפאָרן ווייטער, אין רוסלאַנד.

איך האָב געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז מיר וועט געלינגען צו קומען צו דער מאַמען, ווייל זי איז געבליבן אַליין, ווי פיל אַנדערע. אָבער מיר זענען גאַנץ שנעל פאַרכאַפּט געוואָרן אין עשאַלאָנען, וואָס האָבן אונדז געפירט קיין סיביר.

אין דער סיבירער טייגע

אין די ערשטע 2 חדשים אין סיביר, האָבן מיר געמאַכט אַ שטרייק. האָט מען פיל אַרעסטירט — און מיר האָבן זיי מער ניט געזען. (צווישן זיי — לייבל נעלקינסאָן, דעם רבס ברודער־זון). אין עשאַלאָן בין איך געפאָרן מיט מנשהן, זיין פרויס משפחה און אַנדערע פריינד. מען איז אויך געפאָרן מיט אַ שיף, מיט לאַסט־אויטאָס, ביז מ'איז געקומען אין דער טייגע, אין טיעגולכעצקער ראַיאָן, נאָוואָסיבירסקער געגנט. מיט אונדז איז געפאָרן אַ פרוי, וואָס האָט גערעדט רוסיש. ווען ביי דעם ערשטן מאָלצייט און עסן־צוטיילונג, האָט זי געפרעגט: „ווי לאַנג איז דאָ וואַרעם?״ (ווייל מיר זענען אָנגעקומען ענדע יוני), האָט מען איר געענטפערט:

— ווינטער איז נאָר 10 מאָנאַטן, דער רעשט איז זומער.

אַלע האָבן געלאַכט...

דער לאַגער מיט די באַראַקן האָט זיך געפונען אין אַן אויסגעהאַקטן וואַלד. פאַר אַלע איז געווען איין באַשעפטיקונג: האַקן ביימער. מיר זענען דאָרט געווען קנאַפע צוויי יאָר. מען האָט דאָרט איבערגעלאָזט פיל מענטשן — פון קראַנקהייטן, קעלט, מ'איז אויך געשטאָרבן פון הונגער, צי געפאַלן טויט אונטער די ביימער.

פון דאָרט האָט מען אונדז געשיקט קיין מיטל־אַזיע, אַ דאַנק דער א. ג. שיקאָרסקי־אַמנעסטיע. מיר האָבן געאַרבעט אין קאָלכאָזן. אַ סך זענען אויסגעשטאָרבן פון טיפוס, אָדער מאַלאַריע.

אין יאָר 1944 האָב איך זיך פאַראייניקט מיט מיין שוועסטער אין דער שטאָט גאָרקי און געוואָרט, ביז די קריג וועט זיך ענדיקן. שוין אין רוסלאַנד האָבן מיר געוווּסט דעם גורל פון די געבליבענע יידן אין פוילן.

צוריק אין פוילן

מאַי 1945. די קריג האָט זיך געענדיקט. מיר האָבן געטראַכט: אפשר איז ווער לעבן געבליבן פון אונדזער גרויסער משפחה? מיר זענען אַפילו ניט געפאָרן אַהיים,

ווייל מען האָט אונדז געזאָגט, אַז אויף דער סטאַציע הרגענען די פּאָליאַקן ייִדן, אויב אַזעלכע קומען. איך אַליין האָב דאָס ביייגעלעבט, ווען כ׳בין געפאָרן קיין ווראָצלאַוו. אַהין בין איך געפאָרן ביייטאָג. נאָר פון ווראָצלאַוו קיין ביעלאַווע, איז מען געפאָרן ביינאַכט. ווען איך האָב זיך געזעצט אויף מיין אָרט אין וואַגאָן, איז אַריינגעקומען אַן עלטערע פרוי מיט אַ מיידעלע פון 7 יאָר. געקוקט צווישן אַלע מענטשן און צוגעקומען צו מיר, געפרעגט צי איך פאָר קיין ביעלאַווע. איך האָב געזאָגט: יאָ. זי האָט מיך זייער געבעטן מיטנעמען דאָס מיידעלע, דאָרט וועט מען שוין וואַרטן אויף איר. צום מיינסטן זענען געפאָרן יונגע מענטשן. יעדעס מאָל זענען געקומען אין די וואַגאָנען 2—3 באַוואָפנטע מיליטער־לייט און קאָנטראָלירט די פּאַפּירן. איינציק־ווייז האָבן זיי אַרויסגערופן יונגע מענער, ייִדן — און דער צוג איז געפאָרן. פון דרויסן האָבן זיך געהערט אוממענטשלעכע קולות. זיי, די פּוילישע רוצחים, האָבן דאָס געטאָן עטלעכע מאָל דורך דער נאַכט. אפשר בין איך ניצול געוואָרן, ווייל דאָס בלאָנדע מיידעלע איז געשלאָפן אויף מיינע קני?

א פּאָר טעג שפּעטער האָט מען געהערט פון דעם קעלצער פּאָגראָם.

קיין ארץ־ישראל

אין ביעלאַווע איז געווען אַ קיבוץ, וואָס האָט זיך געגרייט צו גיין צופוס איבער דער גרענעץ, קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. מיר זענען מיט זיי אַוועק דורך קלאָדזקאָ קיין טשעכיע, פון דאָרט קיין עסטרייך, אין דער ענגלישער זאָנע, ביז מיר זענען געקומען קיין זאַלצבורג, ווו מ׳יר האָבן געטראָפן אונדזער ברודער מנשה. אין נאָוועמבער 1948 האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָרן קיין ישראל און אין מערץ 1949 אָנגעקומען אין לאַנד.

דער ערשטער וואָס איז געקומען אונדז זען אין בית־עולים, איז געווען אשר וואַרצמאַן ז״ל. אַ פיינער, ערלעכער מענטש וואָס אָסטראָווע האָט אַרויסגעגעבן. אויב איך האָב אַמאָל חרטה אויף עפּעס, איז נאָר דאָס, וואָס איך בין ניט געגאַנגען אין זיינע וועגן. ער האָט געבעטן צו קומען פסח צו זיך. ער האָט מיר געשאַפן אַרבעט, ווי לאַנג איך בין געווען אין בית־עולם. דערנאָך זענען מיר אַריין אין אַ וווינונג לעבן רמתיים. אין דער צייט פון אַראָפּנעמען די מאַראַנצן, האָב איך געהאַט אַרבעט. איך בין שוין דאַן געווען פאַרהייראַט. מיין שוועסטער מרים מיט אַ מאַן און קינד האָבן געוווינט אין חולון. אין פרילינג האָבן מיר צעאַקערט דעם באָדן אַרום דער שטוב און פאַרזייט קאַרטאָפל און פאַרשיידענע גרינצייג. מיר האָבן אויך געהאָדעוועט הינער.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לעבן אין ישראל. אין נאָוועמבער 1950 האָב איך געבוירן אונדזער זון. די מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך ניט געבעסערט. מיין מאַנס משפּחה אין אַמעריקע האָט געהאָלפן — און דאָס איז געווען די איינציקע הילף.

מיין מאַנס ברידער האָבן אונדז גענומען קיין אַמעריקע, אין יאָר 1956. מיר האָבן דאָרט שווער געאַרבעט. היינט זענען מיר שוין אויף פּענסיע. מיין זון האָט אַן אייגענע משפּחה. לײדער, זענען מיינע ברידער שוין ניט דאָ. נישט אהרון־מרדכי אין בראַזיל, ניט מנשה אין ישראל. איך האָב זיך ווידער געזען מיט מיין שוועסטער מרים און שוואָגער מיט זייערע זין און אייניקלעך. מיין שוועסטער שרה לעבט אין בראַזיל און אויך אירע טעכטער מיט משפּחות.

מלחמה־דערינערונגען

אסתר רושניעווסקי / בת־ים

1

דעם 1טן סעפטעמבער 1939, ערב ראש־השנה, האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער טראַגישער מאַרטירער־וועג. פּוילן ווערט באַפאַלן פון היטלער־דייטשלאַנד און זייער אַוויאַציע באַמבאַרדירט די אַרמיי, ווי די ציווילע באַפעלקערונג. אין משך פון עטלעכע טעג, צעפאַלט זיך די פּוילישע אַרמיי. דאָס לאַנד ווערט חרוב און ביידע שכנים, נאַצי־דייטשלאַנד און סאָוויעט־רוסלאַנד, צעטיילן זיך מיט פּוילן. דער טייך בוג ווערט באַשטימט אַלס גרענעץ. אָסטראָווע געפינט זיך אויפן מערבדיקן ברעג, וועלכער געהערט צו דייטשלאַנד — און יידן באַפאַלט אַ שווערער פּחד און פאַרצווייפלונג. מיר פילן די זיך דערנענטערנדיקע קאַטאַסטראָפע. אין אונדזער היים איז מען באַזאָרגט — און ס'זענען געווען דערצו ערנסטע סיבות: מיין עלטערער ברודער משה איז געווען מאָביליזירט און זיך געפונען אויפן פראָנט. בעת אַ סך פון זיינע חברים האָבן זיך אומגעקערט אַ היים, האָבן מיר פון אים נישט געהאַט קיין שום ידיעה. אויך מיין יונגערער ברודער ברוך מרדכי איז געהאַט אַוועק פון דער היים, אַנטלאָפן אויף יענער זייט גרענעץ. די מאַמע וויינט, ווייל די שטוב ווערט אויסגעליידיקט פון די קינדער. מיין פאָטער וויל נעמען די משפחה און אַריבערפאָרן צו די סאָוויעטן, כדי דאָרט איבערוואַרטן די שווערע צייט. נאָך אַ פאַמיליע־באַראַטונג מיט די מאַמעס, ברידער און שוועסטער — פערל־לאה, נתן, וועלוול און דעם טאַטנס צוויי ברידער יאָסל און יאַנקל־דוד, באַשליסט מען: נישט פאַרלאָזן די איינגעאָרדנטע היימען, בפרט נאָך, אַז פאַר פרויען און קינדער וועט דאָס וואַנדערן זיין אומדערטרעגלעך. מ'האָט אויך געגלויבט, אַז עלטערע מענטשן, קינדער און פרויען, וועלן די דייטשן ניט טשעפּען... מ'דאַרף ניט מאַכן קיין פּאַניק, נאָר לעבן מיט האָפענונג, אַז ס'וועט לאַנג נישט דויערן די מלחמה.

אָבער די יוגנט פאַרלאָזט דאָס שטעטל. אויך איך געזעגן זיך מיט מיינע טייערע עלטערן, שוועסטער, ברידער און מיט דער ליבער באָבען. איך טרייסט זיי אַלע מיט דער האָפענונג, אַז כ'וועל שנעל זיך אומקערן און מיר וועלן ווידער זיין צוזאַמען...

מיט מיר זענען אויך געפאָרן אסתר שאַפּיראָ און דוד קירשענבוים. אונדז איז געלונגען זיך אַריבערצוקומען אויף יענער זייט בוג, אין שטעטל טאַמאַשעווקע, וואָס איז געווען פאַרפולט מיט פּליטים. אַלע עפנטלעכע געביידעס, ווי שילן, קלובן, שולן זענען

באַזעצט פון די וואָס זענען אַנטלאָפן פון מערב פּוילן. צום גליק, האָב איך דאָ געטראָפן מיין יונגערן ברודער ברוך מרדכי, וואָס איז פון די ערשטע אַוועק פון אונדזער היים. ער נעמט מיך אַריין אין אַ פּריוואַטער וווינונג, ווו ער האָט זיין ווינקל מיט אַ ליג־שטול, וואָס דינט אים פאַר אַ בעט צו שלאָפן — און אויף דעם גיט ער מיר איבער־צונעכטיקן. ווו ער אַליין איז געשלאָפן, געדענק איך נישט. צומאָרגנס האָבן מיר זיך געזעגנט. ער איז אַוועק צוריק קיין אָסטראָווע — און מער האָב איך אים נישט געזען. מיט אים איז מיטגעגאַנגען מיין טייערער קוזין יונה דומאַן, ווי אויך די ברידער בעריש און דוד קירשענבוים און יאָקל אַקערמאַן. ער איז צוריק געקומען פון אַרגענטינע פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, געווען צומערשט אויף דער רוסישער זייט און צוריק גע־גאַנגען מיט זיין פרוי, ווו ער האָט געטיילט דעם ביטערן גורל פון אונדזערע קדושים. זאָל מיין דערמאָנונג זיין זייער מצבה...

2

די גרענעץ, אָדער די בוג־ליניע, איז נאָך אַלץ אָפן. יעדן טאָג קומען אָן צענדליקער פּליטים, צווישן זיי אַ סך באַקאַנטע, וואָס דערציילן וועגן די היטלעריסטישע גרוילטאָטן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. עס קומט אויך מיין צוקונפטיקער מאַן, מיט וועמען מיר קענען זיך פון די קינדער־יאָרן. אונדזערע עלטערן זענען אַי קרובים, אַי גוטע פריינד. ער האָט משפחה אין דער שכנותדיקע דאָמאַטשעווע. זיי נעמען אונדז אויף גאָר הארציק. אויך דאָמאַטשעווע איז איבערפולט מיט פּליטים. צווישן זיי — פיל אָסטראָווער יידן, ווי די משפחה לייזער ניישטעטער מיט זייער איינציקער טאָכטער אסתר, יאַנקל און אברהם פעלדמאַן מיט זייער מוטער שרה און אַנדערע. די איינזאַמע יוגנטלעכע, ווי חיהלע זאַקרויטשיק און אַנדערע, וואָס זייערע נעמען געדענק איך נישט, האָבן זיך געפילט עלנט און פאַרצווייפלט.

אין דאָמאַטשעווע האָבן געוווינט צוויי אָסטראָווער יונגעלייט, וואָס האָבן דאָרט חתונה געהאַט פאַר דער מלחמה: מאַניש ראָזמאַרין און לייבל שפּערלינג. זייערע היימען זענען געווען אָפן פאַר יעדן היימלאָזן אָסטראָווער און זייער גאַסטפריינטלעכקייט איז געווען אַ שם־דבר ביי אונדזערע שטעטישע יידן. כבוד זייער אָנדענק!

דעם 22סטן נאָוועמבער 1939, האָבן מיר געשטעלט אַ חופּה אין דאָמאַטשעווע. די איינציקע אָסטראָווער געסט אויף דער שמחה זענען געווען: מאַניש ראָזמאַרין מיט זיין פרוי. נאָך דער חתונה, פאָרן מיר אַריבער קיין קאָברין, ווייל דאָרט האָט געוווינט מיין מאַנס אַ געטרייער קוזין, שלמה וואָרטמאַן. ער האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַ וווינונג און אַרבעט פאַר מיין מאַן. אין קאָברין האָבן זיך אויך געפונען די צוויי זין פון די אָסטראָווער — משה אהרון פישער און אַ טאָכטער פון לייביש מינץ. נאָר מיר זענען

שטאַרק באומרואיקט פון דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער אַלטער היים. דערפאַר טאַקע האָבן מיר זיך רעגיסטרירט צוריק צו פאָרן אין דער אָקופּירטער פּוילן. ביי די רוסן הייסט דאָס, אַז מיר זענען נישט לאָיאַל און געטריי זייער רעזשים — און אין אָנהייב יוני 1940, ווערן מיר פאַרשיקט אויפן אוראַל, אויף שווערער אַרבעט אין די קופּער־גרובנס.

3

צו דער קאַטאָרגע־אַרבעט, ליידן מיר אויך פון הונגער, קעלט און פונעם עצם געפיל, אַז מען געפינט זיך אויף פאַרשיקונג אינגאַנצן אומשולדיק. נאָר איין ליכטיקן שטראַל האָבן מיר דאָרט געהאַט — דעם 2טן אָקטאָבער ווערט געבוירן אונדזער בכור — ארי. אין יענער צייט הערשן שוין אויפן אוראַל שטאַרקע קעלטן. איך פאַרקיל זיך און די פאָלגן פון יענער קראַנקייט האָבן געלאָזט שפּורן אויפן גאַנצן לעבן. ווען מיר זענען שוין געווען רעזיגנירט און פאַרביטערט, איז אומגעריכט געקומען די באַפרייאונג. נאָכן איבערפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, דעם 22סטן יוני 1942, האָט מאָסקווע געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן, פון וועלכן ס׳איז געבוירן געוואָרן די א. ג. שיקאָרסקי־אַמנעסטיע (אויפן נאָמען פון גענעראַל שיקאָרסקי, דעמאָלטדיקער פּרעמיער פון דער עמיגראַציע־רעגירונג). ווי גע־וועזענע פּוילישע בירגער, זענען מיר, ווי אַלע פאַרשיקטע אין די לאַגערן, געוואָרן באַפרייט. דער רוב פון זיי איז איבערגעפאָרן אויף דרום, אין מיטל־אַזיע. נאָך אַ זייער שווערער רייזע אין לאַסט־וואַגאָנען, זענען מיר אָנגעקומען קיין דזשאַמבול. עטלעכע טעג זענען מיר אויפן גאַס, נישטאָ ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. ענדלעך באַקומען מיר אַ ווינקל, נאָר דאָס קינד ווערט שטערבלעך קראַנק און דאָס אומגליק קומט... אַ טייל פון אונדזער לעבן איז געבליבן אויפן בית־הקברות אין דזשאַמבול.

נאָר דאָס לעבן גייט ווייטער. מיין מאַן און איך אַרבעטן, מ׳זאָל האָבן צו עסן, נאָר די הערצער זענען צעווייטיקט. הגם דזשאַמבול ליגט הונדערטער קילאָמעטער ווייט פונעם פראָנט, הערשט אין דער שטאָט הונגער און נויט. האַלב נאַקעטע מענטשן אויף די גאַסן בעטן אַ שטיקל ברויט. און צו דער אָרעמקייט בושעוועט נאָך אַ טיפוס־עפּידעמיע.

אין יענע אומעטיקע טעג, ווער איך פריידיק איבעראַשט, ווען איך באַגעגן צופעליק דעם אָסטראָווער ייד יוקל ביאַלאָוויטש, וואָס דערציילט מיר פון נאָך שטעטישע יידן: יוסף שאָף, אברהם ראָזנבוים, אסתר פאַכטשעראָוויטש, יאַנקל יוכט מיט זיין פרוי, אויך געצל עקהאַוס מיט זיין משפחה. מיר האַלטן זיך צוזאַמען ביזן סוף פון דער מלחמה, ווי איין משפחה.

אין מאַי 1945 האָבן מיר ענדלעך זוכה געווען צו דער קאַפּיטולאַציע פון די דייטשן. מען טאַנצט אין די גאַסן פאַר פרייד צוליב דער פאַרענדיקטער מלחמה. אָבער מיר יידן ווייסן שוין וועגן דעם גרויסן חורבן. נישטאָ מער קיין היים, נישטאָ מער די נאָענטסטע מענטשן אונדזערע. עס קלינגט אומגלויבלעך, נאָר דאָס איז דער ביטערער אמת. מיך זענען אַ טייל אָסטראָווער מקנא: מיין טייערער פאָטער און דער עלטערער ברודער משה זענען געבליבן לעבן. נאָר ווי קאָן איך פאַרגעסן מיין מאַמען? מיינע ברידער ברוך, מרדכי, נתן, בערעלע? מיינע שוועסטערן שיינע מרים, שרה מלכה און חנה גאָלדע, די באָבע, די טייערע פעטערס, מומעס, זייערע קינדער?

מיט האָפענונג און צווייפל קומען מיר קיין פוילן, מיט דער רעפּאַטריאַציע פון ראַטן־פאַרבאַנד. אפשר פאָרט טרעפן די ניצול געוואָרענע פאָטער און ברודער — נאָר זיי האָבן שוין פאַרלאָזט די פאַרשאָלטענע פוילישע ערד, צוליב דעם הערשנדיקן אַנטי־סעמיטיזם. מיר זענען אָנגעקומען קיין פוילן אין דער צייט פון פּאָגראָם אין קעלץ. צעווייטיקט און פאַרקלעמט פון די אַלע צרות און שרעקלעכע איבערלעבונגען, טרעפן מיר זיך אין דייטשלאַנד. מיין מאַן ווערט קראַנק אויף טיפוס. אויך ער האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע משפחה — טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, די קוזינס וואָס האָבן געוווינט אויף דער רוסישער זייט.

אינעם הייליקן לאַנד פון אונדזערע טרוימען, אין דער אויפגעריכטער יידישער מדינה, קומען מיר ענדלעך אין חודש יאַנואַר 1949, כדי דאָ אָנהייבן פונדאָסניי — אין לעבעדיקן אָנדענק נאָך אונדזערע קדושים...

וואַנדערונגען אין די יאָרן 1939—1945

טובה אלקון ז״ל

אונדזער שטעטל איז ביז דעם חורבן געווען באַוווינט פון אָרעמע, אָבער אָרנטלעכע מענטשן. געווען אויך אַ קליינע צאָל פאַרמעגלעכע יידן. איך האָב ליב געהאַט דאָס שטעטל, הגם מיט פרנסה איז געווען זייער שווער, נאָר דער רוב יידן האָט זיך ווי ס׳איז אַן עצה געגעבן. יעדן דאָנערשטיק איז פאָרגעקומען אַ גרויסער יאַריד. די פויערים פון דער סביבה האָבן געבראַכט זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן און כמעט אַלץ פאַרקויפט. דערנאָך זענען זיי מיטן געלט אַוועק אין די געשעפטן און איינ־געקויפט וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. מיר האָבן גוט געלעבט מיט די פּאָליאַקן, נישט געליטן פון אַנטיסעמיטיזם.

די יוגנט אין שטעטל האָט זיך אָרגאַניזירט אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן. די „התאחדות״ האָט געהאַט אַ גרויסע מאָדערנע ביבליאָטעק. פאָרזיצער איז געווען ד״ר לאַסט. ס׳האָט זיך אויך געשאַפן אַ סניף פון „הפועל המזרחי״ און „השומר הדתי״. מיין מאַן האָט פיל מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט. די יוגנט האָט אָבער נישט געהאַט וואָס צו טאָן אין אָסטראָווע, זענען פיל געפאָרן קיין בראַזיל, אַרגענטינע, אָבער די מערהייט איז אַוועק קיין וואַרשע. זיי פלעגן קומען אַהיים אויף פּסח און סוכות און געבראַכט אין שטעטל אַ ביסל פרייל עכקייט.

אין אָסטראָווע זענען אַלע געווען פרום. אַ גאַנצע וואָך האָט מען געלעבט ווי ס׳האָט זיך געלאָזט. אָבער אויף שבת האָט מען אָנגעגרייט פון כל־טוב. שוין פרייטיק פאַרנאַכט זענען אַלע געשעפטן געווען פאַרמאַכט. נאָכן דאַווענען איז דאָס שטעטל געווען באַלויכטן פון די שבת־ליכט אין די פינקלדיקע, מעשענע לייכטער. פון אַלע היימען האָט זיך געהערט דער ניגון פון די שבתדיקע זמירות. אַזוי איז געגאַנגען יידיש לעבן אין אָסטראָווע, ביז דעם אויסברוך פון דער מלחמה, וועלכע האָט אומ־געבראַכט מיליאָנען יידן.

אונטערן נאַצישן שטיוול

מיר האָבן געוווינט אין אָסטראָווע ביז 1940. איך, מיין מאַן און צוויי קינדער — אַ טאָכטער מיט אַ זון. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז מיין זון אַלט געווען דריי חדשים. נאָכן אָקופּירן אָסטראָווע, זענען די דייטשן געקומען אין שטעטל צוויי

מאָל אַ וואָך, כדי אַדורכצופירן פּאָגראָמען, וועלכע זיי האָבן גערופן „יודען־טעג" — און אַזוי אַרום חרוב געמאַכט דעם ייִדישן ישוב. אַ געוויסן טאָג האָבן זיי אָנגעצונדן אַ גרויס פייער פאַרן מאַגיסטראַט און באַפוילן די ייִדן צו ברענגען אַלע ספרים און ביכער מיט ייִדישע אותיות, וועלכע זיי האָבן פאַרברענט און דערביי זיך געמאַכט אַ גרויסן יום־טוב, פיל געלאַכט. דאָס פייער איז געגאַנגען אַזוי הויך, אַז דער הימל איז געוואָרן אינגאַנצן רויט. דער חורבן איז געווען גרויס. אונדז איז שווער געווען צו פאַרשטיין, וויאַזוי מענטשן קאָנען טאָן אַזאַ זאַך. אָבער פאַר זיי איז דאָס נאָך געווען ווייניק. זיי זענען אַריין אין שטוב פון מענדל געליס, ווען ר'האָט געדאַוונט. ער איז געווען אַ פרומער חסיד און אַ בן־תורה. ווען כ'האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער האָב איך געזען, ווי מען פירט אים אין דעם טלית און תפילין אויפן קאָפּ, מיט דעם סידור אין האַנט. מ'האָט אים געצוווּנגען צו זינגען ייִדישע לידער, זיי האָבן געלאַכט און אים געפייניקט.

ס'האָט זיך גראָד אַראָפּגעלאָזט אַ שלאַקס־רעגן, ממש אַ מבול, האָבן מענטשן געטראַכט, אַז דאָס וויינט דער הימל. די דייטשן האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט די צוויי „יידן־טעג" און איינגעפירט נאָך אַ טאָג — דאָנערשטיק, ווען ס'קומט פאַר דער יאַריד. זיי האָבן פאַרזאַמלט די פאָלקס־דויטשן פון די אַרומיקע דערפער און אָרגאַ־ניזירט פּאָגראָמען אויף ייִדן, וועלכע מ'האָט געשלאָגן, געהרגעט, ראַבירט, אויסגעהאַקט שויבן. ייִדן האָבן זיך באַהאַלטן, ווו מ'האָט געקאָנט. איך מיט מיינע צוויי קינדער (מיין מאַן איז פריִער אַוועק פון שטעטל), דער פעטער שלמה מיט זיינע צוויי זין האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ דאָרף, ביי אַ פּוילישן פריינד, וואָס האָט געאַרבעט אין מאַגיסטראַט. דאָס האָט ער געוואָרנט, אַז אַלע פיר (מיין מאַן, דער פעטער שלמה און זיינע זין) געפינען זיך אויף דער רשימה זיי צוצונעמען נאָך די נאַכט. דערפאַר בין איך געבליבן אַליין אין שטעטל, מיט די צוויי קליינע קינדער און שוויגער. מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין דער קאַמער מיט האָלץ, פאַרגרייט אויף ווינטער. פון דער קאַמער האָבן מיר דורך אַ קליינער שפּאַרע געזען ווי די דייטשן זענען אַוועק און מ'איז צוריק אַריין אין שטוב.

ערשט דאָ האָבן מיר דערזען דעם חורבן. זיי האָבן אַלץ צעראַבירט, אויסגעהאַקט די שויבן פון די גלעזערנע טירן און פענצטער. ס'איז דעמאָלט געווען ווינטער, מיט שטאַרקע פרעסט. זיי האָבן געפונען אַ פלעשעלע נאַפט און אַ ביסל עסן פאַר די קינדער, האָבן זיי דעם נאַפט אַריינגעגאָסן אין דעם עסן, כדי מיר זאָלן ביינאַכט זיצן אין דער פינצטער און די קינדער זאָלן נישט האָבן וואָס צו עסן.

ס'איז נישט צו באַשרייבן וואָס מיר האָבן געליטן אין די צוויי־דריי חדשים, ביז

מײַן מאַן איז צוריק געקומען פֿון יענער זײַט בוג און מיך מיט די קינדער גענומען קײן דאָמאַטשעווע, אַ קלײן שטעטל. מיר האָבן געוואָלט מיטנעמען ר׳ שלמהן ז״ל מיט זײַנע צווײ זין, נאָר ער איז נישט באַשטאַנען, ווײַל ר׳האָט זײ געוואָלט האָבן אין דער הײם, מיט זיך. זײ זענען אַלע אומגעקומען.

כדי צו אַנטלױפֿן קײן דאָמאַטשעווע, האָבן מיר געדונגען בײַ אַ באַקאַנטן פּאָליאַק אַ פֿור, אױסגעבעט מיט שטרױ און זיך געלאָזט אין דעם געפֿערלעכן וועג — איך, מײַן מאַן לײבל און אונדזערע צוויי קינדער. מ׳איז בשלום אָנגעקומען קײן דאָמאַטשעווע, נאָר דאָ האָבן זיך ערשט אָנגעהױבן די אמתע צרות. דאָס שטעטל איז געווען איבער־פֿולט מיט פּליטים, איבער וועלכע די דײַטשן האָבן זיך פֿרײלעך געמאַכט. פֿון פֿאַר־נאַכט איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן צו זײַן אין גאַס. יעדע משפּחה האָט זיך געמוזט אָנגרײטן אַ ביסל וואַסער פֿונעם אײנציקן ברונעם אין שטעטל. דער עמער, אָנגעבונדן מיט אַ שטריק, האָט מען געמוזט אַראָפּלאָזן טיף אין ברונעם, אָנשעפּן וואַסער און אַרױפֿציִען. זענען די דײַטשישע באַנדיטן געשטאַנען בײַם ברונעם און גאַנץ אָפֿט אױסגעגאָסן דאָס וואַסער.

מיר האָבן געוווינט בײַ דער משפּחה פֿון משה אַלעכּיס. כ׳ווײס נישט, אױב דאָס איז געווען זײַן ריכטיקער נאָמען. זײ האָבן געהאַט זיבן קינדער און געלעבט אין גרױס אָרעמקײט, אין אײן צימער מיט אַ קלײן אַלקערל. אױך איך מיט מײַנע צוויי קינדער האָבן דאָרט געוווינט. מײַן מאַן איז שוין געהאַט אַריבער די גרענעץ צו די רוסן. מיט אַמאָל איז די משפּחה געוואָרן רײַך, מ׳האָט גוט געגעסן. דײַטשן האָב זיך אָפֿט באַוויזן בײַ זײ אין שטוב. מעגלעך, אַז ער האָט מיט זײ מיטגעאַרבעט. ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט אַריבערפֿירן מענטשן איבער דער גרענעץ, אַהין און צוריק. אײן מאָל איז אױך מײַן מאַן געקומען מיט אים. האָבן מיר באַשלאָסן, אַז ער זאָל אונדז אַריבערשיקן אױף דער צווייטער זײַט. משה אַלעכּיס האָט געבראַכט אַ שליטן, מיר האָבן באַצאָלט דעם פּאָליאַק 10 טויזנט זלאָטיס און אַלץ איבערגעלאָזט בײַ משהן אין שטוב. שפּעטער האָט זיך אַרױסגעוויזן, אַז ער איז געווען אַ מוסר. ער האָט אַלע משפּחות צוגעפֿירט צו דער דײַטשישער קאָמענדאַנטור. אַזוי ווי מײַן מאַן האָט געקענט דעם וועג וואָס פֿירט אין דער קאָמענדאַנטור, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פֿון שליטן און דורך אַן אַנדערן וועג אַריבער צו אַ באַקאַנטן גוי, וואָס האָט אים אַריבערגעפֿירט איבערן געפֿרוירענעם טײַך בוג.

אונדז האָט דער שליטן צוגעפֿירט אין דער קאָמענדאַנטור, וווּ די דײַטשן האָבן אונדז געשלאָגן מכּות רצח און געצוווּנגען אָנצושרײַבן אױף פּויליש, אַז מיר זענען בשלום אָנגעקומען און אַלע מעגן מיט אים פֿאָרן. מ׳האָט בײַ אונדז צוגענומען אַלץ

וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, נאָר מיך געלאָזט מיטנעמען אַ פּעקל שמאַטעס פאַר די קינדער. מ׳האָט אונדז געהייסן פאָרן צו די רוסן, באַגלייט מיט שפּאָטישן געלעכטער: „פאָרט יידן קיין פּאַלעסטינע״. ווען מיר זענען שוין געווען אויף דעם צווייטן ברעג פון טייך בוג, בין איך אַנידערגעפאַלן מיט די קינדער. ווי פון שניי זענען אויסגעוואַקסן דריי הויכע רוסן, אונדז אויפגעהויבן און באַפוילן צו גיין.

אין סאָוויעטישן גלות

נאָכן אָפּגיין אַ שטיקל וועג, זענען מיר אָנגעקומען צו אַ הייזקע ביי דער גרענעץ. מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ וואַרעמע שטוב, ווו די רוסן האָבן אונדז גענומען ראַטעווען, אַראָפּגענומען פון אונדז די נאַסע שמאַטעס. דעם מיידעלע איז געווען נישט גוט, שמואל האָט שוין נישט געהאַט קיין אָטעם. איז דער עלטערער רוס צו אים צו־געגאַנגען, געזאָגט אַז דאָס קינד לעבט, נאָר מ׳דאַרף עס דערמונטערן. ער האָט אַריינ־געאָטעמט אין זיין מויל און אָפּגעראַטעוועט. דאָס קינד האָט פּלוצלינג אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. די רוסן האָבן געהייסן דעם פויער געבן אַ ביסל מילך פאַר די קינדער און מיר. זיי האָבן אַלעמען געהייסן זיך לייגן אויפן פּיעקאַליק, אין וועלכן זיי באַקן ברויט. דאָרט איז געווען וואַרעם.

דעם צווייטן טאָג, גאַנץ פרי, האָבן זיי מיך גערופן מיט די קינדער און גענומען אויספרעגן, פאַר וואָס כ׳בין אַריבער די גרענעץ. כ׳האָב דעם אויספאָרשער געזאָגט דאָס זעלבע, וואָס כ׳האָב געזאָגט ביי דער גרענעץ: אַז מיין מאַן איז אַ שניידער, ער אַרבעט אין בריסק און איך האָב געוואָלט צו אים פאָרן. איז אָבער אויסגעבראָכן די מלחמה, כ׳בין געבליבן אַליין מיט צוויי קליינע קינדער און כ׳האָב זיי נישט וואָס צו געבן צו עסן. איצט איז ווינטער מיט גרויסע פרעסט און כ׳האָב נישט געהאַט מיט וואָס צו הייצן. איך בין אָרעם, דעריבער האָב איך באַשלאָסן זיך צו לאָזן אין אַזאַ שווערן און געפערלעכן וועג מיט קליינע קינדער. דער אויספאָרשער האָט מיר געגלויבט. די רוסן האָבן איבערגעגעבן, אַז ס׳איז נאָר וואָס אָנגעקומען אַ באַשטעטיקונג פון בריסק מיט אַלע פּאַפּירן — און מ׳קען אונדז באַפרייען. זיי האָבן אונדז געגעבן באַן־בילעטן ביז בריסק און איך האָב זיי האַרציק באַדאַנקט. די דריי גרענעץ־וועכטער האָבן אונדז צוגעפירט צום וואָקזאַל, אַריינגעזעצט אין באַן, אפילו געקושט די קינדער און געווונטשן אַלדאָס גוטס. מיר זענען בשלום אָנגעקומען קיין בריסק, צו מיין מאַנס משפחה. נאָר איצט הייבט זיך אָן אַ נייַ קאַפּיטל — רוסלאַנד.

מיר האָבן קוים באַוויזן זיך איינצואָרדענען אין בריסק, האָבן זיי אַ פרייטיק־צו־

נאָכטס צוזאַמענגענומען אַלע מענטשן וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון דייטש, נאָר זיך שפּעטער רעגיסטרירט צוריק צו פֿאָרן קיין פּוילן, ווו דער דייטש האָט געהערשט. מ׳האָט אונדז אַרייַנגעפּאַקט אין לאַסט-וואַגאָנען, אין וועלכע מ׳האָט פֿריִער געפֿירט בהמות און פֿערד און פֿאַרשיקט קיין סיביר אויסצוהאַקן וועלדער און דיביימער שיקן מיטן וואַסער („ספּלאַוו"). מיר זענען דאָרט אויסגעשטאַנען געברענטע צרות. די קאַמאַרן האָבן ממש אויפֿגעגעסן, שוין אָפּגערעדט פֿון דער קאַטאָרגע־אַרבעט, שוואַכע באַשפּייזונג, שמוץ און קראַנקייטן.

אַ דאַנק דער אַזוי גערופֿענער שיקאָרסקי־אַמנעסטיע, האָט מען באַפֿרייט אַלע פּוילישע בירגער. אונדז האָט מען געשיקט קיין אוזבעקיסטאַן, ווו מיר זענען פֿאַרבליבן אַ לאַנגע צייט. שפּעטער איז געקומען דער רוף צו מאָביליזירן זיך אין פּוילישן מיליטער פֿון גענעראַל אַנדערס. מ׳האָט גענומען אונדזערע מענער און פֿאַרזיכערט, אַז נאָכן קריג וועט מען אַלע פֿרויען מיט די קינדער אָפּשיקן צו די מענער קיין פּוילן. מיין מאַן לייבל און זיין חבר וואַכטעל, האָבן זיך גלייך צוגעשטעלט. מ׳האָט זיי אָנגעטאָן מונדירן און אַוועקגעשיקט צו דער באַן, ווו ס׳זענען שוין געווען פֿאַרזאַמלט פֿיל סאָלדאַטן פֿון אַנדערס אַרמיי. איך מיט מיינע צוויי קליינע קינדער און פֿרוי וואַכטעל מיט איר מיידעלע זענען געבליבן אויפֿן אָרט.

אויפֿן וועג צו דער מיליטערישער באַזע האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די יידישע פֿרויען וועט מען נישט שיקן צו זייערע מענער. מיין מאַן מיטן חבר זענען אויף אַ געוויסער סטאַנציע געשפּרונגען פֿון צוג און צריקגעקומען צו אונדז. שפּעטער האָבן מיר זיך פֿון דאָרטן אַרויסגעצויגן אין אַ געגנט פֿון אוזבעקישע יידן. כ׳געדענק נישט ווי לאַנג מיר זענען דאָרט געזעסן, ביז ס׳איז געקומען אַ באַפֿעל, אַז מ׳זאָל אַלע געוועזענע פּוילישע בירגער שיקן אַהיים. האָבן מיר צוזאַמענגענומען די פּעקלעך, געפֿאָרן צו דער באַן־סטאַנציע אין דער גרויסער שטאָט קאָקאַנד. דאָרטן זענען מיר געלעגן אויף דער גאַס אַ 7 טעג, ביז מ׳האָט אונדז אָנגעלאָדן אין לאַסט-וואַגאָנען און אַוועקגעשיקט אויף אַ רייזע פֿון טויזנטער קילאָמעטערס, איבער אַ וויסטן מדבר, ווו מיר האָבן געזען נאָר הימל און ערד. יעדעס מאָל האָט זיך דער צוג געשטעלט, מ׳זאָל קאָנען כאַפּן אַ ביסל לופֿט און ליכט, ווי אויך אויפֿקאָכן אַ ביסל וואַסער אויף אַ פֿייער, וועלכן מיר האָבן געמאַכט פֿון שטיקלעך צונויפֿגעקליבענע האָלץ און שפּענדלעך.

איין מאָל האָב איך פֿאַרשעפּטיקט מיט אַ מינוט־צוויי און דער צוג האָט גערירט, בין איך נאָכגעלאָפֿן דעם צוג מיטן טעפּל הייסע וואַסער, נישט געוואָלט עס אַוועקוואַרפֿן, ווייל כ׳האָב די צוויי קליינע קינדער געוואָלט מיט עפּעס דערגערן. איך ווייס

נישט ווי אַזוי מיר איז געלונגען אַרויפצוגיין אויפן פּאַרנדיקן צוג מיטן טעפּל הייסע וואַסער.

צוריק אין פּוילן

נאָך לאַנגע וואָכן פאָרן, זענען מיר אָנגעקומען קיין פּוילן. מ'האָט אונדז געשיקט קיין שטשעטשין. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צרות. די פּאָליאַקן האָבן געשלאָגן יידן, געוואָרפן שטיינער און געהאַקט שויבן. יידן האָבן זיך אָרגאַניזירט. די רעליגיעזע האָבן געגרינדעט אַ קיבוץ פון „הפּועל המזרחי״. אויף אַ געוויסן שטח האָבן מיר געפונען אַ ליידיק הויז מיט אַ גרויסן הויף, אַרומגעצוימט מיט אַ פּלויט. מיר האָבן זיך באַזעצט אין קיבוץ, אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט. מיין מאַן, לייבל אַקון, וואָס איז נאָך אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן געווען טעטיק אין דער פּאַרטיי, איז געוויילט געוואָרן אין קאָמיטעט. אַלע אין קיבוץ, יונג און אַלט, האָבן געמוזט אַרבעטן. מיר האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דער „בריחה״, ד. ה. — אומלעגאַל אַריבערפירן יידן אין נישט ווייטן בערלין, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. מיר האָבן אויך אָנגעהויבן שטעלן אַ ווידער־שטאַנד די פּוילישע כוליגאַנעס און זיך פאַרטיידיקט, ווי נאָר די אַנטיסעמיטן האָבן זיך דערנענטערט צום קיבוץ.

כ'וויל דאָ דערציילן אַן עפּיזאָד פון אַ משפּחה פון אונדזער שטעטל אָסטראָווע — יצחק גאָלדשטיין מיט זיין פרוי פריידל און זייער מיידעלע ציפּורה (היינט אין ישראל). ווען כ'בין אין שטשעטשין געקומען צום זאַמלפּונקט, האָב איך זיי געטראָפן זיצן אין אַ ווינקל, ווו זיי האָבן געוואַרט אין דער ריי אַריבערצופאָרן קיין בערלין. בין איך אַוועק צום קאָמיטעט און דערציילט, אַז די משפּחה גאָלדשטיין זיצט מיט אַ קליין קינד און וואַרט צו שוואַרצן די גרענעץ. האָט מען זיי גלייך אַריבערגעשיקט קיין בערלין. אויך איך האָב געוואָלט וואָס פריִער אַריבער די גרענעץ, אָבער מיין מאַן האָט פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן פאָרן די לעצטע. ענדלעך איז געקומען אונדזער ריי. מיטן לעצטן טראַנספּאָרט, זענען מיר מיט אַלע קינדער אַוועק צו דער גרענעץ.

אויפן וועג קיין ארץ־ישראל

ס'איז געווען אַ שווערער וועג. מ'איז אָנגעקומען קיין בערלין זייער מידע, אָבער פרייע. נאָכן אָפּזיין אין שטאָט אַ געוויסע צייט, איז מען געקומען צו די כוחות און מ'האָט אונדז געשיקט קיין ראָזענהיים. דערנאָך זענען מיר געפאָרן קיין אַשאַי, נישט ווייט פון מינכען, ווו ס'איז געווען די צענטראַלע פון הפּועל המזרחי. דאָס איז געווען אונדזער

לעצטע סטאַציע אין דייטשלאַנד. פון דאַנען זענען מיר שוין געפאָרן קיין פראַנקרייך, און דערנאָך — גלייך קיין ישראל.

מיר זענען אָנגעקומען אין דער ייִדישער מדינה ענדע סוכות 1948. מ'האָט אונדז געשיקט קיין פרדס־חנה, ווייל דאָרטן זענען געווען ליידיקע באַראַקן פון בלעך, וועלכע די ענגלענדער האָבן איבערגעלאָזט. אין זיי האָט מען באַזעצט די נייע עולים. מיר האָבן גענומען קלערן וועגן תכלית. אין צווישנצייט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין לאַנד געפינט זיך מיינער אַ ברודער. צוזאַמען האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מ'דאַרף אַרויס פון פרדס־חנה און זוכן אַרבעט. מיר האָבן באַקומען אַ דירה אין גבעת עליה, נאָענט צום ים. די דירה איז געווען אין דער הייך, ליידיק, בלויזע 4 ווענט, אָן טרעפּ. האָבן מיר אַליין געמאַכט טרעפּ פון האָלץ. אַזאַ דירה האָבן מיר נישט געזען. דאָך האָבן מיר גע־וווינט אין איר 6 יאָר. ביסלעכווייז האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט.

מיין מאַן לייבל האָט אַ לאַנגע צייט געאַרבעט אין שטאַב פון צה"ל, ביז הפּועל המזרחי האָט אים גענומען אַרבעטן אין דער פּאַרטיי. אויך איך האָב באַקומען אַרבעט אין „דאַנאַלאַ"־שפּיטאָל, נישט ווייט פון דער היים. דערווייל זענען די קינדער אונטער־געוואַקסן. די טאָכטער עדינה האָט מען געשיקט קיין ירושלים לערנען אין אַ לערער־סעמינאַר. מיין זון האָט געלערנט אין בת־ים, געווען אַ גוטער שילער און געענדיקט דעם חיפהער טעכניקום אַלס אינזשעניער פאַר עלעקטראָניק. איך און מיין מאַן האָבן שווער געאַרבעט, אָבער געווען צופרידן.

מיין מאַן איז אין יונגן עלטער פון 55 יאָר נפטר געוואָרן. מיינע קינדער, געבוירן אין אָסטראָווע, זענען די איינציקע קינדער, פאַרבליבן פון שטעטל.

איבערגעלעבט די מלחמה אין ראַטן־פאַרבאַנד

יצחק גאָלדשטיין

אין סעפטעמבער 1939, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָב איך געלעבט און געאַרבעט אין וואַרשע. איך געדענק די בהלה אין דער הויפטשטאָט פון פוילן, ווי נאָר ס'האָבן אָנגעהויבן פאַלן די ערשטע באָמבעס, וועלכע האָבן געזייעט חורבן, טויט און שרעק. מענטשן זענען געלאָפן, דער עיקר אויף מזרח, הגם קיינער האָט נישט געהאַט קיין באַשטימטן ציל. איך האָב באַשלאָסן צו גיין אַ היים, דאָס הייסט — אין מיין געבורט־שטעטל אָסטראָווע. צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָרל פון לעווערטאָוו, האָט מען זיך געלאָזט אין וועג אַריין. במשך די 4 טעג וואַנדערונגען, זענען מיר געווען עדות פון כסדרדיקע לופט־אַטאַקעס פון דייטשישע עראָפּלאַנען אויף די לאַנגע קאָלאָנעס פון פּליטים פוסגייער, צי אויף וועגענער און ראָווערן. ס'זענען געפאַלן אַ סך קרבנות פון דער ציווילער באַפעלקערונג. 4 טעג האָט געדויערט אונדזער יסורים־וועג, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין לעווערטאָוו. גראָד דעם טאָג האָבן די דייטשן שוין געהאַט פאַרנומען דאָס שטעטל און אַרויסגעטריבן אַלע יידן. דאָך איז מיר געלונגען צו דערגיין ביז אָסטראָווע.

דאָ האָב איך געטראָפן מיין טאַטן און די פרייד פון דער באַגעגעניש איז געווען גרויס. די ערשטע אַרבעט צו וועלכער מיר האָבן זיך גענומען — צוגרייטן האָלץ אויף ווינטער, מ'זאָל נישט ליידן פון קעלט. ביינאַכט בין איך מיטן טאַטן אַוועק אויפן פערד־מאַרק, פון דאָרט אַראָפּגענומען די קלעצער צו וועלכע מען פלעגט צובינדן די פערד, געבראַנגט זיי אַ היים, צעזעגט, צעהאַקט און באַהאַלטן אין דער קאַמער.

פון יענער זייט בוג האָט זיך אומגעקערט מיין חברטע, וואָס האָט מיך צוגערעדט מיר זאָלן אַריבער די גרענעץ, צו די רוסן. אמת, אויך דאָרט איז נישט אַזוי פריילעך, מען ליידט אָבער נישט פון באַליידיקונגען, דערנידעריקונגען און צרות ווי ביי די דייטשן. נישט לאַנג געטראַכט, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין און אָנגעקומען אין טאָמאַשעווקע, וווּ ס'האָט געוווינט מיין שוועסטער. נאָר דאָרט איז געווען אַ גרענעץ־זאָנע און פרעמדע האָבן נישט געטאָרט וווינען. זענען מיר אויף אַ פור אַוועק קיין מאַטשעיִוו, אַ שטעטל הינטער קאָוועל. דאָ האָבן מיר געשטעלט אַ חופה. אין דער שטאָט האָבן מיר אויך געטראָפן די שוועסטערן פון מיין פרוי: שרה, גיטל, גאָלדע

און פּאָלע, מיט מנשה רובינשטיין, ווי אויך מיין שוועסטער. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע זענען געווען פּליטים, אַזוי ווי מיר.

איך האָב געאַרבעט ביי די רוסן, אַלץ האָט דאָך געהערט צו דער מלוכה. מנשה האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַ בעקעריי. אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט דאָס פאַר־העלטניסמעסיקע נאָרמאַלע לעבן. די רוסן האָבן אַדורכגעפירט די באַרימטע רעגיסטראַציע „ווער עס וויל צוריקפאָרן קיין פוילן" און דערנאָך די אַלע פאַרשריבענע אַריינגעזעצט אין עשאַלאָנען און פאַרשיקט קיין טיף רוסלאַנד, צי אויף סיביר אויף צוואַנג־אַרבעטן. במשך 4 וואָכן האָט אונדזער עשאַלאָן זיך געשלעפּט איבער דער ברייט פון רוסלאַנד. אין יעדן וואַגאָן זענען געווען 40 מענטשן. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין נאָוואָ־סיבירסק. פון דאָרט האָט מען אויף אַ שיף אונדז אוועקגעפירט אין דער טייגע מיט ריזיקע וועלדער, וועלכע מיר האָבן באַדאַרפט אויסהאַקן און שיקן דאָס האָלץ מיטן „ספּלאַוו". אַזוי ווי ס'איז געווען איינגעשטעלט אַ נאָרמע וויפלביימער אויסצוהאַקן, און לויט דעם האָט מען צוגעטיילט די ברויט־פּאַרציע — איז זיך פאַרצושטעלן, אַז עלטערע מענטשן, שוואַכע, קראַנקע, זענען נישט געווען מסוגל נאָכצוקומען דער נאָרמע. שוין אָפּגערעדט פון די שווערע, אַנטי־סאַניטאַרע לעבנס־באַדינגונגען אין די באַראַקן מיט פּריטשעס.

מיר זענען געווען אַ 4 טויזנט פאַרשיקטע פּוילישע בירגער, איבער 90% — יידן. אויך מיט וואַסער איז די לאַגע געווען אומדערטרעגלעך. וואַסער האָט מען געשעפּט מיט עמערס פון אַ גרוב און דאָרט זענען אָפּט אויסגעבראָכן געשלעגן. מיר שיינט, אַז אויסער די אַנדערע שווערע באַדינגונגען, איז דאָס וואַסער־פּראָבלעם געווען דאָס שאַרפסטע און אויף דעם באַדן איז טאַקע אויסגעבראָכן אַ שטרייק אין דער נאָוואָ־סיבירסקער געגנט. ס'איז זיך גאָרנישט פאַרצושטעלן אַזאַ פּראָטעסט־אַקציע אין די סאָוויעטישע באַדינגונגען, ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז אונדזער שטרייק איז געווען גוט אָרגאַניזירט און אַפילו געבערענגט רעזולטאַטן. אין גאַנצן ראַיאָן, ווי אין אונדזער לאַגער, האָבן זיך באַוויזן אַ סך נ. ק. וו. ד.־סאָלדאַטן מיט העכערע אָפיצירן, אַרעסטירט אַ סך מענטשן און געצוווּנגען צוריק זיך נעמען צו דער אַרבעט. נאָר גלייכצייטיק האָט מען אָנגעהויבן צוגרייטן אַ ברונעם מיט אַ גרויס ראָד, באַהאַנגען מיט צוויי פעסער, וואָס האָט זיך געדרייט אַראָפּ און אַרויף, וואָס פון איינעם פון זיי, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין דער הייך, האָט מען געקענט נעמען וואַסער.

אָבער די לאַגע פון עסן האָט זיך אַ סך פאַרערגערט. איז מען נאָך דער קאַטאָרגע־אַרבעט געלאָפן אין די אַרומיקע דערפער אויסטוישן אַ העמד, אַ בגד, אַ שיך — אויב דאָס האָט נאָך ווער געהאַט — אויף אַ ביסל שפּייז. 14 חדשים בין איך געווען אין

דער טייגע. ביז ס'איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער אָפּמאַך מיטן פּוילישן גענעראַל שיקאָרסקי צו באַפרייען פון די לאַגערן און פאַרשיקונג די געוועזענע פּוילישע בירגער. איז מען פון ווייטן צפון געפאָרן אַ סך טעג און נעכט קיין מיטל־אַזיע, ווו ס'איז געווען וואַרעם. אָבער דער עיקר — מיר זענען שוין געווען פרייע מענטשן.

צוזאַמען מיט מיין פרוי, אירע שוועסטערן און שוואָגער האָבן מיר געאַרבעט אין אַ קאָלכאָז, ביזן יאָר 1946, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די רעפּאַטריאַציע פון רוסלאַנד קיין פּוילן. אָבער אין פּוילן האָבן מיר געטראָפן אַ בית הקברות און זיך דערוווּסט וועגן דעם גרויסן חורבן וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק. מיר האָבן אויך געהערט, אַז ס'איז אַ געפאַר אַריינצופאָרן קיין אָסטראָווע. האָט מען זיך אָפּגעלאָזט קיין לאָדזש, ווייל דעמאָלט איז דאָרט געווען דער גרעסטער יידישער צענטער, ווו מיר האָבן געטראָפן אַ סך באַקאַנטע. זיי האָבן געהייסן פאָרן קיין שטשעטשין, ווו עס דאַרפן זיין אָסטראָווער. דאָרט האָבן מיר טאַקע געטראָפן די משפחה אלקון, וועלכע האָט אונדז פאַרבונדן מיט דער „בריחה", וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם אַרויספאָר פון פּוילן און די עליה קיין ארץ־ישראל.

פון שטשעטשין זענען מיר אויף לאַסט־אויטאָס געפאָרן קיין בערלין. נאָכן אָפּזיין דאָרט עטלעכע יאָר, האָבן מיר עולה געווען אין דער יידישער מדינה. אין ישראל האָט מען געטראָפן אַ סך לאַנדסלייט. די ערשטע צוזאַמענטרעפן פון אונדזערע שטעטישע יידן זענען פאָרגעקומען אין אונזער וווינונג אין יפו. מיט דער צייט איז אַנטשטאַנען אַן אַקטיווע לאַנדסמאַנשאַפט.

אַ בינטל זכרונות פון מיין משפחה

הענרי דומאַן

דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָב איך מיט מיין ברודער יעקב געוווינט אין וואַרשע. די הויפּטשטאָט פון פּוילן איז דעמאָלט שרעקלעך באָמבאַרדירט געוואָרן פון דער דייטשישער אַוויאַציע. די ערשטע טעג פון קריג, איז אונדז אויסגעקומען צו לעבן אין שרעק, הונגער און זאָרג — וואָס וועט זיין מאָרגן. אָבער נאָך מער האָבן מיר געליטן צוליבן אומוויסן פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין אונדזער געבורטס־שטעטל אָסטראָווע. ווייל אויסער דער פאַרצווייגטער משפּחה, פריינד, חברים און באַקאַנטע, זענען דאָרט אויך געבליבן אונדזער מוטער און ברודער יונה. מיר האָבן כסדר איבערגעקלערט וועגן זייער גורל און דעריבער זיך געלאָזט מיטן מעכטיקן שטראָם פּליטים, וואָס האָט אָנגעהויבן אַנטלויפן פון וואַרשע. די היטלעריס־טישע לופט־פּיראַטן האָבן אָן רחמנות געוואָרפן באָמבעס אויף די אומגליקלעכע און אומבאַוואָפנטע מענער, פרויען, קינדער, אַלטער לייט, וואָס האָבן געוואַנדערט אויף די שאָסייען און וועגן. אונדז איז נישט געלונגען אָנצוקומען קיין אָסטראָווע, ווו אונדזער מוטער און ברודער זענען אומגעקומען פון די דייטשן.

נאָך שווערע איבערלעבונגען אויפן וואַנדער־וועג וואַרשע — דער טייך בוג, זענען מיר אַריבער אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע, פונוואַנען מ׳האָט אונדז אָוועקגעפירט אין טיף רוסלאַנד, אין דער שטאָט גאָרקי. דאָרט האָט מיין ברודער יעקב חתונה געהאַט.

מיטן פאַרענדיקן די צווייטע וועלט־מלחמה, האָבן מיר מיט דער רעפּאַטריאַציע זיך אומגעקערט קיין פּוילן, פון דאָרט אַוועק אין אַ די.פּי.־לאַגער אין דייטשלאַנד, ווו כ׳האָב זיך באַקאַנט און חתונה געהאַט מיט מיין איצטיקער פרוי, פּאַלאַ. פון דייטשלאַנד איז אונדז געלונגען אויסצוואַנדערן קיין אַמעריקע. מיר וווינען אין דענעווער, קאָלאָ־ראַדאָ מיט אונדזער טאָכטער, זון, איידעם, שנור און פינף אייניקלעך.

אויך מיין ברודער יעקב האָט אויפגעשטעלט זיין היים אין דענוווער, נאָר געש־טאָרבן אין יאָר 1959.

אַ באַזוך אין שטעטל אין יאָר 1962

שרה ציפּורקין־וואַסערמאַן

אין די יאָרן פון דער מלחמה און נאָך איר, האָב איך געטרוימט צו זען מיין געבורט־שטעטל. צוריק קומענדיק קיין פּוילן נאָך דער באַפרייונג, האָב איך זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז כ׳וועל נישט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ביז איך וועל באַזוכן אָסטראָווע. מיין צוזאָג האָב איך פאַרווירקלעכט ערשט אין יאָר 1962. איך און מיין 15יאָריקער זון פעליקס זענען אַריינגעפאָרן קיין וואַרשע און דאָרט זיך געטראָפן מיטן היסטאָריקער פּראָפ׳ בערל מאַרק. ער האָט מיר געגעבן אַ בריוו צום אָסטראָווער שטאָטראַט, זיי זאָלן מיר געבן די מאַטעריאַלן און דאַטעס ווען און ווי אַזוי מ׳האָט אַרויסגעפירט די יידן, ווייל אין די אַרכיוון אין וואַרשע האָבן זיי נישט געהאַט די נייטיקע ידיעות.

צומערשט זענען מיר אַריינגעפאָרן קיין לובלין, באַזוכט דעם אַמאָליקן טויטן־לאַגער מיידאַנעק, מיט זיינע גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, אַדורכגעקוקט אַלע אַלבומען, אפשר וועל איך אָנטרעפן אויף באַקאַנטע נעמען און פּנימער. מיר האָבן אויך באַזוכט דעם לובלינער „זאַמעק" — דער היסטאָרישער שלאָס, וועלכער האָט הונדערטער יאָרן געדינט ווי אַ תּפיסה און איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזעום, געווידמעט דער געשיכטע פון דער שטאָט און באַזונדערס — אין די יאָרן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. איך האָב זיך דאָרט אָנגעטראָפן אויף פאַרשידענע נעמען פון פּוילישע העלדן, אומגעקומענע גלחים — אָבער נישט קיין יידישע נעמען. אין אָוונט זיך געטראָפן מיט לובלינער יידן אין אָרטיקן קלוב פון דער קולטור־געזעלשאַפט, איבערגענעכטיקט אין אַ האָטעל און צומאָרגנס אָפּגעפאָרן קיין אָסטראָווע מיט אַן אויטאָבוס. וועלכער שטעלט זיך אָפּ אין יעדער דאָרף און שטעטל.

אַנשטאָט די אַמאָליקע פאַרבלאָטיקטע וועגן, זענען שוין געווען שאָסייען, אַלץ איז עלעקטריפיצירט, אויך די דערפער. איך לעב איבער האַרץ־קלאַפּעניש, ווען דער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ אין לעווערטאָוו, ביי דער בעקעריי פון מיין קוזין איטשע יאָסל דומאַן. די בעקעריי אַרבעט נאָך איצט, אויך לעווערטאָוו האָט זיך נישט געענדערט. די זעלבע לובלינער גאַס, די האַלעס און דער רינעק — נאָר קיין יידן זענען נישטאָ. פון דאָרט זענען מיר אַריינגעפאָרן קיין אָסטראָווע. דער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ ביים מאַגיסטראַט. די שטאָט און די אומגעגנט האָט זיך כמעט נישט געענדערט. דער פּוילישער בית הקברות — אויפן זעלבן אָרט ווי פאַר דער מלחמה. די ווינטמיל איז

שוין נישטאָ. צוליב זיכערקייט־טעמים, האָבן די דייטשן אויסגעהאַקט דיביימער פון ביידע זייטן פונעם טייך טישמיעניצאַ, ווי אויך די ביימער נעבן מאַגיסטראַט און שול. דאַקעגן די גאַסן לעווערטאָווער, לובלינער, דער קלויסטער — אַלץ ווי געווען. אַזוי אויך די אישטימאָווער גאַס און קאַטשעניוווקע. די געוועזענע יידישע געשעפטן זענען פאַרמאַכט מיט די פּרענטן, וואָס שאַפט דעם איינדרוק, אַז מ׳האָט זיי נאָר וואָס געשלאָסן. נאָר אברהם רימערס געוועלב איז פאַרנומען מיט די עקספּאָנאַטן פונעם שטאָטישן מוזעום, ווייל אָסטראָווע האָט אַ שיינע און וויכטיקע פאַרגאַנגענהייט, פאַרבונדן אויך מיטן קאַמף קעגן די דייטשן — און דערפאַר באַקומען אייניקע מלוכהשע אויסצייכע־נונגען.

אַריינקומענדיק אין מאַגיסטראַט, האָב איך זיך דערפילט זייער שלעכט, אַפילו באַקומען אַ היסטעריע, נישט געקענט קומען צו זיך. מיין זון האָט זיי געמוזט דער־ציילן צוליב וואָס מיינע איבערלעבונגען. געוויסע באַאַמטע האָבן גערופן מיינע אַמאָליקע שול־חברים און מיט זיי האָבן מיר באַזוכט די שטאָט.

די גרויסע שיל, אויך אונדזער הויז — זענען פאַרניכטעט. אויפן פּלאַץ ווו אונדזער זיידע איצל וואַסערמאַן (פּאָלעסיאַק) האָט געהאַט די קאַשע־מיל, וועלכע האָט נאָך געאַרבעט ביזן יאָר 1961, שטייט איצט אַ דריי־שטאָקיקער בנין אין וועלכן ס׳געפינט זיך אַ שפּיטאָל. דער אַמאָליקער רינעק, פונעם מאַגיסטראַט ביזן „דאָם לודאָווי״ („פּאָלקס־הויז״), איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאָטישן פּאַרק מיט שפּילערייען פאַר קינדער. אַנטקעגן דעם פּאָלקס־הויז איז געבליבן שטיין די שטאַל, ווי אַ היס־טאָרישער אָנדענק, ווייל די דייטשן האָבן דאָרט געהאַלטן ערובניקעס. אויפן וואַנט פון דער שטאַל זענען אויפגעשריבן די נעמען פון די אומגעבראַכטע קרבנות.

איך האָב געוואָלט באַזוכן דעם יידישן בית־עולם, האָבן אונדזערע פּוילישע באַגלייטערס געראַטן נישט גיין אַהין, ווייל אַלץ איז דאָרט חרוב. אין מאַגיסטראַט האָט מען גענומען זוכן די דאַטעס, ווען מ׳האָט אַרויסגעפירט די יידן. זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז אין יענעם טאָג האָט מען נישט געקענט ברענגען צו קבורה אַ פּוילישע פרוי, ווייל דער צענטער פון שטאָט איז געווען פאַרנומען פון די צונויפגעטריבענע יידן, וועלכע מ׳האָט פון דאָרט אַוועקגעפירט. לויט דעם טויטן־אַקט פון דער פאַר־שטאָרבענער פרוי, האָבן זיי פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז געווען אין סוכות, דעם 7טן אָקטאָבער 1942. אויך אַנדערע פּאָליאַקן האָבן באַשטעטיקט, אַז דאָס איז געווען אין אַ יידישן יום־טוב „קוטשקי״ (סוכות).

די זעלבע פּאָליאַקן האָבן מיר איבערגעגעבן נאָך פאַקטן:

מ׳האָט באַפוילן אַלע יידן פון שטעטל זיך צונויפזאַמלען אַרום דעם מאַגיסטראַט

און פון דאָרט האָט מען זיי געטריבן צופוס קיין לעוואַרטאָוו. ווער ס׳האָט געהאַט מעגלעכקייטן, האָבן די דייטשן דערלויבט צו דינגען פערד־און־וואָגן. די פרוי ליב־האָבער, די אייגנטימערין פון אַ גרויס געשעפט נעבן שלום בעקער, האָט מיט געביילטע פויסטן זיך געוואָרפן אויף אַ דייטש, וואָס האָט זי דערשאָסן אויפן אָרט. זעליג לעוו האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און דערלאַנגט אַ פּאַטש אַ דייטשישן סאָלדאַט. אויך זעליקן האָט מען דערשאָסן. אַ סך מענטשן זענען געפאַלן פון קוילן און קלעפּ. אין לעוואַרטאָוו האָט מען אַדורכגעפירט נאָך אַ סעלעקציע. דעם רוב ייִדן האָט מען מיטן באַן אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע.

בעת מיין באַזוך אין אָסטראָווע, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איך, איצל וואַסערמאַנס אייניקל, געפינט זיך אין שטעטל. ס׳איז גראָד געווען דאָנערשטיק, דער מאַרק־טאָג. זענען פיל מענטשן געקומען מיך זען. צווישן זיי — דער בירגערמייסטער פון יאָר 1939 — מאַלעשוק. ער האָט מיר דערציילט פאַרשידענע געשיכטעס וועגן מיין זיידן, ווייל ער האָט מיט אים געהאַנדלט אַ סך יאָרן. צום סוף האָט ער מיר געזאָגט:

— אַלץ האָבן מיר — עלעקטרישע באַלייכטונג, גוטע וועגן, אָבער די שטאָט איז טויט. אָן ייִדן איז נישטאָ די לעבעדיקייט און אַטמאָספער ווי אַמאָל.

גראָד אינעם איצטיקן מאַרק־טאָג, האָב איך געקענט זען ווי דער בירגערמייסטער איז גערעכט. קיין פאַרגלייך צו די פאַרמלחמהדיקע מערק אין אָסטראָווע, ווו אַלץ האָט געלעבט און געאָטעמט מיט ייִדישן מסחר, טומל, אָפענע געשעפטן. איצט זעט מען נישט קיין סך חזירים־ און פערד־הענדלער. דער רוב געשעפטן — פאַרמאַכט. און די וואָס זענען אָפן, זענען דאָרט פאַראַן מער ליידיקע פּאָליצעס, ווי פולע.

איין פּאָליאַק האָט מיר דערציילט, אַז נעבן דער שיל האָט געוווינט פייגע אָקס מיט אַ זון און מומע מרים, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט ראַזמאַרינס זון, אברהם. מרים איז געווען אַ גוטע פעלצן־נייערין, האָבן זי די פּאָליאַקן אויסבאַהאַלטן מיטן קינד, און דעם מאַן — אויף אַ צווייט אָרט. ווען דער מאַן איז אַרויס פון זיין באַ־העלטעניש כדי צו באַזוכן די פרוי מיטן קינד, האָבן די דייטשן אים דערשאָסן. מעגלעך, אַז ס׳האָט ווער געמסרט. אַז מרים האָט זיך דערפון דערוווּסט, איז זי מיטן קינד אַרויס אין גאַס, ווו די דייטשישע רוצחים האָבן זי אומגעבראַכט.

אויך די פּאָליאַקן האָבן די היטלער־באַנדיטן ניט געשוינט. די פוילישע אינטע־ליגענץ פון שטעטל איז אומגעקומען. אַלע לערערס פון אָסטראָווע און פון די אַרומיקע דערפער, די באַאַמטע פון מאַגיסטראַט, געוועזענע מיליטער־לייט און סטודענטן זענען אומגעבראַכט געוואָרן פון דער דייטשישער מאָרד־מאַשין. ווי עס ווערט דערציילט

אינעם בוך פון פראַנטשישעק יוזשוויאַק, איז אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער פון די פּאַרצעווער וועלדער אַריין קיין אָסטראָווע, דערהרגעט און פאַרטריבן פון דאָרט דעם דייטשישן גאַרניזאָן. במשך 10 טעג האָבן די פּאַרטיזאַנער געהערשט אין שטעטל. דערנאָך זענען געקומען פאַרשטאַרקטע כוחות פון די דייטשן, פאַרטריבן די פּאַרטיזאַנער און כמעט חרוב געמאַכט די שטאָט.

וועגן אַ פאַל פון דערהרגענען אַ גרופּע דייטשישע זעלנער, וואָס זענען געפאָרן פון גרודעק אין דאָרף יאַם, האָט מיר דערציילט מיינע אַ געוועזענע שול־חברטע. די דייטשן האָבן דערנאָך נקמה גענומען אין די פּאַרטיזאַנער אויף אַ שרעקלעכן אופן. זיי האָבן געוווּסט אין וועלכע הייזער געפינט זיך דער פּאַרטיזאַנער־שטאַב, זענען זיי געקומען אין דאָרף יאַם און אונטערגעצינדן די הייזער מיט די מענטשן וואָס זענען דאָרט געווען. זיי זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. צווישן די אומגעקומענע איז אויך געווען די טאָכטער פונעם געוועזענעם בירגערמייסטער באַלעסטאַ, דאַנקאַ. דערנאָך האָבן זיי אונטערגעצינדן דאָס גאַנצע דאָרף, נישט איבערגעלאָזט קיין איין הייזקע.

אויך ביים פאַרלאָזן די שטאָט, אין יאָר 1944, בעתן צוריקטריט פון דער ווער־מאַכט, האָבן זיי אין אָסטראָווע דערהרגעט אַלע מענער. אָבער אַ סך זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער פאַר דעם.

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, האָב איך און מיין זון מורא געהאַט צו בלייבן נעכטיקן אין אָסטראָווע. אויך מיינע געוועזענע שול־חברים האָבן נישט פאַרגעלייגט קיין נאַכטלעגער אין שטעטל. זענען מיר גלייך אָפּגעפאָרן קיין לובלין, אָבער אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט קומען צו זיך פון די איבערלעבונגען במשך דעם טאָג. מיינע געדאַנקען זענען נאָך אַלץ געווען אין דער יידישער אָסטראָווע, וועלכע איז פאַרשניטן געוואָרן אויף אַזאַ אכזריותדיקן אופן.

אָבער אַ יידיש מיידל האָב איך יאָ דאָרט געטראָפן, אַ באַאַמטע אין מאַגיסטראַט. אַ פּוילישע פאַמיליע האָט זי אויסבאַהאַלטן. זי שטאַמט פון דאָרף קאָלכאָוויצע. איך געדענק נישט איר פאַמיליע־נאָמען. מיר איז נישט אויסגעקומען צו ריידן מיט איר אונטער פיר אויגן. ווען יאָ, אָן שום ספק אַז כ׳וואָלט איר אונטערגעזאָגט דעם געדאַנק וועגן פאָרן קיין ישראל...

אַ זומער־טאָג אין אָסטראָווע

ראַשע וו. וועל. זאַלאַדז (שטיגליץ)

אין 1983 בין איך געווען אין אייראָפּע און באַשלאָסן צו באַזוכן דאָס שטעטל, ווו איך בין געבוירן. פאַר מיר איז אָסטראָוו־לובעלסקי געווען אַ חלום פון די יוגנט־יאָרן, וואָס האָט מיך באַגלייט מיין גאַנץ לעבן.

איך האָב פאַרלאָזט מיין געבורט־שטעטל, צוזאַמען מיט מיין מוטער גאָלדע, אין יאָר 1938. מיר זענען אָנגעקומען קיין בראַזיל, אין אַ לאַנד וואָס האָט אונדז אויפ־גענומען מיט פריינדשאַפט — נאָך אַ שווערער רייזע, בעת וועלכער איך האָב פאַר־לוירן מיין עלטערן ברודער אויף דער שיף. מיט אונדז צוזאַמען איז אויך געקומען רוחמה, די פרוי פון פעטער ישראל און זייער זון אברהם. אין בראַזיל האָבן מיר געטראָפן מיין פאָטער שמחה און דעם פעטער ישראל שטיגליץ, וואָס זענען שוין געווען אין בראַזיל פון 1934, צוזאַמען מיט אַ סך יידן, וועלכע זענען געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן פוילן צוליבן שווערן מצב.

פון קינדווייז אָן האָב איך געהערט „אָסטראָוו". אַזוי האָבן זיך מיינע עלטערן אויסגעדריקט. תמיד דערמאָנט די מענטשן, זייער אַרט לעבן, זייער באַשעפטיקונג. ביי יעדעס מאָל דערמאָנען דאָס שטעטל, איז געווען אַ געמיש פון טרויער און ליבשאַפט, ווייל די פאַרבליבענע דאָרט, זענען אומגעקומען אין דעם היטלעריסטישן גיהנום. די שילדערונגען פון מיינע עלטערן פאַר מיר, מיין ברודער שמואל און שוועסטער מאַרלענאַ (שוין געבוירן אין בראַזיל), זענען תמיד געווען אינטערעסאַנט און באַ־לערנדיק.

איך האָב איבערגעלאָזט מיין שטעטל, זייענדיק נאָך אַ קינד. זענען נישט געבליבן קיין סך זכרונות, דעריבער האָט מען תמיד זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמ־קייט, וואָס די עלטערן האָבן דערמאָנט. אַ געוויסן טאָג האָב איך באַשטימט צו באַזוכן „די וועלט", וועלכע מ'האָט פאַר מיר געשילדערט און וואָס איז אויך אַ טייל פון מיר.

די דערמאָנונגען פון שטעטל האָבן אָנגענומען מער ערנסטע און קאָנקרעטע פאָרמען, ווען מיר פלעגן אויפנעמען לאַנדסלייט. די מענטשן וואָס האָבן זיך צונויפ־געטראָפן אין ריאָ־דע־זשענייראָ, האָבן שווער געהאָרעוועט און געגעבן זייערע קינדער

יידישע דערציונג מיט דער האָפענונג, אַז די צווייטע וועלט־מלחמה וועט זיך ענדיקן און מ׳וועט זיך ווידער זען אין שטעטל מיט משפחה, פריינד און באַקאַנטע.

אַ סך מאָל האָב איך געחלומט צו פאָרן קיין אָסטראָווע און באַזוכן דאָס אָרט פון וועלכן איך האָב אַזוי פיל געהערט. אין 1978, ווען איך האָב פאַרענדיקט מיין דאָקטאָראַט פון סאָציאָלאָגיע אין אוניווערסיטעט אין פאַריז, האָב איך באַשטעלט אַ פלי־בילעט, אָבער די לעצטע מינוט אַלץ אָפגערופן, ווייל כ׳בין געווען אין אַ פאַר־לעגנהייט. צי דאַרף איך באַזוכן דאָס שטעטל, ווייל וואָס וועל איך דאָרט געפינען?

ווי אַ יידיש קינד, האָבן מיר קיינמאָל נישט געפעלט קיין מאָטיוון צו קלערן וועגן די קולטור־שאַפונגען פון אונדזער פאָלק אין פוילן, די קהילות, דער גהויסער יידישער צושטייער צום אויפבוי פון לאַנד. אויך דער טיפּישער יידישער לעבנס־שטייגער האָט מיך נישט צורו געלאָזט. סוף־כל־סוף בין איך געפאָרן קיין אָסטרווו־לובעלסקי, אין באַגלייטונג פון מיין מאַן, וועלכער האָט די זעלבע געשיכטע ווי מיינע: געבוירן אין לאָדזש און אַלס קינד געקומען קיין בראַזיל, צוזאַמען מיט זיינע עלטערן.

מיט דער גרויסער עמאָציע צו זען דאָס ערשטע מאָל מיין שטעטעלע אין וועלכן איך בין געבוירן געוואָרן, האָבן מיר גענומען אַן עראָפּלאַן פון דייטשלאַנד, ווו מיר האָבן זיך געפונען און געפלויגן קיין וואַרשע. צו קומען קיין אָסטראָווע איז געווען אַ סך שוועריקייטן. דאָס ערשטע — די שפּראַך. איך קאָן נישט רעדן פּויליש און מיט יידיש בין איך געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, צי כ׳וועל האָבן מיט וועמען זיך צו פאַרשטענדיקן. פאַר מיר איז נישט געווען גענוג צו זען דאָס אָרט, די הייזער, די שטובן. איך האָב געוואָלט זוכן מענטשן, הערן פון זיי דערציילונגען, געשיכטע, זיי זאָלן פון מיר אַראָפּנעמען די פאַרהוילענישן פונעם חלום וואָס האָט געלעבט במשך די אַלע יאָרן.

אין האָטעל „פאָרום" אין וואַרשע, האָבן מיר געדונגען אַן אויטאָ מיט אַ יונגן שאָפער פון אַ יאָר 20, וואָס צו אונדזער מזל, האָט ער גערעדט ענגליש און פראַנ־צויזיש, אַזוי אַז מיר האָבן געהאַט דעם פּאַסיקן איבערזעצער.

ווען מיר זענען שוין געווען אין וועג קיין אָסטראָווע, האָט מיין האַרץ געקלאַפּט האַסטיקער. „אַלע מיינע חלומות ווערן טאַקע פאַרווירקלעכט". אויפן וועג האָבן מיר באַמערקט נעמען פון שטעט, וועלכע זענען תמיד דערמאָנט געוואָרן ביי אונדז אין שטוב, ווי: לובלין, אָפּאָלע, קראַשניק און נאָך. אַלץ האָט זיך מיר אויסגעוויזן נאָענט און היימיש. מיר האָבן זיך פאַרקערעוועט אין אַ זייטיקן וועג און אַריין אין שטעטל.

אין אָסטראָווע האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ פרוי ביי די זעכציקער יאָרן. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט: די טאָכטער פון געוועזענעם אייגנטימער פון אַ לעדער־גאַרבעריי

און איר דערקלערט דעם ציל פון מיין קומען. „מיין טאטע האט אזוי פיל גערעדט פון דער גארבעריי, אז מיך האט אנגענומען א חשק זי צו זען". די אלטיטשקע האט אנגעהויבן צו שטאמלען, דאך זענען מיר צוגעקומען צום ארט, וועלכער איז געווען פארוואקסן מיט ווילד גראז. דארט איז געשטאנען א נייע געבײדע. אבער דאס אלץ פון וועלכן מיין טאטע האט אזוי פיל גערעדט — עקזיסטירט נישט מער, ס'איז דערפון גאר נישט געבליבן. דאס ארט גרענעצט זיך מיטן טייך, אין וועלכן דאס וואסער פליסט זיך אזוי רואיק, גלייך ס'איז גאר נישט געשען. דאך איז פאר מיר אלץ אזוי היימיש. די גאס הייסט „גארבארסקא". ס'איז פארבליבן די שילד אויף דער וואנט פון דער שטוב, ווו ס'האט געוווינט לייבל אלקון, וואס איז געווען זייער באליבט.

די אילוזיע פון מיין גרויסן חלום איז פאמעלעך פארשווונדן, ווען מיר זענען אדורך די קליינע געסלעך מיט די הילצערנע שטיבלעך, ארומגערינגלט מיט תבואות. אין מיטן שטעטל — א גארטן מיט א צוויישטאקיק הויז פון מאגיסטראט. גייענדיק ווייטער, האבן מיר אנגעטראפן אויף דער ערשטער־מאי גאס, ווו ס'האבן אמאל גע־וווינט אמיינסטן יידן. ווען מיר האבן ממשיך געווען, האבן מיר געטראפן די שטוב פון ד"ר לאסט, פון וועלכן מיינע עלטערן און אלע לאנדסלייט האבן אזוי פיל גערעדט מיט דער גרעסטער פארערונג. מיר זענען געווען זיינע שכנים. זיין שטוב איז נישט צעשטערט געווארן. לעבן דער שטוב האב איך געזען די היים, אין וועלכער איך בין געבוירן. מיינע אויגן האבן זיך פארפולט מיט טרערן, מיין הארץ האט געקלאפט...

גייענדיק, האבן מיר אנגעטראפן דעם אלטיטשקן פאליאק פראנצישעק (זיין פאטער האט געהייסן אלעקסאנדער גרושעק). פראנצישעק האט אונדז באגלייט דעם גאנצן זומערטאג, ווען מיר האבן וויזיטירט אסטראווע. ער איז 82 יאר אלט. ער האט דייטלעך ארויסגעזאגט מיין טאטנס און פעטערס נעמען און אויך געוווסט, אז זיי זענען געפארן קיין בראזיל. ער האט אונדז געגעבן צו איינעם מיטן נאמען באלעק, וועלכער האט געוויזן א בריוו פון צפורה וואסערמאן, וועלכע וווינט אין ווראצלאוו.

דער אלטער האט גערעדט מיט סימפאטיע וועגן יידן, געלויבט די פרוי פון ד"ר לאסט „די שיינע דארא", ווי ער האט זיך אויסגעדריקט. איך האב זיך נאכגעפרעגט וועגן די בתי־כנסת און יידישן בית־עולם. נישטא! קיין זכר איז נישט פאראן פון דעם אלעם. מיט גרויס צער האב איך געקלערט: וואס פאר א ווערט האט א שטאט, וואס אין איר ווינען נישט די מענטשן, וועלכע האבן מיט אונדז די געמיינזאמע שפראך, קולטור און קרובהשאפט. א שטאט וואס פארמאגט נישט די היסטאריע, זי זאל אויסדריקן דאס לעבן פון די 3000 יידן, וועלכע האבן אין איר געלעבט.

(איבערגעזעצט פון פארטוגעזיש: יהודית שפירא, ברור־חיל)

ז.

געשטאַלטן

„דער טאַטע פון די אַסטראָווער"

(צום אָנדענק פון שלמה שאַפּיראָ)

אלי שאַפּראַן

זייט ס'איז צו מיר דערגאַנגען די ביטערע בשורה פון זיין טויט, איז מיר שווער צו באַפרייען זיך פון די זכרונות, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער פּערזענ־לעכקייט און זיינע גרויסע, געזעלשאַפטלעכע אויפטועז אין אַסטראָווע, אין בראַזיל און אין מדינת ישראל. אויפטועז מיין איך קודם כל — פאַר דעם שטעטל — ביז זיין עמיגרירן, פאַר די לאַנדסלייט אין ריאָ־דע־זשאַנעיראָ און אין לאַנד.

אין שטעטל האָט ער געפאָדערט, געמאָנט און געוועקט נישט נאָר ווי אַן עלטערער ברודער, נאָר ווי אַ טאַטע און אַליין געגעבן דעם פּערזענלעכן ביישפּיל. דער דראַמאַ־טישער קרייז, די ביבליאָטעק און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע דערגרייכונגען — אומעטום איז ער געווען דער פאַרגייער, איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר.

בעת מיינע באַזוכן ביי אים אין קיבוץ ברור חיל, האָט ער אונדז אַרומגעפירט און געוויזן דיווירטשאַפט, געפרייט זיך מיטן לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר אין קיבוץ, שטאָלצירט מיט זיין פאַרצווייגטער משפחה דאָרט און זיך געפילט גליקלעך, וואָס טראָץ זיין עלטער, קאָן ער נאָך געבן זיין ביישטייער דעם קיבוץ.

אונדזערע אַסטראָווער יידן דאַרפן תמיד געדענקען די דאָזיקע דינאַמישע געשטאַלט פון אַן אמתדיקן געזעלשאַפטלעכן עסקן. כבוד זיין אָנדענק!

צום אָנדענק פון יעקב מיליער ז״ל

אלי שאַפּיראָ

צענדליקער יאָרן האָבן מיר געלעבט צוזאַמען, אָפט דיסקוטירט, אַ סך מאָל נישט מסכים געווען איינער מיטן צווייטן — אָבער שטענדיק חבריש, געמיטלעך, פריינטלעך. ער איז געווען אַ געטרייער, איבערגעגעבענער חבר אויפן פערזענלעכן, ווי אויפן געזעל־שאַפטלעכן באַדן. אים האָט תמיד באַגלייט איין ציל: העלפן די אַסטראָוער לאַנדסלייט אין ישראל, און דער עיקר — אָנהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט צווישן די שטעטישע אין בראַזיל און אין דער ייִדישער מדינה. געווען ביי אים אַ טראַדיציע צו אָנגאַזשירן זיך בראש פון דער פסח־אַקציע — צו זאָרגן פון דער ווייטער בראַזיל, אַז די נויטבאַדערפטיקע בני־עיר אין ישראל זאָלן באַקומען מעות חיטין. דעם לעצטן פסח, ווען ער איז געלעגן אויפן קראַנקן־בעט, האָט ער נאָך טעלעפאָנירט און אַפּעלירט צו די לאַנדסלייט, זיי זאָלן נישט פאַרגעסן זייערע ברידער אין ישראל. ער האָט נישט גערוט, ביז די אַקציע איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן מיט דערפאָלג.

אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָט ער נישט געזוכט קיין פּאָפּולאַריטעט און כבוד. זיין ערלעכקייט און געזעלשאַפטלעכע זויבערקייט איז געווען אַ שם־דבר און געוואָרן רעספּעקטירט פון יעדן איינעם. ער האָט נישט געוואָרט אויף רעזאָלוציעס, באַשלוסן און אומנייטיקע רייד, נאָר מיט ברען זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַרן מגבית, פאַר דער ביאַליק־שול, פאַרן קולטור־צענטער. און אַלץ — נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט. אין די אָוונטן האָט ער באַזוכט עלטערן און אַגיטירט זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער אין די ייִדישע שולן.

בעת מיין באַזוך אין ישראל, ווי נאָר די לאַנדסלייט האָבן זיך דערוווּסט פון מיין אָנקומען אין לאַנד, האָט דער טעלעפאָן נישט אויפגעהערט צו קלינגען מיט אָנפראַגן וועגן געזונט־צושטאַנד פון יעקב מיליער. מ׳האָט מיר אויך דערציילט, אַז אייניקע לאַנדסלייט זענען ספּעציעל געפאָרן צום כותל המערבי, כדי מתפלל צו זיין פאַר זיין געזונט.

יעקב מיליער איז געווען אַ קינד פון אָרעמע עלטערן. ווי דער רוב ייִדן, האָבן אויך זיי זיך געראַנגלט פאַרן קיום, אָבער געלעבט בכבודיק. די יוגנט האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייטן אַפילו אַדורכצומאַכן די פאָלקסשול און שפּעטער נישט געפונען קיין באַשעפטיקונג אין שטעטל. צו דעם איז נאָך צוגעקומען דער אַנטיסעמיטיזם. אַלץ

צוזאַמען האָט גורם געווען דערצו, אַז אונדזערע יונגעלייט האָבן געמוזט שטרעבן צו אַליין־בילדונג און זוכן אַרבעט אין די גרויסע שטעט, אָדער מעבר לים. זענען טאַקע אין שטעטל אַנטשטאַנען פאַרשידענע קולטור־געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס, אַ ביבליאָטעק, ווו מ'האָט געקענט דעראָבערן בילדונג און וויסן, אויך טרוימען וועגן אַ שענערער און בעסערער וועלט, אויפן סמך פון די פאַרשידענע אידעאַלן און פאַר־טייען, וואָס האָבן עקזיסטירט אין אָסטראָווע. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער „התאחדות"־פאַרטיי און געווען זיכער, אַז ר'וועט זוכה זיין צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, וועלכן די ענגלישע מאַנדאַטאָרן־מאַכט האָט געטיילט מיט גרויס קמצנות. ליידער, ער האָט נישט געהערט צו די גליקלעכע. האָט ער באַשלאָסן צו עמיגרירן קיין בראַזיל, ווו ס'האָבן שוין פריִער געהאַט אויסגעוואַנדערט אָסטראָווער יידן. אין ריאָ־דע־זשאַנעיראָ האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט מסחר און הייזער־בוי, נאָר פונקט ווי ער האָט געזאָרגט פאַר זיינע פריוואַטע אינטערעסן, אַזוי אויך האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דעריבער וועט זיין נאָמען שטענדיק דערמאָנט ווערן מיט רעספעקט און יראת הכבוד.

די משפחה אברבנאל

טובה ברקמן

שמואל אברבנאל האָב איך באַקענט אין וואַרשע, אין דער צווייטער העלפט 1934 און מיר האָבן זיך שנעל באַפריינדעט. אין 1935 זענען מיר געפאָרן צוזאַמען אויף אַ זומער־קאָלאָניע אין קוזמיר. אין עטלעכע טעג אַרום, איז שמואל אוועקגעפאָרן צו זיין משפחה קיין אָסטראָוו־לובעלסקי. מיר האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז אַ פּאָר טעג שפּעטער, וועל איך קומען צו אים. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז טראָץ דעם וואָס שמואל איז צו יענער צייט געווען ווייט פון פרומקייט, איז ער אָבער קיין מאָל ניט געפאָרן צו זיינע עלטערן אָן אַ יידיש היטל, וואָס ער האָט אָנגעטאָן אויף דער באַן, כדי ניט מצער צו זיין טאַטע־מאַמע, וועלכע זענען געווען שטאַרק פרום.

כדי אָנצוקומען קיין אָסטראָוו, האָב איך זיך געמוזט באַנוצן מיט עטלעכע קאָמוניקאַציע־מיטלען — אַן אויטאָבוס קיין לובלין, פון דאָרט מיט דער באַן קיין פּאַרטשעוו. אין פּאַרטשעוו האָט שמואל געוואַרט אויף מיר מיט אַ פויעריש פורל, וואָס האָט אונדז געבראַכט אין אָסטראָווע, אַ מהלך פון עטלעכע קילאָמעטער, דורך אַ שיינעם און געדיכטן וואַלד. אין שטעטל בין איך מיט אַ סך ליבשאַפט אַרומגערינגלט געוואָרן דורך שמואלס עלטערן, שוועסטער, פריינד און באַקאַנטע. שבת האָט אַ האַלב שטעטל געשיקט קוגלען לכבוד דער כלה...

דאָס שטעטל האָט אויף מיר געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק. שטאַמענדיק פון קאָנגרעס־פוילן און געוווינט אין וואַרשע, האָב איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געזען אַ שטעטל, וואָס האָט פאַרמאָגט בלויז איין געמויערט הויז, וואָס האָט געהערט צו שמואלס משפחה. אין שטעטל איז געווען איין הויפּטגאַס און פון איר האָבן זיך געצויגן זייטיקע, דאָרפישע גאַסן און געסלעך. די יידן אָבער זענען געווען מיט וואַרעמע הערצער און געלעבט צווישן זיך ווי איין משפחה.

די משפחה אברבנאל איז באַשטאַנען פון די עלטערן און זייערע 4 קינדער. די עלטסטע טאָכטער, חיה, מיט איר מאַן יצחק, האָבן געהאַט צוויי קינדער — אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע. די צווייטע טאָכטער, זלאַטע מיט איר מאַן, האָבן צו יענער צייט נאָך קיין קינדער ניט געהאַט. דער דריטער איז געווען שמואל. די יינגסטע טאָכטער האָט געהייסן אסתר. וועגן איר וויל איך איבערגעבן אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, וואָס שמואל האָט מיר דערציילט:

אסתר איז באַווירקט געוואָרן פון קאָמוניסטישע אידעאַלן. איין מאָל, יום־כיפור, ווען די עלטערן זענען געווען אין שול, האָט אסתר איינגעאָרדנט אין שטוב אַ „ביבקע״ און פאַרבעטן אירע חברים. נאָכן לאָזן זיך ווילגיין, זענען אויפן טיש איבער־געבליבן אַ סך סימנים פון דעם מאָלצייט. ווען שמואל איז אַריין אין שטוב און דערזען וואָס עס טוט זיך אויפן טיש, האָט ער אַראָפּגעלאָזט אסתרן אַ קלינגעדיקן פּאַטש... ער האָט דערפילט, וואָס זיינע עלטערן וואָלטן איבערגעלעבט, קומענדיק פון שיל און זיך אָנגעשטויסן אויף די רעשטלעך פון עסן. שמואל אַליין איז שוין דעמאָלט געווען ווייט פון פרומקייט. דער פּאַטש האָט גורם געווען, אַז ברודער און שוועסטער זאָלן קיין מאָל ניט ווערן נאָענט צווישן זיך, אַפילו ווען בידע האָבן שוין געלעבט אין וואַרשע. באַגעגנט האָבן מיר זיך אָבער גאַנץ אָפט.

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 איז וואַרשע באַפאַלן געוואָרן פון די היטלעריס־טישע האָרדעס. יעדן טאָג איז דער הימל געווען באַדעקט פון הונדערטער עראָפּלאַנען. טויזנטער קרבנות זענען געפאַלן. בידע טעג ראש־השנה איז די שטאָט באָמבאַרדירט געוואָרן אויף אַ שרעקלעכן אופן. מיר האָבן באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז אסתר איז צווישן די געפאַלענע. צו מאָרגנס, נאָך יום־טוב, זענען מיר, איך מיט שמואלן, געלאָפן צום גענשער בית־עולם זוכן איר גוף. מיר האָבן איבערגעקוקט און איבער־געקערט הונדערטער קערפּערס, אָבער איר גוף האָבן מיר ניט געפונען. שמואלס שטרעבונג צו ברענגען זי צו קבר ישראל איז, צום באַדויערן, ניט מקוים געוואָרן.

שמואל אברבנאל, זון פון יעקב און רחל, איז געבוירן געוואָרן אין אָסטראָווי־לובעלסקי אין יאָר 1910. געלערנט אין סאָקאָלאָוו און אין אַנדערע ישיבות. אַ געוויסע צייט געהערט צו די בראָסלאָווער חסידים און איז מיט זיי אַרומגעפאָרן איבער ייִדישע שטעטלעך אין פּוילן. אין 1929 געקומען קיין וואַרשע און זיך דערנענטערט צו פאַרשיידענע קרייזן, דער עיקר — צו די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן פון ד״ר קרוק און אליעזר פינעס. צו יענער צייט האָט באַזוכט וואַרשע ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג, וואָס איז בעת זיינעם אַ רעפעראַט שטאַרק אַטאַקירט געוואָרן ווי אויך איינער פון די קאָמוניסטן. שמואל איז נאָך דעם רעפעראַט געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פון שטיינ־בערגס אידעען און פון דאַן אָן באַלאַנגט ער צו דער גרופּע „פרייע שריפטן״, וועלכע זענען דערשינען אין ווילנע און האָט זיך אין זיי אָפט באַטייליקט. ער איז אויך געווען אַקטיוו פאַרטראַטן אין ייוו״אָ אין וואַרשע.

אין 1939 האָט ער איבערגעלעבט די נאַצישע באַלאַגערונג אויף וואַרשע, פון וואַנען ר׳איז אין יאָר 1940 אַנטלאָפן און איז אָנגעקומען אין ביאַליסטאָק. פון דאָרט, אין עטלעכע חדשים אַרום, אין טיף רוסלאַנד, ווו ער האָט געלעבט ביזן אָנהייב 1946.

געקומען אין נידערשלעזיע און זיך באַזעצט מיט זיין פרוי אין זשעמביצע, געוואָרן א מיטגליד פון יידישן קאָמיטעט אַלס פאַרשטייער פון די לינקע פועלי־ציון. צוזאַמען מיטן לערער שאול פערדמאַן, געגרינדעט א יידישע שול מיט אַן אינטערנאַט און געאַרבעט אַלס דירעקטאָר פון אינטערנאַט, ביז זיין עולה זיין קיין ישראל סוף 1949.

אין די פופציקער יאָרן באַזעצט זיך אבא גאָרדין אין ישראל און גרינדעט אין תל־אביב אַן אַנאַרכיסטישן צענטער מיט א ביבליאָטעק און דעם זשורנאַל „פּראָבלעמען", וואָס איז דערשינען אין יידיש און אין העברעיש, אונטער זיין רעדאַקציע. שמואל ווערט דער פאַרוואַלטער פון צענטער און ביבליאָטעק און העלפט באַארבעטן דעם מאַטעריאַל פון די „פּראָבלעמען". פון נומער 26, נאָך אבא גאָרדינס טויט, ווערט שמואל רעדאַקטאָר (ביזן נומער 67). ער ווערט קראַנק און שטאַרבט אין 1972.

אין יזכור־בוך „טשיזשעוו", רעדאַגירט פון ש. קאַנץ, געפינט זיך ש. אברבנאלס אַן אַרטיקל וועגן זיינע איינדרוקן פון „אַ טאָג אין טשיזשעוו".

אין ישראל איז ער אויך געשטאַנען אין א נאָענטער פאַרבינדונג מיט „ברית השלום", ספּעציעל מיט נתן חופשי. דאָס בוך פון דוד מענטשעס האָט רעדאַגירט אברבנאל, נאָר ער האָט זיין נאָמען ניט אָנגעגעבן, אָבער אין דער דעדיקאַציע פון 15.6.69 אויפן בוך, וואָס מענטשעס האָט אויפגעשריבן ביים דערלאַנגען אברבנאלן, דריקט ער אויס זיין דאַנק שמואלן, וואָס ער „האָט רעדאַגירט דאָס בוך".

אין 1970 הייבט ער אָן באַאַרבעטן מאַטעריאַל פאַר אַ יזכור־בוך פאַר סקאַרזשיסקאָ־קאַמיענע און באַוויזט צוגרייטן דעם גאַנצן ליטעראַרישן טייל, אָבער זיין פריצייטיקער טויט דערלויבט אים ניט אויסצופירן זיין פאַרמעסט.

טיפן און געשטאַלטן

יהושע קאָרנבלום / חיפה

נאָך דעם שרעקלעכן אומגליק וועלכן די היטלערישע בעסטיע האָט געבראַכט אויף אונדזער פאָלק, בין איך צעבראָכן פיזיש און גייסטיק. נאָר כ'וועל מיר געבן די גרעסטע מי און אָנשטרענגונג, כדי צו שילדערן אייניקע געשטאַלטן און טיפּן, וואָס וועט שאַפן אַ בילד פון די טייערע יידישע איינוווינערס אין שטעטל, טראָץ דעם וואָס אָסטראָווע האָט נישט מיטגעמאַכט דעם פאָרשריט און טעכניק, אַפילו נישט געהאַט קיין עלעקטרישע ליכט, צי אויטאָבוסן־קאָמוניקאַציע. 10 קילאָמעטער איז געווען צו פאָרן אויף אַ זאַמדיקן וועג צו דער באַן־סטאַציע (גרודעק). און צו די שכנותדיקע שטעט ווי פּאַרצעווע, לעוואַרטאָוו און צו דער גרויסער שטאָט לובלין, איז מען געפאָרן מיט פערד־און־וואָגן. די קרעמערס האָבן זייער סחורה געקויפט מערסטנס אין לובלין און געמוזט אויפשטיין האַלבע נאַכט, וואָס דאָס אַליין איז געווען אַן „אַטראַקציע". און פאָרן האָט מען געמוזט נאָר מיט צוויי פון די משפחות וואָס האָבן געהאַט בוידן. מען האָט זיי גערופן די קאַשקעס און קישקעס.

די מערהייט פונעם שטעטל האָבן געלעבט אין אָרעמקייט, אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, זענען געווען פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, פּאַרטייען פון לינקס ביז רעכטס. די וויכטיקסטע און גרעסטע פּאַרטיי איז געווען „מזרחי", אונטער דער אָנפירונג פון מיין אומגעקומענעם ברודער ישראל. געווען אויך וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, ווי לינת הצדק, תלמוד־תורה, הכנסת אורחים. און דער עיקר — די גמילות־חסד קאַסע, וועלכע האָט געהאָלפן דער מערהייט איינוווינערס.

פון די וויכטיקע און אָנגעזעענע יידן אין שטעטל איז געווען ד"ר לאַסט. וועגן זיין פּערזאָן וואָלט מען געקאָנט שרייבן אַ גאַנץ בוך. אַ גוטמוטיקער, שמייכלדיקער, מיטגעלעבט מיט די יידישע איינוווינערס אַלע זייערע פּראָבלעמען. אַפילו געוווּסט ביי וועמען מען דאַרף נעמען פאַרן וויזיט און וועמען מ'דאַרף צורו לאָזן, ער זאָל האָבן צו קויפן דעם רעצעפּט. אַ מענטש מיט ציוניסטישע אָנשויאונגען, וואָס האָט אַפילו געבראַכט אַ לערער צו לערנען זיך און זיין עלטסטן זון מאַניעק די העברעישע שפּראַך.

דער צווייטער איז געווען שמואל ראַלניק, דער קאַסירער פון דער גמילות־חסד קאַסע. אַ ייד מיט אַ שיין, געל בערדל, אַ ביאַלער חסיד. געהאַט אַ שענק, געווען

זייער איבערגעגעבן פאַר דער קאַסע. זאָל אויך דערמאָנט ווערן זיין איידעלע, סימ־פאַטישע פרוי חוהטשע, וואָס אויך זי פלעגט העלפן די וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין הילף. זי האָט געפירט די שענסטע שטוב אין שטאָט. מען פלעגט זאָגן, אַז ביי חוהטשען טרינקט מען טיי מיט ציטראָנען...

יעדן יום־טוב פלעגן אַלע מתפללים פונעם חסידים־שטיבל, דאָס גרעסטע אין שטאָט, קומען אויף אַ קידוש צו ר' שמואל ראַלניק. זיין ווייב פלעגט אָנגרייטן אַ קוגל מיט בראָנפן און לעקעך, אַז די חסידים האָבן דאָס געדענקט ביז צום צווייטן יום־טוב.

זיין נאָענטסטער חבר לייבל אַלקון, איז געווען דער וויכטיקסטער קולטור־טוער אין שטעטל. ממש אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע, אַ גרויסער תלמיד־חכם. געקענט אויך רוסישע ליטעראַטור. אַ ליבעראַלער, פאַרשטענדלעכער מענטש, מיט אַ סך נשמה און האַרץ. נאָך אַלס בחור געפירט אַ שניט־געשעפט. נאָך זיין חתונה, וואָס דאָס זאָגט אויך אַ סך וועגן זיין פערזאָן, איז ער געוואָרן אָנגעהעריק צו איינער פון די באַוווּסטע משפחות אין פוילן, די רבנישע משפחה בלומענפעלד. זיין שוואָגער, הרב ישראל בלומענפעלד, איז געווען באַקאַנט ווי דער מנהיג פון מזרחי אין וואַרשע, ווי אויך אשר בירך, דעם שטאַטישן רבס זון, ישראל נעלקנבוים און יעקב גאָלדשטיין, דער איידעם פון ירחמיאל אַבראַמאָוויטש.

געווען אויך אַ חברה תהילים־יידן און חסידים־שטיבלעך, ווי: גור, סאָקאָלאָוו, ראַדזין (שפּעטער לעווערטאָוו). טראָץ די פּאָליטישע און חסידישע פאַרשיידנקייטן, האָבן אַלע געלעבט, בדרך־כלל, ווי איין משפּחה. מען האָט געזאָגט, אַז מ'ווייסט וואָס עס קאָכט זיך ביים שכן אין טעפּל. און אויב עס האָט זיך נישט געקאָכט, האָט מען געזען עס זאָל זיך יאָ קאָכן.

פאַרשידענע שליחים פלעגן קומען אין שטעטל — ווער פאַר אַ ישיבה, ווער פון אַ פּאַרטיי, אָדער סתם אַ מגיד. אַלע זענען אויפגענומען געוואָרן מיט כבוד און פריינדשאַפט. מ'האָט זיך באַמיט זיי זאָלן אָפּפאָרן צופרידענע, וואָס האָט געשאַפן אַ גוטן נאָמען אונדזער שטעטל.

אַזוי האָט מען אים גערופן — ישראל ווערלוואָס דער שוסטער. געקענט נאָר אַ לאַטע לייגן. אַ דאַר, מאָגער מענטשל, מיט איינגעפאַלענע באַקן, מ'האָט קוים אַרויס־געזען די גוטמוטיקע אויגן. די באָרד פון אַש־קאָליר, דער רעכטער שפּיץ לענגער פון לינקן. אַ קינדערלאָזער. געוווינט אין אַ שמאָל געסל, וווּ מ'פלעגט גיין צום בית־מדרש, אין אַ קליין נידעריק הייזל מיט אַן ערדענעם באָדן. אַזוי האָט ער געלעבט און זיך נישט פאַרקלאָגט פאַר לייטן. וויסנדיק אין שטעטל זיין גוטסקייט, אָרנט־לעכקייט און אַז ר'איז אַ גרויסער אָרעמאַן, וואָס וועט אָבער נישט בעטן קיין הילף,

פלעגן מענטשן טראָגן צו אים פאַריכטן שיך אָדער שטיוול, צי מ׳האָט יאָ געדאַרפט, אָדער נישט, כדי אים אונטערשטיצן. ער פלעגט זיין באַשעפטיקט אין דער חברה חסד של אמת (חברה קדישא) און אויך ביי חברה תהילים. ווען איך בין אַלט געווען 8 אָדער 9 יאָר, לערנענדיק אין חדר ביי אַ מלמד, וואָס האָט געוווינט אין שכנות מיט ישראל וועלוואַס דעם שוסטער, פלעגט זיין ווייב ביי אים זיך בעטן: „ישראל זעץ זיך אַוועק און מאַך די נאַפראַוועקע פון די שיך, דער מענטש דאַרף באַלד קומען און געבן די 30 גראָשן, וועל איך קאָנען גיין קויפן אַ ברויט". און ער, אַ גוטמוטיקער, האָט איר געענטפערט: „גלייך, אָט שוין". און ווי נאָר ר׳האָט אָנגעטאָן דעם שוסטער־פאַרטעך, איז פלוצלינג געקומען אַ שליח פון דער חברה קדישא און אים געמאָלדן, אַז ס׳איז דאָ אַ מת אין שטאָט. האָט ער אויסגעטאָן דעם פאַרטעך און אַוועק זיך באַשעפטיקן מיט דעם מת. ווער מיר לאָטע, וואָס מיר ברויט. „אַז מען עסט נישט אַ טאָג — איז וואָס? אַ ייד דאַרף פאַסטן צוויי מאָל אין וואָך. זענען דאָך פאַראַן אין שטעטל יידן, וואָס אויסער שבת, ווען מ׳טאָר נישט פאַסטן, פאַסטן זיי כמעט אַ גאַנצע וואָך. אַ ייד דאַרף זאָרגן און טראַכטן וועגן עפּעס העכערס, אָנגרייטן זיך מצוות אויף עולם הבא".

יעדן שבת פאַרטאָג פלעגט ער אויפשטיין גאַנץ פרי, נעמען מיט זיך צוויי טשיי־ניקעס מיט טיי, אַז זיינע חברים די תהילים־יידן וועלן קומען זאָגן תהילים, זאָלן זיי זיך דערוואַרעמען מיט הייסע טיי. סיי זומער, סיי ווינטער איז אויך דאָס געווען זיין מצווה. אַז איך בין עלטער געוואָרן און נאָכגעפאָלגט זיינע מעשים טובים, פלעג איך זיך אַליין פרעגן: ווי נעמט זיך צו אַזאַ אויסגעדאַרטן גוף אַזוי פיל ענערגיע און ווילן צו טאָן די אַלע זאַכן? איך גלייב, אַז אויב עס זענען דאָ ל״ו צדיקים, איז ער אוודאי געווען איינער פון זיי. זאָל געבענטשט זיין אייביק זיין אָנדענק!

מען האָט אים גערופן אין שטאָט לייבוש באַגער דער גלעזער. עטוואָס העכער פון מיטלוווּקס, מיט אַ קיילעכיקן פּנים און פינקלדיקע אויגן. אַ פריילעכער, מיט אַ פעסטן קול. אַ קליין, געל בערדל, וואָס איז שוין געווען געמישט מיט ווייסע האָר. גערעכנט זיך אַלס סאָקאָלאָווער חסיד. ער פלעגט אָפט דאַווענען ביים רב פון שטאָט, ווייל דאָרט איז ער געווען אַ שליח ציבור, וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט. אַ גאַנצע וואָך אַרויסגעפאָרן אויף די דערפער, כדי אַריינצושטעלן שויבן. דאָס איז געווען זיין פרנסה. פון שבת צו שבת געקומען אַהיים. ער האָט געהאַט דריי טעכטער, וואָס וואָלטן שוין באַדאַרפט שטיין אונטער דער חופה. נאָר ער, ווי זיין שטייגער, פלעגט ענטפערן: „קינדערלעך, איר וועט נאָך זען ווי מען וועט ביי מיר אין לאָדן קלאַפּן

און פרעגן — לייבוש, האָסט נאָך אַ טאָכטער?" נאָך פאַר דעם קריג האָבן אַלע חתונה געהאַט.

אַזוי ווי ער איז געווען אַ חבר אין דער חברה תהילים, מיט יידן וואָס אַ גאַנצע וואָך זענען זיי פאַריאָגט מיט שווערער מי וועגן פרנסה, און די איינציקע נאַכט וואָס מען קאָן זיך אויסשלאָפן איז פרייטיק — האָט טאַקע לייבוש מורא געהאַט, אַז זיי קאָנען, חלילה, פאַרשלאָפן פאַרטאָג צום תהילים. האָט ער גענומען אויף זיך די שווערע אויפגאַבע, אָבער גרויסע מצווה, אויפצוּוועקן זיינע יידן צום תהילים. יעדן שבת פאַרטאָג, נאָך אין די פינצטערע ווינטער-נעכט, פלעגט ער אַרומגיין אין אַלע געסלעך פון שטאָט און אויסרופן מיט זיין אַנגענעמער שטימע: „יידעלעך, יידעלעך, שטייט אויף צו עבודת הבורא, שטייט אויף צו תהילים".

אַזעלכע און אַנדערע געשטאַלטן, האָט פאַרמאָגט אונדזער שטעטל, נאָר ווער איז דען אומשטאַנד זיי אַלע צו באַשרייבן? כ׳וועל דערמאָנער נאָך אַ פּאָר נעמען, ווי אונדזער נאָענטסטער שכן ר׳ שלמה מאַגעזעס, אַ הויכער דאַרער ייד, מיט אַ שוואַרץ שפּיציק בערדל, פון די אַנגעזעענע גערער חסידים, אַ בן-תורה. ווען ער האָט נאָר געהאַט צייט, איז ער געזעסן ביי דער גמרא. געהאַט אַ שניט-קראָם, אַ בעל-צדקה. אַ שטיק צייט געווען דער פאַרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָטראָט.

אַ ביסל ווייטער — די ברידער אַבאַרבאַנעל. ירחמיאל און אַלטער גיטעס. פאַר־מאָגט די שענסטע מויער אין שטאָט, ווו ס׳זענען געווען געשעפטן פוןביידע ברידער: איינער אַ שפּייז-געשעפט, דער צווייטער — פון שניט. געלעבט צוזאַמען מיט קינדער, איידעמס און אייניקלעך. פון די עלטסטע און ערשטע בעלי-בתים אין שטאָט.

אויך ר׳ יחיאל אהרונס צוקערמאַן, וואָס האָט געהאַט אַן אייזן-געוועלב. פון די לומדים צווישן די גערער חסידים. דער גרעסטער בעל-תפילה פונעם שטיבל. מ׳קאָן זאָגן — פונעם גאַנצן שטעטל. מיר דערמאָנט זיך, אַז גערער חסידים זענען געווען ווייט פון ציוניזם. אָבער פּלוצלינג, דורך אַ צופאַל, זענען מיר געפאָרן צוזאַמען פון לעווערטאָוו; איך פון רבין און ער, וואָס האָט איינגעקויפט אַ ביסל סחורה פאַרן געשעפט. אַז מען פאָרט אַ פּאָר שעה, ווילט זיך עפּעס שמועסן. האָט ער אָנגעהויבן דערציילן אַ ביסל פון זיין פערזאָן. דערוויסנדיק זיך, אַז איך שטאַם פון אַ מזרחי־שטוב, האָט ער מיר פאַרטרויט וועגן ציוניסטישער ליטעראַטור און אַפילו אויפגעזונגען דאָס באַוווּסטע ליד פון אביגדור המאירי „מעל פסגת הר הצופים, שלום לך ירושלים". אַזוי האָט געלעבט ר׳ ירחמיאל אהרונס.


אַ ביסל ווייטער, ביים סוף פון דער לובלינער גאַס, האָט געוווינט די באַוווּסטע משפּחה שפּירא. דער ראש פון דער משפּחה, ר׳ משה הירש, איז געווען אַ הויכער ייד

מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען. ווען ער פלעגט גיין אין גאַס מיטן שטעקן, האָט ער צו זיך אַרויסגערופן כבוד. לאַנגיאַריקער דאַזאַר אין שטאָט.


אַזוי אויך — מיין חבר דוד׳ס פאָטער ר׳ אהרון לייב קערשנבוים, דער גרעסטער עילוי פון שטאָט. מ׳האָט אים געוואָלט אויפנעמען אַלס רב פון שטאָט, אָבער אים איז געווען ליבערשט צו זיין אַ קליינער סוחר, ווי אַ גרויסער רב, כדי נישט מאַכן פון זיין למדנות קיין פרנסה. געווען אַ סאָקאָלאָווער חסיד, יעדן שבת געלערנט אַ שיעור פאַרן דאַווענען. זיין שאַרפער מוח האָט אים נישט געשטערט אויך צו שמועסן און זיך פאַרטיפן אין וועלט־פּראָבלעמען.

לײדער, די מעשים טובים פון ישראל ווּעלוואַס דער שוסטער, צי דאָס וועקן פון ר׳ לייבישן צום תהילים, ווי די תפילות פון ר׳ יחיאל אהרונס, אָדער דאָס לומדות פון ר׳ אהרון לייב, ווי דער שמע ישראל פון עמך — האָט דער רבונו של עולם נישט געהערט, ווען מ׳האָט זיי אין טרעבלינקע געפירט.

כבוד זייער אָנדענק!



סניף „התאחדות״ בשנות השלושים ● די „התאחדות״־אָרגאַניזאַציע אין די דרייסיקער יאָרן
The ”Hitachdut” branch in the 30s



אסיפת היסוד של ארגון יוצאי אוסטרוב בישראל, אצל משפחת גולדשטיין, בשנת 1952
גרונג־פֿאַרזאַמלונג פֿון דער אָסטראָווער לאַנדסמאַנשאַפֿט אין 1952, ביי דער משפחה גאָלדשטיין
Founding meeting of Ostrov Society in Israel, in the Goldstein home in 195



ועד יוצאי אוסטרוב עם בני־עיר מארצות־הברית
קאָמיטעט פֿון די אָסטראָווער מיט געסט פֿון אַמעריקע
Meeting with rellow former-Ostrovites from the United States

ח.

די לאנדסמאנשאפט



מיפגש עם יוצאי אוסטרוב מחו"ל בתל־אביב
צוזאמענטרעף מיט לאנדסלייט פון אויסלאנד אין תל־אביב
Meeting with former-Ostrovites from abroad, in Tel-Aviv



קבלת פנים לאורחים מבראזיל. המברך : אברהם פיירשטיין
אויפנאמע פאר געסט פון בראזיל, וועלכע עס באגריסט אברהם פייערשטיין
Reception for guests from Brazil ; Greetings : Avraham Feierstein

די אָסטראָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל

יעקב ליבהאַבער / תל־אביב

א


אין יאָר 1947, 2 יאָר נאָך דעם גרויסן חורבן פון פּוילישן ידנטום, וועלכער האָט אויך נישט אויסגעמיטן אונדזער שטעטל אָסטראָווע, האָבן איך, מיין פרוי און קינד זיך געפונען אין באַד־רייכענהאַל, דייטשלאַנד, ווו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט פיל יידן פון דער שארית הפליטה אין אייראָפּע, וואָס האָבן געוואַרט אויף אויסוואַנדערונגס־מעגלעכקייטן אין פאַרשידענע לענדער. גרויס איז געווען מיין איבעראַשונג, ווען כ'האָב אין יענער דייטשישער שטאָט געטראָפן אונדזער בן־עיר לייבל אלקון ז״ל, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין אַ קאָנפערענץ פון הפועל המזרחי. פרייד און טרויער האָבן באַגלייט אונדזער רירנדיקן צוזאַמענטרעף, ווייל מיר האָבן כמעט נישט געטראָפן קיין לעבן געבליבענע יידן פון אָסטראָווע — און יעדע באַגעגעניש מיט אַ היימישן ייד האָט דעמאָלט גערירט ביז טרערן.

אויף יענעם צוזאַמענטרעף האָבן מיר ביידע דעצידירט, אַז דער ווייטערדיקער וועג פאַר אונדז, איז נאָר ארץ־ישראל. לייבל האָט נישט אויפגעהערט מיך צוצוריידן, אַז דאָס איינציקע אָרט אונדזערס דאַרף זיין די יידישע מדינה, וואָס שוין דעמאָלט האָט מען אין די פּליטים־לאַגערן גערעדט וועגן איר אַנטשטייונג אין דער נאָענטסטער צייט. אויך איך בין מיט אים געווען מסכים, אַז נאָך דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק, דאַרפן פאַרווישט ווערן די אַמאָליקע אידעאָלאָגישע אונטערשידן און נאָך דער שואה איז וויכטיק צו באַזעצן זיך אין ידישן לאַנד.

דעריבער איז ווידער אַמאָל גרויס געווען אונדזער פרייד, ווען מיר האָבן אין יאָר 1949 זיך געטראָפן אויף איינער פון די תל־אביבער גאַסן — און פון דעמאָלט האָט זיך צווישן אונדז איינגעשטעלט אַ פריינדשאַפט, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג. מיר זענען אַפילו געוואָרן שכנים און זיך צונויפגערעדט, אַז ס'איז דורכאויס נייטיק און וויכטיק צו שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע פון אונדזערע לאַנדסלייט, כדי זיך קעגנזייטיק העלפן, באַזונדערס די נייע עולים, וואָס האָבן אָנגעהויבן קומען אין לאַנד. מיר האָבן זיך געוואָנדן צו אונדזער חשובן לאַנדסמאַן אַברהמטשע פייערשטיין, אַ לאַנגיאָריקער תושב אין לאַנד, וואָס האָט זייער פּאָזיטיוו זיך אָפּגערופן אויף אונדזער ווענדונג און מסכים געווען צו שטעלן זיך בראש פון דער געשאַפענער לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע, וואָס ער טוט ביזן הייַנטיקן טאָג מיט גרויס דערפאָלג.



מסיבת בר־מצווה אצל משפחת רושנייבסקי, בהשתתפות יוצאי אוסטרוב בישראל
בר־מצווה פייערונג ביי דער משפחה רושניעווסקי מיטן אָנטייל פון אָסטראָווער יידן אין ישראל
At the Roshneivsky home; Ostrovites guests at Bar-Mitzvah



קבלת פנים לעזריאל רוזן, התורם מארה״ב
אויפנאַמע פאַר עזריאל ראָזען, שפענדער פון די פאַראייניקטע שטאַטן
Reception for Azariel Rosen, U.S.A. donor

ב

די גרינדונג־פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען אין תל־אביב, אין דער וווינונג פון יצחק גאָלדשטיין, אויף וועלכער מ'האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט: א. פייערשטיין, ל. אלקון, אַבאַרבאַנעל, מ. דומאַן און דער שרייבער פון די שורות. מ'האָט אויך באַשלאָסן צו שאַפן אַ גמילות חסדים קאַסע. אָבער געלט צו געבן הלוואות, אָדער שטיצע, איז נישט געווען. גראָד דעמאָלט האָט באַזוכט ישראל אונדזער לאַנדסמאַן פון אַמעריקע, חיים כהן, וואָס האָט דאָרט געלעבט אַ סך יאָרן. אויך אים איז שטאַרק געפעלן די אידעע פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט און צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער קומט צוריק קיין אַמעריקע, וועט ער אויפקלערן די אָסטראָווער יידן די וויכטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע. פאַרן אַוועקפאָרן, האָט ער אויך איבערגעלאָזט אַ באַדייטנדיקע סומע און מיר האָבן געקענט אָנהייבן פירן אונדזער טעטיקייט און אויך דערמעגלעכן דער הילפס־קאַסע אַרויסצוגעבן הלוואות, אין וועלכע מ'האָט זיך דעמאָלט אַזוי שטאַרק גענייטיקט. ס'איז נישט געווען קיין איין נייער עולה אַ לאַנדסמאַן, וואָס זאָל זיך האָבן געווענדעט נאָך הילף, ער זאָל זי נישט באַקומען. צומערשט — הונדערט פונט, וואָס איז בשעתו געווען אַ גרויסע סומע, שפּעטער — 200, 500 און אַפילו טויזנט פונט.

די דאָזיקע קעגנזייטיקע הילף האָט געשאַפן אַ געפיל פון משפּחהדיקייט און דערנענטערונג פון דער שארית הפליטה, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דער ידישער מדינה. מיר האָבן באַשלאָסן — און אויך יעדעס יאָר אָפּגעהיטן — אַדורכצופירן דעם ערשטן טאָג נאָך סוכות די יערלעכע אַזכרה נאָך אונדזערע קדושים. מיר האָבן אויך באַשטימט, אַז יעדן חול המועד פסח זאָלן מיר זיך טרעפן אין אַ זאַל, ביי געדעקטע טישן און פאַרברענגען אין אַ היימישער סביבה און אַטמאָספער. גלייכצייטיק האָבן מיר געזאָרגט, אַז נויטבאַדערפטיקע פאַמיליעס, ספּעציעל איינזאַמע, עלטערע לאַנדסלייט, זאָלן באַקומען אַ חודשלעכע שטיצע און זיי געבן אַ געפיל, אַז עמעץ זאָרגט פאַר זיי.

ג

געווען אַ צייט, ווען מיר האָבן ערנסט געטראַכט וועגן אַ יזכור־בוך צו פאַראייביקן אונדזער קהילה. נאָר די ווענדונגען צו די לאַנדסלייט אין ישראל און אין די תפוצות האָט געהאַט אַ שוואַכן אָפּקלאַנג, די מענטשן האָט זיך נישט געגלוסט צו שרייבן, הגם מיר האָבן שטאַרק געוואָלט אַרויסברענגען דאָס קולטורעלע, רעליגיעזע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע לעבן אין דער אַלטער היים און אַרומיקע שטעטלעך, וועלכע זענען פאַרשניטן געוואָרן דורך די דייטשישע רוצחים. ס'איז אויך געווען אַ פּראָיעקט צו בויען אַן אייגן הויז („בית אָסטראָווע") אין תל־אביב, צי בלויז אַ זאַל פאַר


אונדזערע צוזאַמענטרעפן. נאָר די אַריינגעשיקטע געלט־סומען פון אויסלאַנד זענען נישט געווען גענוג. איז באַשלאָסן געוואָרן צו שפּענדן די סומע פון 10 טויזנט דאָלאַר פאַר פאָרשונגען אין מלוכהשן מעדיצינישן צענטער א״נ פון ד״ר שיבא אין תל־השומר (רמת־גן), וואָס וועט טראָגן דעם נאָמען פון די אָסטראָווער קדושים.

אין 1984 האָבן מיר אויפן בית הקברות אין חולון אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט לזכר אונדזערע קדושים, וווּ יעדעס יאָר ווערט אדורכגעפירט דער יזכור־אַקט נאָך די אומגעקומענע יידן פון שטעטל. דאָס אויפשטעלן די מצבה איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן, וועלכע דער קאָמיטעט האָט גובר געווען.

מיט 3 יאָר צוריק האָבן בראָניע און מישא עקהאוס פון מעלבורן, אויסטראַליע, באַנייט די איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן אַן אָנדענק־בוך פאַר דער אָסטראָווער קהילה — און מיר מעגן נאָר זיין צופרידן, וואָס ווען די שורות ווערן געשריבן, געפינט זיך שוין דער ספר אין דרוק און דאַרף בקרוב דערשיינען מיט אַ רייכן, פאַרשידנאַרטיקן אינהאַלט מיט זכרונות פון אונדזערע בני־עיר פונעם שטעטלדיקן לעבן ביז דער שואה, בעת די מלחמה־יאָרן, ווי אויך נאָך דער באַפרייונג. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ בוך זענען אויך פאַראַן עטלעכע צענדליק בילדער, וועלכע שפּיגלען אָפּ דאָס רייכע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אָסטראָווע.

מיטן צונויפזאַמלען און צוגרייטן די מאַטעריאַלן פאַרן בוך האָט זיך באַשעפטיקט אַ ספּעציעלער רעדאַקציע־קאָמיטעט פון אַברהמטשע פייערשטיין, יצחק גאָלדשטיין, יעקב ליבהאָבער, ד״ר איזידאָר לאָסט, עדינה אייכענבוים־אַלקון און דער רעדאַקטאָר פון בוך, דוד שטאָקפיש.

ווי לאַנג דאָס געזונט וועט דערמעגלעכן, וועלן מיר ווייטער אָנגיין מיט דער טעטיקייט לטובת אונדזערע אָסטראָווער יידן אין לאַנד און אין אויסלאַנד.



קבלת פנים לאורחים מחו"ל. המברך : אברהם פיירשטיין
אויפנאַמע פאַר געסט פון אויסלאַנד. אברהם פייערשטיין באַגריסט
Reception for guests from abroad ; Greetings : Avraham Feierstein



משפחת מנטל מארה"ב תרמה אמבולנס למגן דוד אדום
די משפחה מאַנטעל פון אַמעריקע האָט געשאָנקען אַן אַמבולאַנס פאַרן מגן דוד אדום
Mantel family from U.S.A. donates ambulance for Red Magen David

די לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל האָט אונדז אויפגענומען פריינטלעך

שלמה שאַפּיראָ

דעם 15טן מאַי 1961 בין איך און מיין משפּחה אָנגעקומען פון ריאָ־דע־זשאַנעיראָ אין חיפה'ער פּאָרט און גלייך זיך דערמאָנט, אַז ווען כ'בין אין די דרייסיקער יאָרן געקומען קיין בראַזיל, בין איך געווען פרעמד, עלנט, אָן אַ שפּראַך און מיטלען. איצט בין איך פון דאָרט אַרויסגעפאָרן, געזעגנט פון הונדערטער באַגלייטערס, פריינד און קרובים. אויך די בראַזיליאַנער שכנים, קריסטן, האָבן געלאָזט אַ טרער ביים געזעגענען זיך מיט אונדז. האָב איך פאַרגליכן מיין אָפּשייד פון פוילן, נאָך אַ סך יאָרן פון שווערער מי און פּראַצע, נישט געהאַט אויף קיין רייזע־הוצאות. ביים פּאָרט זענען געקומען אָפּוואַרטן די קינדער: טעכטער, איידעמס און אַ קוזינע פון ביאַליסטאָק.

אָט זענען מיר אין קיבוץ. אַ נייע וועלט, מיט אומבאַקאַנטע באַדינגונגען, אין אַ קליין שטיבל. דער קאָפּ איז נאָך פול מיט געשעפטן אין ריאָ, מיט מענטשן. און דאָ, אין קיבוץ — אויס געשעפטן, אויס עול. גאָרנישט. דאַרפסט נישט זאָרגן. טאַקע דערפאַר ליידט דער „עגאָיזם". מען לעבט איבער שווערע טעג און נעכט, מ'קאָן זיך נישט צופּאַסן צו דעם קאָלעקטיוון לעבן.

נאָך 9 חדשים זיין אין קיבוץ, באַשליסן מיר צו באַזעצן זיך אין תל־אביב. אונדזער קאַפּיטאַל דערלויבט נישט זיך איינצושאַפן סיי אַ וווינונג, סיי אַ געשעפט. מיר קויפן אַ דירה און אין דער דירה איינגעאָרדנט אַ מין פּרעס־מאַשין, די אַרבעט איז זייער שווער, מיר באַמיִען זיך צופרידנשטעלן די קונים מיט גוטער באַהאַנדלונג. איך לערן זיך אויס דאָס פאַך און ווער אַ „מומחה" צום פּרעסן העמדער. אויך מיין פרוי יהודית האָט געאַרבעט. איך וואָלט נישט געגלייבט, אַז מיר זאָלן זיך קאָנען צופּאַסן צו אַזאַ שווערער אַרבעט. אָבער מיר זענען צופרידן.

אין יאָר 1963 קומט צוריק אונדזער זון פון פּאַריז, ווו ער האָט שטודירט. ער איז דערשלאָגן פון אונדזערע אַרבעט — און וווינונג־באַדינגונגען. אין דער אַוויאַציע־אינדוסטריע האָט מען גראַד געזוכט אַן אינזשיניר — און ער איז געווען אַ פאַר־דינער און געבליבן מיט אונדז וווינען.

אַזוי האָבן מיר די זכיה צו זיין אין ישראל מיט אַלע קינדער, אָנגעזעענע פאַ־מיליעס, וואָס פאַרנעמען הויכע אַמטן.

די אָסטראָווער לאַנדסמאַנשאַפט האָט אונדז זייער וואַרעם אויפגענומען. אין יענער צייט האָט נאָך געלעבט איינער פון די גרינדערס, לייבל אַלקאַן ע״ה און שמואל אַבאַרבאַנעל ע״ה — טייערע חברים און מענטשן. איך בין אַ געווייסע צייט אויך געווען אינעם קאָמיטעט. איך האָב באַוווּנדערט אונדזער חבר אברהמטשע פייערשטיין, פון די גרינדערס פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס איז טעטיק ביזן היינטיקן טאָג. היינט איז דאָס געבן אַ הלוואה נישט אַזוי לעבנסוויכטיק ווי אַמאָל, אָבער די ליי־ און שפּאָר־קאַסע איז געווען אַ מין „צעמענט״. איך אַליין האָב זיך באַדינט מיט הלוואות, ווען כ׳האָב געוווינט אין תל־אביב.

חוץ דעם איז דאָ אַן אַדרעס. ווען עס קומט אַן אָסטראָווער גאַסט פון אַמעריקע, פּאַריז, בראַזיל, אַרגענטינע, אויסטראַליע און אַנדערע ערטער, ווערט ער וואַרעם אויפגענומען און טרעפט זיך מיט אַלע לאַנדסלייט. דעם ערשטן טאָג נאָך סוכות, קומט פאַר די יערלעכע אזכרה נאָך דער פאַרשניטענער קהילה אָסטראָווע.

אַמעריקע האָט אין די פריִערדיקע יאָרן געשפּענדעט פיינע סומעס פאַר דער ליי־קאַסע. היינט זענען שוין געבליבן זייער ווייניק געבוירענע אָסטראָווער אין אַמעריקע. די בראַזיליאַנער אָסטראָווער קאָלאָניע איז נאָך ענג פאַרבונדן מיט די מענטשן, זיי שיקן אַריין צופרידנשטעלנדיקע סומעס. לײדער, וואָס אַ יאָר גייען לאַנדסלייט אוועק אין דער אייביקייט. דער יונגער דור איז שוין אָפּגעפרעמדט פון די עלטערנס לעבן און אָרטשאַפט.

די לעצטע 2 יאָר, האָט מען געווידמעט אויפצושטעלן אין ישראל אַ דענקמאָל נאָך די פאַרשניטענע קדושים אונדזערע. אַלע לאַנדסלייט האָבן זיך שנעל און וואַרעם אָפּגערופן פאַר דער אַקציע — אין ישראל, אַמעריקע, בראַזיל, אויסטראַליע, פּאַריז. אַ דאַנק דער שווערער מי און איבערגעגעבנקייט פון די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער, בראש מיטן אַקטיוון פריינד אברהמטשע פייערשטיין, די פאַמיליע ליבהאָבער און אַנדערע, איז געלונגען אויפצושטעלן די מצבה.

דעם 24סטן מאַי 1983, איז באַשטימט געוואָרן די אַנטהילונג פון דער מצבה. צו דעם אַקט זענען געקומען כמעט אַלע היגע לאַנדסלייט, אויך אייניקע קינדער און משפּחות. די אזכרה האָט דורכגעפירט אַ חזן. וועגן חורבן אָסטראָווע האָבן גערעדט אברהמטשע פייערשטיין און יעקב ליבהאָבער. ווען איך בין געגאַנגען צו אונדזער מצבה, בין איך פאַרבײגעגאַנגען די אַלייע פון „שטעט־מצבות״. מיר זענען געוווינט צו מצבות נאָך יחידים, און דאָ — נאָך שטעט גרויסע און קליינע, באַקאַנטע, נאָענטע, אַמאָל לעבעדיקע, פולסירנדיקע. נאָר אַלץ איז פאַרשניטן געוואָרן...

אָט איז די אָסטראָווער מצבה צווישן אַנדערע „שטעט־מצבות״. אַ שטיינערנער

דענקמאָל. איך בין אָוועק אַ צעבראָכענער פון ווייטיק, פון די געדאַנקען און זכרונות פון די אַמאָליקע שטעטלעך בכלל און פון אונדזער שטעטל בפרט.

דער דענקמאָל איז אַ גרויסער אויפטו, אַן איבערבלייב פאַר דורות. אָבער די אמתע מצבה און אָנדענק זענען די לעבעדיקע מענטשן, סיי אין ישראל, סיי אין דער צעשפּרייטונג. די אָסטראָווער וואָס האָבן זיך געטראַטעוועט און געבליבן לעבן, פאַר־שעמען נישט די אומגעקומענע עלטערן און משפּחות. זיי זענען אָרנטלעכע, אַרבעט־זאַמע מענטשן. די אָסטראָווער וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין ישראל פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און די וואָס נאָכן חורבן, קאָנען זיך רימען מיט זייער אַרבעט און קאַמף פאַר אונדזער מדינה.

אונדזערע לאַנדסלייט אין בראַזיל

אין בראַזיל האָבן אָסטראָווער יידן אויפגעשטעלט משפּחות און זייערע קינדער זענען היינט דאָקטוירים, אינזשיניערן, לערערס, אַדוואָקאַטן, ריכטערס, פּאָליטיקערס. אַ טייל קינדער פון די אָסטראָווער אין בראַזיל האָבן אויך עולה געווען, ווי די משפּחה גאָלדשטיין מיט זייערע פינף קינדער; אהרון מרדכי רובינשטיינס טאָכטער איז אין חיפה; ישראל שטיגליצ׳ס זון; יעקב און שרה רובין (זאַראַבאַטשניק) און צוויי טעכ־טער; מיין שוועסטער ריילעס צוויי זין — איינער אין אַ קיבוץ, דער צווייטער אין דער אַוויאַציע־אינדוסטריע. איך, מיין פרוי און דריי קינדער. ס׳איז אויך געקומען פון אַמעריקע שלמה מעהר; פון רוסלאַנד איז געקומען ד״ר איזידאָר לאַסט, טאָקע אַ זון פון ד״ר לאַסט, מיט אַ פרוי און זון. ער איז געבוירן אין שטעטל. די לאַנדסמאַנשאַפט האָט זיי אַלע זייער וואַרעם אויפגענומען.

אין בראַזיל האָבן די אָסטראָווער זיך גוט איינגעאָרדנט. די קינדער, ווי געזאָגט, אַלע וויסנשאַפטלער. לײדער, אַ טייל פאַמיליעס האָבן באַצאָלט אַ טייערן פרייז צוליב דער אַסימילאַציע. און די געפאַר פאַרשטאַרקט זיך כסדר און רייסט אָוועק טייערע קינדער פונעם פאָלק. נאָר עס טרעפט אויך, ווען דער „צווייטער צד" גייט אַריבער צו יידן.

איך דערמאָן דעם נישט־דערפרייענדיקן פאַקט וועגן אַסימילאַציע, וואָס איז לײדער, פאַרשפּרייט אין אַלע לענדער. ס׳איז אַן אַלגעמיינע יידישע טראַגעדיע און די אָסטראָ־ווער זענען נישט קיין אויסנאַם. אָבער אין אַלגעמיין האָט אונדזער דור, ווי דער נייער דור, נישט פאַרשעמט אונדזערע אבות.

מיט אָסטראָווער משפחות אין בראַזיל און אין ישראל

יהודית קאַגוט־שפּיראָ / קיבוץ ברור־חיל

הגם איך בין קיינמאָל נישט געווען אין אָסטראָווע, פיל איך זיך שטאַרק פאַרבונדן מיט די לאַנדסלייט און וויל טאַקע פאַרצייכענען פאַרן יזכור־בוך אייניקע עפּיזאָדן פון אונדזערע צוזאַמענטרעפן און צוזאַמענלעבן. אַליין אַ געבוירענע אין אַ קליין שטעטל אין וואָלין, אין אַ היים אַרומגערינגלט מיט ליבע עלטערן און משפּחה, אין אַ סביבה פון פריינד און באַקאַנטע, בין איך אָבער אין יאָר 1930, מיטן עמיגרירן קיין בראַזיל, געוואָרן אָפּגעריסן פון דעם אַלעמען.

יענעם יאָר בין איך אָנגעקומען קיין ריאָ־דע־זשאַנעירא, צו מיינע ברידער קאַגוט, וואָס האָבן מיך אויפגענומען מיט אַ סך ליבשאַפט און פרייד. מיר האָט גאָרנישט געפעלט, נאָר די בענקשאַפט נאָך היימישקייט איז געווען גרויס. איך האָב אויך נישט געקענט די פּאָרטוגעזישע שפּראַך. בין איך אַריינגעטרעטן אין דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „התחיה" (שפּעטער — ביאַליק־ביבליאָטעק) און אויך אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג. די נייע געזעלשאַפט האָט מיך אַרויסגענומען פון דער איינזאַמקייט. מיר האָבן זיך איינגעלעבט און גוט פאַרברענגט. צווישן די באַקאַנטע איז אויך געווען שלמה שאַפּירא, מיט וועמען איך האָב חתונה געהאַט אין יאָר 1932. מיר זענען איבערגעצאַנגען (?) ווינען אין דער געגנט מעיער, ווו שלמה האָט געאַרבעט און ווו ס'האָבן געוווינט פיל פון זיינע לאַנדסלייט. אַזוי אַרום בין איך געקומען אין קאָנטאַקט מיט יידן פון אָסטראָווע און אויך זיך פאַרבינדן מיט זיי. איך האָב אויך געפירט אַ בריוו־אויסטויש מיט שלמה'ס משפּחה, דער עיקר — מיט זיין פאָטער משה־הערש ז"ל.

אין זיין באַגריסונג־בריוו צו אונדזער חתונה, וועלכן מיר דערמאָנען גאַנץ אָפט, איז צווישן אַנדערע אויך געווען זיין באַדויער, וואָס ער האָט נישט געקענט פערזענלעך זיך באַטייליקן אין דער שמחה. האָט ער געטאָן, ווי זיין זיידע ר' ברוך משטוטשין זצ"ל: ווען זיינער אַ ברודער האָט חתונה געהאַט און ער האָט נישט געהאַט די מעג־לעכקייט צו זיין אָנוועזנד, האָט ער גענומען אַ שטול און זי אַוועקגעשטעלט אונטערן פרייען הימל, ווייל דער הימל נעמט אַרום דעם גאַנצן ערד־קיילעך — האָט ער אויך אים אַרומגענומען און פאַרזיכערט זיין אָנוועזנהייט. דאָס זעלבע האָט געטאָן ר' משה־

הערש שאַפּיראָ אין טאָג פון אונדזער חתונה... אינעם בריוו האָט ער נאָך צוגעגעבן, אַז דאָס עיקרדיקע אינעם משפּחה־לעבן איז די עקרת־בית, דעריבער זאָל איך פירן אַ יידישע און באַלעבאַטישע היים.

זיין ווונטש האָב איך זיך באַמיט אויסצופירן ווי אַמבעסטן. די שטוב איז געווען אַ יידישע. אונדזערע קינדער: ציפּורה, רחל און אהרון האָבן באַקומען אַ גוטע יידישע דערציִונג, באַזאַמען מיט אַ וועלטלעכן חינוך. אַלע זענען אין ישׂראל און דאָ אויפגעשטעלט שיינע פאַמיליעס, ברענגענדיק גרויס נוצן אונדזער פאָלק און דער מדינה. מיר גרויסן זיך מיט זיי, ווי מיט אונדזערע אייניקלעך.

מיין חלום איז געווען, אַז ווען די קינדער וועלן אונטערוואַקסן, וועלן מיר באַזוכן פּוילן און זיך פרייען מיט די עלטערן און משפּחה, ווי אויך זיך באַקענען מיט אָסטראָווע. נאָר דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט אַ סוף געמאַכט צו די אַלע פאַרלאַנגען און האָפענונגען.

אונדזער שטוב אין ריאָ־דע־זשאַנעיראָ איז געוואָרן דער צונויפטרעף־פּונקט פון כמעט אַלע לאַנדסלייט וואָס האָבן געוווינט אין דער דאָזיקער גרויסער, בראַזיליאַנער שטאָט: די משפּחה רובין, די ברידער שטיגליץ, די ברידער מילער, רובינשטיין, ווינאָגראַד, פריידע, דוד גאָלדפעלד, בהרב, די ברידער שאָפּ און אַנדערע. די אַלע האָבן דעמאָלט געהאָרעוועט שווער, כדי צו קאָנען אַראָפּברענגען די משפּחות פון פּוילן. ביי די אָפּטע, היימישע צוזאַמענטרעפן, האָט מען אַ סך גערעדט פון דער אַרבעט, פון די בריוו וועלכע מ׳האָט באַקומען פון דער אַלטער היים, מ׳האָט דערמאָנט מיט בענקשאַפט דאָס לעבן אין שטעטל, ווי אַזוי מ׳האָט געשאַפן די ביבליאָטעק, ווי ס׳האָט אויסגעזען דער דראַמאַטישער קרייז מיט זיינע פאָרשטעלונגען — און דערביי האָט מען געזונגען היימישע לידער. מ׳האָט נישט אויפגעהערט ריידן וועגן די פאַרוויילונגען, שפּאַצירן און ליבעס, וואָס נישט אַלע מאָל האָבן זיי זיך פאַרענדיקט צום גוטן, דער עיקר — צוליב מאַטעריעלע סיבות. די יוגנט האָט געשטרעבט צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל און געוואָלט זיך אויסלעבן אין גרויסע שטעט, און קודם כל — אין דער גרויסער וועלט. מיט דער צייט האָט מען זיך פאַראייניקט מיט די צעטיילטע משפּחות, דעמאָלט האָבן די באַגעגענישן שוין אָנגענומען אַ מער אָפיציעלן כאַראַקטער, מיט קעגנזייטיקע וויזיטן.

מיר האָבן זיך אויך געטראָפן ביי פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, ווי: וויצ״אָ, נעמ״ת, יידיש שול־וועזן. אין די תפוצות דאַרף מען זיכערן די עקזיסטענץ פון אַ יידישער שול, אויסגעפונען לערערס וואָס זאָלן קענען די לאַנד־שפּראַך, ווי אויך העברעיש און יידיש. אָרגאַניזירט מען פאַרשידענע אונטערנעמונגען, פאַר וועלכע

עס ווערן אריינגעצויגן וואָס מערער טוערס. ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען יאַנקל מיליער ע״ה, וואָס האָט אווקגעגעבן אַ סך צייט און כוחות אויפצוהאַלטן די ביאַליק־שול און דער חיים ווייצמאַן צענטער אין מעיער, ריאָ־דע־זשאַנעירא. אויך רוחמה שטיגליץ ע״ה און שרה רובין האָבן מיט אַ סך גוטן ווילן צוגעהאָלפן אין דער אַרבעט.

✶

אונדזער משפחה האָט זיך אויסגעברייטערט: יוחנן, דבורה ע״ה, אליו, וואָס האָט געוווינט מיט אונדז, ביז ר׳האָט חתונה געהאַט מיט דער שיינער און געראָטענער רותי. אליו איז תמיד געווען דער ראש המדברים, נאָר מיט אינהאַלט און חכמה. ווי נאָר ר׳איז געקומען קיין בראַזיל, איז ער געוואָרן גוזעלשאַפטלעך אַקטיוו, מיטגעשפּילט אין טעאַטער ביי דער שלום עליכם ביבליאָטעק. מיט ביילעס אַקומען קיין בראַזיל, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט יששכר וואַרשאַווסקי, איז די משפחה געוואָרן באַריי־כערט. הגם יששכר האָט סימפּאַטיזירט מיטן קאָמוניזם, נישט געוואָלט הערן פון ציוניזם און ארץ־ישראל, זענען זיינע צוויי זין אין ישראל; אפרים — אין קיבוץ, און חיים — אַ פיזיקער.

מיטן אָנקומען קיין בראַזיל פון אסתר׳ן און ישראלטשיק, וואָס זענען ניצול גע־וואָרן פונעם היטלעריסטישן גיהנום, האָט אונדזער משפחה זיך אויסגעברייטערט. ישראלטשיק ז״ל האָט ליב געהאַט זיצונגען און קאָנפערענצן, אין וועלכע ר׳האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. ער האָט אַ סך געלייענט, געווען אַ ליבלעכער מענטש, געטרייער מאַן און איבערגעגעבענער פאָטער. די אַלע וואָס האָבן אים געקענט, דער־מאָנען תמיד זיין נאָמען מיט גרויס אַכטונג און כבוד.

ביי יעדן צוזאַמענטרעף פון די לאַנדסלייט, איז שלמה שאַפּירא געווען דער פּוסק אחרון. אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו זיין מיינונג און זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס דרך־ארץ. מ׳האָט נאָך געדענקט, אַז אין אָסטראָווע האָט ער מיט גרויס מי אויפגע־שטעלט די יוגנט־באַוועגונג, גראָד אין אַ צייט פון פאַרשאַרפטע דיסקוסיעס צווישן די קינדער און עלטערן, וואָס האָבן געפּאָדערט צו גיין אין זייערע דרכים.

אין יאָר 1958, ווען איך בין געקומען קיין ישראל צו דער חתונה פון אונדזער יונגע טאָכטער רחל מיט יונה בר־אורין, האָבן די לאַנדסלייט אונדז אויפגענומען מיט אַ סך וואַרעמקייט און פריינטלעכקייט. אַ דאַנק אַזאַ באַציונג, האָבן מיר זיך נישט געפילט פאַראיינזאַמט.

אין יאָר 1962 האָבן מיר עולה געווען קיין ישראל. די ערשטע 10 יאָר געוווינט אין תל־אביב, דערנאָך איבערגעגאַנגען וווינען אין קיבוץ ברור־חיל, ווו ס׳געפינט זיך

אונדזער עלטסטע טאָכטער ציפּורה מיט איר מאַן דוד פיינגעלערנט. מיר וועלן נישט פאַרגעסן די האַרציקע הכנסת־אורחים אין דער נייער היים. אַ באַזונדערן אינטערעס האָבן אונדז אַרויסגעוויזן די משפחות אַלקון, שלמה מעיער, פיינשטיין, פייערשטיין, אַבאַרבאַנעל, גאָלדשטיין, רושניעווסקי, ליבהאָבער און אַנדערע. זיי האָבן אונדז אָפּט באַזוכט און מיר זענען אַ סך מאָל געווען זייערע געסט. שלמה האָט מיט זיי געהאַט אַ בשותּפותדיקע שפּראַך, באַלד אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג פון אָסטראָווער פאַריין אין ישראל און מיטגעהאָלפן אין דער טעטיקייט.



מסיבה לכבוד חיים כהן ז״ל, מייסד גמ״ח של יוצאי אוסטרוב בישראל

מסיבה לכבוד חיים כהן ז״ל, גרינדער פון דער גמילות חסדים קאַסע פון די אָסטראָווער

Party in honor of the late Chaim Cohen, founder of the Israel Ostrow Free Loan Society

אַסטראָווער יידן אין בראַזיל

אלי שאַפּיראָ

אין ווייטן ריאָ־דע־זשאַנעירא (בראַזיל), זיץ איך אַפּט מיט פאַרמאַכטע אויגן און דערזע מיין היים־שטעטל אַסטראָווע, ווו כ׳בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן. ס׳קומען אויף אין זכרון היימישע גאַסן און געסלעך מיט זייערע געשטאַלטן. אין האַרצן דער־וועקן זיך לאַנג פאַרגעסענע טענער. כ׳דערמאָן זיך מעשיות און געשעענישן. כ׳האָב פאַרלאָזט פוילן אין 1932 און זיך באַזעצט אין ריאָ־דע־זשאַנעירא, ווו ס׳האָבן שוין געוווינט מיינע צוויי ברידער — שלמה און יוחנן ע״ה, מיט וועמענס פרוי און טעכטער איך בין געקומען קיין בראַזיל. דערפאַר זענען מיינע זכרונות וועגן אַסטראָווע בלויז ביז 1932.

די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע אין פוילן, די אַנטיסעמיטישע העצע קעגן ידישע סוחרים, האַנטווערקער און אַרבעטער, וועלכע האָבן נישט געזען פאַר זיך קיין שום צוקונפט — האָבן געשטרעבט צו עמיגרירן אין אַנדערע לענדער צו זוכן פרנסה. בראַזיל איז נישט געווען אַזוי פּאָפּולער ווי אַרגענטינע, אַמעריקע, קאַנאַדע. די טויערן פון יענע לענדער זענען אָבער געווען געשלאָסן, דאַקעגן קיין בראַזיל איז געווען לייכט צו עמיגרירן. אויסער נאָענטע משפחה וועלכע האָט געקענט אַראָפּברענגען זייערע קרובים, האָט יעדער געשעפט אָדער פאַבריק געקענט אַרויסשיקן פּאַפּירן פאַר יעדן איינעם, אַז זיי נייטיקן זיך אין דעם עמיגראַנט און זיי גאַראַנטירן, אַז ער וועט נישט פאַלן קיינעם צו לאַסט.

די מערהייט אַסטראָווער עמיגראַציע האָט זיך קאָנצענטרירט אין ריאָ־דע־זשאַנעירא, אייניקע אין סאַן־פּאַולאָ, אָדער אין פּאָרטאָ־אַלעגרא. די אַלטע געזעלשאַפטלעכע טוערס האָבן דעמאָלט אַנטוויקלט אַ קולטורעלע און ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט אויף אַ פיל ברייטערער באַזע ווי ביי זיך אין קליינעם שטעטל.

מיטן דערנענטערן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז די עמיגראַציע קיין בראַזיל — און ספּעציעל פאַר יידן — געשלאָסן געוואָרן. שפּעטער איז זי פאַר יידן צוריק פאַר־לייכטערט געוואָרן, נאָר מיט אַ טויפן־שיין (כלומרשט — געשמדט), וואָס זיי האָבן געקויפט אין איטאַליע און געטויסט דעם נאָמען. אין איטאַליע האָט באַלד נאָך דער מלחמה געבליט אַזאַ „אינדוסטריע".

*

דער ערשטער אָסטראָווער עמיגראַנט (אין 1929) קיין בראַזיל, איז געווען אַ געוויסער קאַפּטשיק (א. שטילער ?), פון פאַך אַ שוסטער. וועגן זיין פאָרן קיין בראַזיל האָט זיך דאָס שטעטל דערוווּסט, ווען ר'איז נאָך אַ קורצער צייט צוריק געקומען קיין אָסטראָווע. שפּעטער איז ער ווידער געפאָרן קיין בראַזיל, אָבער אין ריאָ־דע־זשאַנעירא האָט אים קיינער נישט געזען. מעגלעך, אַז ער איז געפאָרן אין אַן אַנדערער שטאָט. אין אַ צייט אַרום איז אָפּגעפאָרן קיכטשיק. קיינער אין שטעטל האָט נישט געוווּסט. מ'האָט דערציילט, אַז ער האָט געקויפט אַ פאַבריק פון בייטלען. דערנאָך איז ער פון בראַזיל געפאָרן קיין מעקסיקע. פון אָסטראָווע קומען שפּעטער קיין בראַזיל אהרון מרדכי רובינשטיין, מאַניש זיידהאָפט און בערטשע טקאַטש. אַ קורצע צייט האָבן זיי געאַרבעט ביי זייער פאַך — רימערייַ, וואָס דער „דזשאָינט” און „האיאָס” האָבן פאַר זיי געשאַפן. די אַרבעט איז אָבער געווען אַ שווערע און ווייניק פאַרדינט. האָבן זיי זיך גענומען אַרבעטן „קליענטעלע”, וואָס כמעט אַלע יידישע עמיגראַנטן, געקומענע אין יענער צייט מיט ווייניק אָדער אָן קאַפּיטאַל, האָבן זיך פאַרנומען. מיט אַ ביסל קרעדיט און אַ ביסל אייגנס, האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרויפאַרבעטן און אַראָפּברענגען די פאַמיליעס; אויך בחורים — די כלות. מ'האָט געמאַכט געשעפטן, איבערהויפּט ביי מעבל, ווייל דער איבערגאַנג איז געווען אַ לייכטער. נאָר אַלץ אויף דער באַזע פון קרעדיט. מ'האָט אָנגעהויבן קויפן אייגענע וווינונגען און אויך בויען אַפּאַרטאַמענטן פאַר געשעפטן, צו פאַרקויפן אָדער פאַרדינגען.

דערנאָך זענען אָפּגעפאָרן פון אָסטראָווע שלמה שאַפּירא און יוחנן שאַפּירא, דוד בייער און זיין שוואָגער שלמהלע שמירמאַן מיטן ברודער נח, וואָס זענען שפּעטער אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע צו זייער שוועסטער. שלמהלע שמירמאַן האָט פאַרלוירן זיין פרוי רויזע, אַ קורצע צייט פון איר אָנקומען קיין בראַזיל.

ס'איז אויך צו אונדז אָנגעקומען ישראל גאָלדשטיין פון פּאָרטאָ־אַלעגראַ. נאָכן אָפּזיין דאָ עטלעכע יאָר, איז ער אָפּגעפאָרן קיין ישראל און געוווינט אין קיבוץ ברור־חיל, ווו ר'איז נאָך אַ לענגערער קראַנקייט געשטאָרבן. די פאַמיליע געפינט זיך נאָך אין קיבוץ ביז היינט.

צווישן די ערשטע געקומענע אָסטראָווער קיין בראַזיל, זענען געווען די ברידער יאַנקאָלע און לייבל זאַראַבניק, וועלכע האָבן געטוישט דעם פאַמיליע־נאָמען אויף ראַבין. לייבל איז געשטאָרבן און יעקב וווינט היינט אין קיבוץ ברור־חיל. איין זון איז געבליבן אין ריאָ און דער צווייטער זון וווינט אין סאַן־פּאַולאָ. ס'זענען אויך געקומען די ברידער יעקב און נח מילער, שמחה און ישראל שטיגליץ, מענדל באַראַב, און לייבל און יוחנן ווינאַגראַד, וואָס האָט זיך געמאָלדן אַלס פרייוויליקער, ווען די פּוילישע גלות־רעגירונג

האָט מאָביליזירט אירע בירגער אין פּוילישן מיליטער. ער האָט זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן, ווען די אַליאירטע אַרמייען האָבן געלאַנדעט אין פראַנקרייך.

ס'איז אויך געקומען קיין ריאָ חנינה זיידהאָפּט. פון יוחנן ווינאָגראַד האָט מען אַ לאַנגע צייט נישט געהערט, מ'האָט געמיינט אַז ער איז געפאַלן אין די שלאַכטן. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ער געפינט זיך אין לאַנד און דאָרט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל. דערנאָך געקומען אויף אַ וויזיט קיין ריאָ און געשטאָרבן אין לאָנדאָן.

שפּעטער זענען געקומען וועלוול זיידהאָפּט און יעקב שמואל גרינבערג, וועמענס פּאַפּירן זענען נישט געווען לויטן געזעץ. ביים אָנקומען אין פּאָרט, ווו מיר האָבן אים אָפּגעוואַרט, האָט מען אים נישט דערלויבט אַראָפּגיין פון דער שיף. ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין אינטערווענצן און פּראָטעקציע. מ'האָט אים געהאַלטן אַרעסטירט אויף דער שיף, דערנאָך אים מיטגענומען ביז אַרגענטינע און שפּעטער צוריק געשיקט קיין אַסטראָווע, ווו ר'איז געבליבן וואַרטן ביז די שיפס-געזעלשאַפט האָט אויסגעבעסערט זיינע פּאַפּירן און דערמעגלעכט צו פאָרן נאָך בראַזיל. דערפאַר האָט מען אים גערופן „הין און צוריק"...

ס'איז אויך געקומען קיין בראַזיל אלי שאַפּירא. נאָך דער מלחמה זענען פון רוסלאַנד צוריק געקומען ישראלטשע זיידהאָפּט מיט דער פאַמיליע קיין פּוילן, דערנאָך זענען זיי אַריינגעפאָרן קיין דייטשלאַנד און דורך פאַריז אָנגעקומען קיין ריאָ.

אין סאַן-פּאַולאָ געפינען זיך די צוויי ברידער שאָף. דער דריטער איז געשטאָרבן. ס'איז אויך אָנגעקומען מיין שוועסטערביילע שאַפּירא און שיינדל זיידהאָפּט. אין 1942 דערוויסן מיר זיך פון גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפן דאָס פּוילישע יידנטום, בתוכם אויך אונדזער שטעטל. מיר האָבן אָנגעהויבן זיך אָפטער צוזאַמענקומען, לייענען די בריוו פון דער היים און די פּרעסע און געזוכט וועגן ווי אַזוי און מיט וואָס צו העלפן. אָבער קיין שום וועג האָבן מיר נישט געפונען. מיר פלעגן זיך גוט אויסוויינען און פונאַנדערגיין.

ערשט אין 1945, נאָך דער מלחמה, געלונגט אונדז צו פאַרבינדן זיך מיט די ערשטע אַסטראָווער, וועלכע זענען צוריק געקומען קיין פּוילן, דייטשלאַנד און ישראל, וואָס בעטן הילף אין געלט און פּעקלעך. מיר באַמיִען זיך, ווי ווייט מעגלעך און לויט דער טראַדיציע פון די אַסטראָווער אין בראַזיל, צו דערפילן די ביטעס. הגם מיר זענען געווען ווייניק אין צאָל, האָט מען אַלע ביטעס באַפרידיקט. נישט געווען איינער, וואָס זאָל זיך נישט באַטייליקן, לויט זיינע מעגלעכקייטן, אין דער הילפס-אַקציע. אויך פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה האָבן די אַסטראָווער געשיקט הילף זייערע משפחות.

צום סוף וויל איך דערמאָנען אייניקע אַסטראָווער, וואָס זענען אין דער צייט אַוועק

אין דער אייביקייט: רויזע שמירמאַן, וועלוול זיידהאַפּט, כּאַרמע שטיגליץ, יוחנן און דבורה שאַפּיראַ, אהרון מרדכי און אַניטאַ רובינשטיין, דוד און גיטל רבקה בייער, חנינה זיידהאַפּט, יעקב מילער, ישראל זיידהאַפּט, פּעסע גרינבערג, לייבל זאַראַבניק, נח באַבער (אומגעקומען אין אַ וועג־קאַטאַסטראָפע). די אַלע זענען געווען איבער־נעגעבענע לאַנדסלייט. כבוד זייער אָנדענק!



יוצאי אוסטרוב בחתונת עדינה אלקון עב״ל יעקב אייכנבוים ז״ל, בשנת 1950
אַסטראָווער לאַנדסלייט אויף דער חתונה פון עדינה אלקון מיט יעקב אייכנבוים ז״ל אין 1950
Former Ostrovites at wedding of Adina Elkon and the late Yaakov Eichenboim, 1950

צו דער אַנטהילונג פון דער מצבה
לזכר די קדושים פון אָסטראָווע

מעכל עקהאוס / מעלבורן

מיט געבויגענע קעפּ שטייען מיר פאַר דעם מאָנומענט צום אָנדענק פון די אונדז גוט באַקאַנטע יידן פון שטעטל, וועמענס קברים זענען אומבאַקאַנט, ווייל זיי זענען אומגעקומען אין די קרעמאַטאָריעס פון טרעבלינקע און מיידאַנעק.

אָסטראָווע — אַזוי האָסטו געהייסן און מיט דיין נאָמען זענען פאַרבונדן אונדזערע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, מיט די שיינע טרוימען פאַר אַ בעסערן מאָרגן. מיר האָבן געחלומט נישט נאָר אויסצובעסערן דאָס לעבן אין שטעטל, נאָר אויך די גאַנצע וועלט. איך זע דיך איצט, מיין שטעטל, ווי דו שטייסט פאַר מיינע אויגן מיט אירע יידן — יונג און אַלט, טרויעריקע און פריילעכע, פאַרהאָרעוועטע און פאַריאָגטע; איך זע די שבתים און יום־טובים, די שווערע וואָכנס־טעג און שמחות ביי משפחות. ווו זייט איר אַלע אַוועקגעקומען? ווער האָט אייך פאַרביטן אויף דעם שטיין?

מיר ווייסן ווער עס זענען די רוצחים פון אונדזער פאָלק. דאָס זענען די דייטשן, וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרסמען פון דער היטלעריסטישער פּראָפּאַגאַנדע, צוגעטראַכט און אָדורכגעפירט דעם טויט־אורטייל איבער אונדז, יידן, בעת די וועלט האָט געשוויגן און דערלאָזט צו דעם שרעקלעכן אומגליק. אונטער דעם שטיין ליגט דעריבער נישט נאָר דאָס אַש פון אונדזערע עלטערן און נאָענטע מענטשן, נאָר אויך — אונדזערע טרוימען און האָפענונגען.

מיר האָבן לאַנג געוואַרט, ביז מ׳האָט געבראַכט אַהער, אויף ישראלדיקער ערד, דעם אַש פון אונדזערע קרבנות, כדי ווידער אַמאָל דערמאָנען זיך אַליין און אויך די גאַנצע וועלט, אַז מער טאָרן זיך נישט איבערחזרן אַזעלכע געוואַלט־אַקטן. וויפל מ׳זאָל נישט האָבן געשריבן און דערציילט וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע פון אונדזער פאָלק, איז נאָך אַלץ נישט געוואָרן אַרויסגעברענגט דער גאַנצער גרויל און שוידער פון דעם אומקום. וויפל פּיין און ליידן האָבן אונדזערע יידן באַדאַרפט אויסשטיין, ביז דעם אומקום אין דער גאַזקאַמער, צי פון אַ מאַסן־עקזעקוציע ביי אָפענע גריבער. ס׳איז נאָך נישט איינגעשטילט געוואָרן דער וויי־געשריי פון די אומשולדיקע קרבנות, דאָך הערן זיך שטימען פון כלומרשטע געלערנטע און וויסנשאַפטלערס, וואָס ווילן אויפווייזן, אַז דער ציפער זעקס מיליאָן, ווי די טויט־לאַגערן און קרעמאַטאָריעס, זענען נישט

מער ווי אַ יידישע אויסטראַכטעניש... גלייך מיר האָבן נאָך אַלץ נישט אויסגעטרונקען דעם בעכער מיט גיפט, וועלכן די נאַציס האָבן אונדז דערלאַנגט, ביי דער מיטהילף פון אַנדערע פעלקער.

אויך אונדזער יידישע מדינה איז אַרומגערינגלט מיט שונאים און די אָפּטע מלחמות דערפירן דערצו, אַז דאָס לאַנד גייט אָפּ מיט בלוט און עס פאַלן אירע קינדער אויף די שלאַכטפעלדער. און פונקט ווי עס דרייען זיך אַרום אויף דער פריי נאָך טויזנטער קריגס-פאַרברעכער אומבאַשטראָפט, אַזוי אויך איז נישט פאַרשוווּנדן דער אַנטיסעמי־טיזם, פאַשיזם און נעאָ-נאַציזם אין אַ גאַנצע ריי לענדער.

דעריבער דאַרפן מיר אַלע זיין וואַכזאַם — מיר, יידן אין די תפוצות, ווי די יידן אין מדינת ישראל און אַלץ טאָן, אַז מער זאָלן אונדזער פאָלק נישט געשטעלט ווערן פאַר אַזעלכע געפאַרן. דער אַנטהילטער מאָנומענט לזכר די קדושים פון אָסטראָווע איז נישט נאָר אַ דערפילטע פליכט לגבי די טויטע, נאָר אויך אַ דערמאָנונג פאַר די לעבעדיקע !

ט.

נר תמיד

רשימת הקדושים

על אלה אנו בוכים ביחד עם כל קדושי ישראל, שנפלו על קידוש השם ע״י הרוצחים הגרמנים ימ״ש ועוזריהם.

זיי באוויינען מיר, צוזאמען מיט אלע קדושי ישראל, וואס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם פון די דייטשישע רוצחים און זייערע מיטהעלפערס.

רשימת הקדושים הורכבה מזכרון לאחר 40 שנה. יתכן השמטות של שמות, לפיכך השארנו מקומות ריקים להשלים את החסר.

(הרשימה הורכבה ע״י **אברהם פיירשטיין**).

די רשימה פון די אומגעקומענע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון זכרון, נאָך 40 יאָר. מעגלעך, אז געוויסע נעמען זענען פאַרגעסן געוואָרן, דעריבער האָבן מיר געלאָזן ליידיקע ערטער צו דערגאַנצן דעם פעלנדיקן נאָמען.

(די רשימה האָט צונויפגעשטעלט: **אברהם פייערשטיין**).

א

אַקס יידל, יהודה, חוה
אַקס נחמן און יוסף
אַקס מנוחה און עטל
אַקס יהושע (זיידע)
אַקס אברהם
אַקס ישעיהו, זיין פרוי און זון
אַקס שלמה יוסף
אַקס לייביש און פרוי דאַבע
אַקס פנחס און שוועסטער מרים
אַקס פרומעט, קיילע
אַקס פייגע, מרים מיטן מאַן און קינדער
אלקון חיה־איטע
אלקון שמשון און חנה
אלקון יוסף אריה, אלי און רייזל
אלקון יחיאל מאיר, פרוי אסתר רחל און קינדער

אבארבאנעל חיה, יצחק, שרה זלאַטע
אַקערמאַן הערשל און פרוי הינדע
אַקערמאַן פייגע, שמחה, עטל און קינד
אַקערמאַן זעליג, פרוי און קינדער
אַקערמאַן גאַדל, פרוי און קינדער
אַקערמאַן יוקל און פרוי אסתר
אַפּעלבוים סימאַ און מאַן
אַפּעלרויט משה
איבערקלייד און די גאַנצע משפחה
איידלמאַן ברוך, אברהם, לאה
איידלמאַן שמואל, קריינדל
איידלמאַן יהודה, יוספה און משפחות
אַרבוז עלקאַ, הערשל, גיטל, רבקה
אַרבוז באַשע און אברהם
אַליאש צמח און משחה
אַליאש זעליג, חוה און קינדער
אלי, דוד

איידלבערג מינדל, איטקע, יוסף
מיט זייער גרויסער משפחה

....

....

....

ב

בערקאָוויטש מאָריס און פעשע
בראָכשטיין ישראל
בראָכשטיין משה
בראָכשטיין איצל, שרה און קינדער
בראָכשטיין שלמה
בוכוואַלד פרידא, גיטל און קינדער
בורק יהושע, אביגדור
בורק עטל, זיין פרוי און קינדער
בורק יוסף, אשר, טעמע און משפחה
בורק חיים, הינדע
בייטל שלמה, דבורה, פייגע
בייטל מנוחה, מאַטל, יצחק
בובער און די גאַנצע משפחה
בירנבוים חנה, אריה און קינדער
בארב שמואל, לייבל און משפחה
בעקער יהודה לייב, זיין פרוי
און קינדער
ביאַלאָוויטש ישראל און מלכה
ביאַלאָוויטש משה, שמואל און אייזיק
ביאַלאָוויטש גיטל, האָדיס און באַשע
באַיער (די גאַנצע משפחה פון
אָסטראָווע און וולאָדאַווע)
בראָווערשטיין רייזל, שלמה, משה
בראָווערשטיין חיה, איר מאַן
און קינדער
בערמאַן משה, זיין פרוי רחל
און טאָכטער מלכה

....

....

....

ג

גרינץ מאיר
גרינץ חנה-פעסע
גרינץ יעקב, צבי און משה
גאָלדשטיין אליעזר און פרוי מאַכל
גאָלדשטיין שמואל, פייגע, מענדל,
דאָבע, הענע
גאָלדשטיין יעקב, זיין פרוי בינע
און קינדער
גערשטיין שמואל און פרוי מאַטל
גערשטיין אסתר גאָלדע
גערשטיין יאָסל, פרוי שיפרע
און קינדער
גאָלדפאַרב יצחק און פרוי
גרינבערג יוסף און פרוי פערל
גרינבערג אברהם, ישראל
גרינבערג גרשון, רייזל און קינדער:
ישעיהו, מינדל, איצל,
אסתר-מלכה
גרינבערג ברוך מרדכי
גרינבערג זרח
גרינבלאַט פראַדל, שבע, שרה, גיטל
גרינבלאַט חיים-ישראל, הערש מענדל
גרינבערג יוסף, פרוי מלכה
און טאָכטער בעלאַ
גערשטיין לייביש און פרוי
גערשטיין פרומעט
גערשטיין משה-יעקב און הינדע,
קינדער: יוסף שיפרה
גרינבערג פסח, דבורה, יהודית
גרינבערג שמחה, איצי און קינדער
גוטמאַן בערטשע און פרוי
גוטמאַן בערטשע און פרוי
גוטמאַן בונים, איטע
גרינבלאַט חיה, נתן
גרינבערג פעסל, חנה, רבקה
גרינץ שלמה און פרוי פערל-
יוכבד, טאָכטער חיה

גיווערצער און די גאַנצע משפּחה
גוטערמאַן צפורה, אריה, ברײַנדל
גוטערמאַן אסתר מלכה, איר מאַן
און קינדער
גוטערמאַן דוד, חיה לאה, משה
גוטערמאַן מינדל און קינדער
גרינבלאַט פראַדל, שבע, שרה
גרינבלאַט דינה, נטע
גרינבלאַט חיים ישראל
גרינבלאַט הערש מענדל
....
....
....

ד

דומאַן רבקה, רחל, ברוך מרדכי
דומאַן שײַנע, מרים, נתן, שרה מלכה
דומאַן בערל, חנה גאָלדע
דומאַן יעקב דוד, זײַן פרוי און קינדער
דומאַן יוסף, חנה, יונה און מוטער
יוספה
דומאַן חיים און פרוי מרים
דומאַן יצחק יוסף און גאָלדע
דומאַן אסתר מינדל
דומאַן פנחס הערש און משפּחות
דוד עלי, זײַן פרוי און צוויי קינדער
....
....

ה

הערשטיין און די גאַנצע משפּחה
העלניק איטע און איר מאַן ישעיהו
הובערמאַן און די גאַנצע משפּחה
האַמבורגער מאיר, שפּרינצע
און קינדער
....
....

ו

וואַרצמאַן יעקב, דבורה און קינדער
וואַסערמאַן אָשר, פרוי און קינדער
וואַסערמאַן יוסף, פרוי פּערל
און קינדער
ווינדער הערשל און פרוי קיילע
ווינדער אסתר רחל, הינדע
ווינדער משה בער
ווינדער אברהם
ווערטהיים אברהם יהודה און
פרוי פריידע
ווערטהיים הערשל, זײַן פרוי
און קינדער
ווערטהיים יוסף, שפּרינצע, סענדער
וואַסערמאַן דוד, רייזל
וואַסערמאַן שמואל ,יוסף, עוזר, פייגע
וואַסערמאַן הערשל, אליעזר, מאָטל
וואַסערמאַן יוסף, שרה, פּייוול
וואַסערמאַן אברהם און פרוי
וואַסערמאַן, פעסל, פּערל, שלמה
וואַסערמאַן שמחה, זײַן פרוי
און קינדער
וואַסערמאַן משה, פרוי גאָלדע און
טאָכטער שרה׳לע
ווײַנריב יום־טוב ליפּע און פרוי געלע
ווײַנריב יוסף אײַזיק און טובה בײַזל
ווײַנריב שאול זעליג, חיה תהילה
וואַסערמאַן שײַנדל, איר מאַן
און קינדער
ווײַסבאָרד אברהם, יוקל
ווײַסבאָרד לייבל, מנוחה
ווײַנטרויב יחיאל, שרה און קינדער
וואַסק יהושע, חיה פּערל
וואַסק דבורה, מיכאל
וואַלף, זײַן פרוי און קינדער
וואַסאַנג אײַזיק, צוותא און קינדער
ווינדער משה אהרון און פרוי צביה
ווינדער הערשל, יצחק, בנימין, דבורה

ווינאַגראַד פּיניע, דבורה
וויינבערג משה און משפחה

ז

זאַלץ חנה, יעקב, פייגע
זאַלץ שרה, בנימין, איטע
זאַקרוויטשיק אלתר און משפחה
זאַקרוויטשיק יעקב מיט צוויי קינדער
זאַקרוויטשיק לאה, אירע עלטערן און
שוועסטערן, ברידער און די
גאַנצע משפחה
זאַקרוויטשיק שלמה, רוזשקע
זאַנענשיין ליב (שו״ב) און פרוי
זאַנענשיין מאיר
זאַנענשיין מאיר
זיידהאַפּט יאַנטשי, שיינדל
זיידהאַפּט יוסף, אסתר און קינדער
זיידהאַפּט אסתר סימאַ, מאַניש
זיידהאַפּט באַשע, יעקב, יעקב, משה,
חנה
זיידהאַפּט און קינדער, שרה
און קינדער
זאַרובניק שמאי, מרים, מאַשע
זאַרובניק העני, ירוחם און קינדער
זאַרובניק אפרים, חנה און קינדער
זאַרובניק בעלאַ און מאַן אברהם
זאַרבוניק חיה און יעקב
זיידהאַפּט נתן און פרוי שיינדל
זיידהאַפּט אהרון, זלאַטע, פּערל
זיידהאַפּט זלמן און משפחה
זיידנהאַפּט אברהם, זרח, זלאַטע
זיידהאַפּט יהושע און פרוי טובה
זיידהאַפּט שמחה, מינדל, פייגע
זיידהאַפּט העניע און זיסל

זילבערשטיין דינה און מוטער
לאַדשאַסקי
זילבערקאַנט דוד, דינה, מאַטל
און משפחה
זילבערקאַנט מאַטל, פרוי און קינדער
זיידמאַן אהרון און משפחה

ט

טענעבוים הינדע, איר מאַן
און קינדער
טקאַטש יעקב, פרידאַ, גיטל
טקאַטש משה, מיכאל
טקאַטש יעקב, זיין פרוי פּערל לאה
און קינדער: רחל, יצחק
און משפחה
טונקלשוואַרץ מרדכי, מנוחה, יידל
טשעבוך און די גאַנצע משפחה
טאוב יעקב און משפחה
טוכשניידער וואָלף, די פרוי לאה
און קינדער
טוכשניידער משה, נתן, שרה, יוקל
טאַפּ יאַנקל, פרוי און צוויי טעכטער

ל

ליבהאַבער ישראל און משפחה
ליבהאַבער משה, לייבל, סימע
ליבהאַבער לייבל און סימע
ליבהאַבער שרה, ברוך, סילקע
ליבהאַבער פּערל מיטן מאַן ישראל
און משפחה
ליטעראַט מרדכי, חיים און משפחה

ליטעראַט יוסף, בנימין און משפּחה
ליטעראַט באַשע און משפּחה
ליטעראַט מנוחה און לאה
לעוו שבתאי
לעוו מנוחה לייבל און פעלקאַ
לעוו (בערגער) עטי און משפּחה
לעוו טובה, אסתר, אלי, זלאַטע
לעוו זעליג, פייגע און קינדער:
יצחק, ליבע
לאַנדער שמואל און קינדער
לאַנדער מלך און קינדער

....

....

מ

מאיר שמואל, זיידל און זיין פרוי פייגע
מאיר אליהו, וועלוול און זיין פרוי
מאיר נתן
מלאַטיק יעקב און פרוי אסתר
מאַנדעלסבערג-קניפּער אהרון, לייזער
מאַנדעלסבערג-קניפּער און פרוי
חיה שרה
מאַנדעלסבערג-קניפּער עטל, באַשע,
דינה, אברהם
מאַנדעלסבערג שמואל און פרוי שרה
מאַנדעלסבערג יאָסל, פרוי שיפרה
און קינדער
מינסק הערצל, זיין פרוי און קינדער
מינץ לייביש, מענדל, סילקע און יוסף
מאַנטאַל חנה און צביה
מאַגזוס שלמה
מאַגזוס רבקה, אביגדור, מענדל
מילער משה, דבורה, יהושע
מילער שרה, מאַשע, שמחה

....

....

....

נ

נעלקענבאום (הרב) ישראל, פייוול
נעלקענבאום אליעזר און צירל
ניישטעטער אליעזר און פרוי רבקה
ניישטעטער אסתר

....

....

....

ס

סאַבאַל נחמיה, פריידע, יהושע
סאַבאַל משה און משפּחה
סאַפּיר אברהם משה, רחל
סאַפּיר אהרון און משפּחה
סעגאַל אליעזר, זיין פרוי רבקה
און קינדער
סעגאַל ברוך
סקורניק שמחה און משפּחה
משה אשר
סאַבאַל פערל, יעקב, רחל און קינדער

....

....

....

ע

ערליכמאַן יוסף, בלומאַ און קינדער
עקהאַוס, פרוי אסתר-מרים
און קינדער
עקהאַוס דבורה-הינדע און מאַן
עקהאַוס מלכה-לאה, איר
מאַן און קינד
עקהאַוס שיע-יידל, גאָלדע,
חוה׳טשע, מענדל

....

....

....

פ

פייערשטיין פריידע באַשע
פייערשטיין מענדל, פרוי בת-שבע
און קינדער
פייערשטיין יהושע טוביה, גאָלדע
פייערשטיין משה, פייגע, שרה
פישמאַן יצחק
פישמאַן צילאַ
פישמאַן זאב
פישמאַן רחל
פישמאַן ישראל
פרייזינגער מאיר און פרוי חנה
פרייזינגער ביילע און אייזיק
פילוואַט איטשע מאיר און רחל
פילוואַט חיים און ישראל
פילוואַט, זיין פרוי און קינדער
פעלדמאַן שרה, יעקב, אברהם
פשעגורעק און קינדער: יוסף, רויזע,
חיים
פוליצער יחזקאל
פאַפּיער ישראל, חישע און קינדער
פינטשוק סוכער, מרים און קינדער
פינטשוק ליבע און קינדער מיט
אייניקלער
פריינד יעקב פייוול
פריינד חיה, פייוול, שלמה
פריינד מענדל, באַשע, יוכבד
פריינד חנה, רחל, מלכה, איטע
פריינד שרה און משפחה
פונדיק סוכער, פרוי מרים
און זיין קינדער

צ

צוקערמאַן יחיאל און משפחה
צוקערמאַן יהושע און פרוי מינדל
צוקערמאַן חוה און משפחה
צוקערמאַן ביילע און מאַן אהרון
צינגעל יהושע
צימערמאַן ישראל, נחמה, ברכה
צימערמאַן מאַבלע, חיה
צימערמאַן רפאל, סיין פּרון
און קינדער

ק

קאַמליט שלמה, זיין פרוי מנוחה
און משפחה
קאַרן יעקב, בונים, פרידאַ
קאַרן זיסל און קינדער
קאַרן יצחק, שרה און חוה
קאַרן חיים און רוזשקע
קאַרן יוסף חיים, פרוי חוה, קינד יצחק
קאַרן משה דוד און פרוי אסתר
קאַרן דינע און רחל
קאַרן ישראל און משפחה
קאַרן פנחס, שיינדל, פייגע
קאַרן איצל, רבקה, גאָדל
קאַרן יוסף און פרוי אסתר שושנה
קאַרן פייגע, יצחק, רחל
קאַרן לייבל, דינה, מרים מיכאל
קאַפּיץ יעקב, פרוי זלאַטע, טאָכטער
האָדעל און קינדער
קופערשמיד אליעזר, אברהם לייב
קופערשמיד גיטל, יוסף, סימע
קופערשמיד שמואל און קינדער
קופערשמיד יוסף, מינדל, לאה

קופערשמיד זרח, דינה און קינדער
קופערשמיד יוסף, מלכה און קינדער
קופערשמיד רבקה און לייבל
(פשעגורעק) און קינדער
קרעכטמאַן ישראל און פרוי רחל
קרעכטמאַן שלמה, מאַשי, חוה
קרעכטמאַן יקותיאל, פעסע, מנוחה
קרעכטמאַן מלכה, יעקב אפרים
קאַרן שיפרה און אירע עלטערן
קאַרן פסח, יהושע און משפחה
קאַרן שלמה און משפחה
קאַרן אהרון און פרוי יענטע
קאַרן שבתאי, חיה, זיסל, שיפרה
קאַמליט אהרון ישראל
קאַמליט בערטשע און משפחה
קאַמליט משה און משפחה
קאַמליט יונה, פראַדל און קינדער
קאַרטשיק אלתר
קאַרטשיק שמואל, פרוי און קינדער
קאַווע שמעלקע
קאַווע חנה
קאַווע שיפרע
קאַווע מלכה
קאַווע מאַטל
קאַווע ליבע
קאַליכשטיין אלימלך און זון פרץ
קאַרפ רייזל און משפחה

....

....

....

ר

ראַזנבוים ירחמיאל און פרוי אסתר
מיט 6 קינדער
ראַזנבוים אליעזר און פרוי חנה
מיט 4 קינדער
ריכטער רפאל, זיין פרוי און קינדער

ראַזמאַרין מאַטל, פרוי נעכע
און משפחה
ראַזמאַרין וועלוול, פייגאַלע
און משפחה
ראַזמאַרין אליעזר, פרוי פערל
און קינדער
ראַזמאַרין לייבל און פייגע
ראַזמאַרין אסתר, סימע, גיטל
ראַזמאַרין דוד מיט דער משפחה
און קינדער
ראַזמאַרין הערשל און פרוי דבורה
מיט די קינדער : דינה, רחל
ראַזמאַרין ישעיהו און פרוי שרה רחל
ראַזמאַרין אברהם, מינדל און קינדער
ראַזמאַרין זרח, אברהם, ביילע
און קינדער : אליעזר, ברכה
ראַזמאַרין משה, מיכאל, בינה
און קינדער
ראַזמאַרין ראובן, ריווע, חיה,
שיינדל און משפחה
ראַזמאַרין שיינדל, יוסף און משפחה
ראַזמאַרין משה, וועלוול און טאָכטער
ראַלניק שמואל און פרוי חוה
ראַלניק ישעיהו, איטע, גיטל
און משפחה
ראַג עטל, איר מאַן און קינדער
ריכטער רפאל, זיין פרוי און קינדער

....

....

....

ש

שניידער בנימין און פרוי רחל
שניידער הערשל און בערטשע
שניידער חנה, זלאַטע

שניידער גיטל, מנוחה, לאה
שניידער בערטשע און פרוי שרה
שניידער גאָדל, פּערל, געצל, רבקה
שטערן שבתאי
שפּיראָ משה צבי, חיה גיטל
שפּיראָ שמעלקי, באָשע און מאַן
שפּיראָ ברוך, זיין פרוי און משפּחה
שפּיראָ זושע און רחל, דינה
און איר מאַן
שפּיראָ אברהם ברוך און פרוי דרעזל
שניידער בנימין און פרוי רחל
שניידער חנה, הערש, ברוך, זלאַטע
שניידער מנוחה, ביילע, גיטל
און זייערע משפּחות

שפּערלינג אברהם
שמירמאַן שמואל
שטיגליץ מאיר און משפּחה
שטיגליץ הערשל
שטשופּאַק מנשה און פרוי גאָלדע
שטשופּאַק צביה, משה, פריידע
שטשופּאַק שמחה
שאַץ און די גאַנצע משפּחה

....

....

....

....

לזכרון עולם!



יצחק וחיה צ׳רנובבסקי
(לבית אברבנאל)

שניספו בשואה

המנציחים:
טובה אברבנאל־ברקמן

לזכר הורינו היקרים



ר' אריה־לייב וטובה־גיטל אלקון

שזכו להגיע לארץ

ולזכר בני המשפחה מצד אבי ז"ל, שניספו בשואה, בני־אוסטרובה:

סבתנו **חיה־איטה** וסבנו החורג **שלמה מגזס**

דודתנו **אסתר־רחל** ובעלה **יחיאל־מאיר** וילדיהם

דודנו **שמואל־שמשון**, אשתו **חנה** וילדיהם

יוסף־אריה, אלי, רייזל

דודנו **אביגדור ומנדל**

זכרם לא ימוש מלבנו

המנציחים:

עדינה איכנבוים (לבית אלקון)
ובני המשפחה

שמואל אלקון
ובני המשפחה

צום אייביקן אָנדענק פון אונדזערע טייערע עלטערן,
שוועסטער און ברידער:

מאיר און **חנה פרייזינגער,**
ברודער **אייזיק** און שוועסטער **באַלטשע;**

מיינע טייערע פעטערס און מומעס, אומגעקומען פון די
היטלעריסטישע מערדער:

פאַמיליע **פרייזינגער, אלי** און **אסתר**
מיט זייערע קינדער.

פאַמיליע **בערמאַן — נח** און **גיטל** מיט זייערע קינדער
מיט זייערע קינדער.

פאַמיליע קליינבערג **— נח** און **גיטל** מיט זייערע קינדער

פאַמיליע **אווערבוך — חיה** און **יאַנקל**
מיט זייערע קינדער.

פאַמיליע **ווערטהיים — הערשל, באַשע** און קינדער.

פאַמיליע **ערליך — יוסף־מאיר, בלימע** און קינדער.

פאַראייביקן די שוועסטערן:

פרידאַ גאָלדשטיין
שרה שטאַרקמאַן
פּאָלאַ רובינשטיין (פון דער היים פרייזינגער)

ישראל

צום אייביקן אָנדענק



די פאַמיליע גאָלדשטיין



פון רעכטס: גאָלדע פרייזינגע
גאָלדע עקהאוס, אסתר
ניישטעטער



שטייען פון רעכטס: דאָבע גאָלדשטיין
ז"ל, יצחק גאָלדשטיין, חיה וואָסק. זיצן:
שרה, העלאַ און אלי־חיים גאָלדשטיין.



מאָטל דומאָן

פאַראייביקן:

פרידאַ און יצחק גאָלדשטיין

צום אייביקן אָנדענק פון אונדזערע עלטערן, שוועסטער און ברידער אומגעקומען דורך די נאַצישע רוצחים:

אליעזר און **מאַכלע גאָלדשטיין** מיט די קינדער:

דאָבע מיטן מאַן, שמואל, פייגע, מענדל

משה בערמאַן, פרוי **רחל** און טאָכטער,

העניע מיטן מאַן און דריי קינדער.

אונדזער פעטער **חיים גאָלדשטיין**, פרוי **שרה־דאָבע** מיט דריי קינדער.

יעקב און **בינה גאָלדשטיין** מיט צוויי קינדער.



וועלוול ווײַנבערג



יעקב בוכוואַלד



הערשל צינגעל

פאַראייביקן:

יצחק גאָלדשטיין, גבעתיים

שפרינצע ראַבעל (גאָלדשטיין),

לאָס־אַנזשעלעס

צום אָנדענק פון די לויטערע נשמות, וואָס זענען אומגעקומען
פון די דייטשישע מערדער און זייערע העלפערס —



דב שטיינהאָרן



גרשון גרינבערג



מינדל גרינבערג



ישעיהו גרינבערג



זרח גרינבערג

די עלטערן **רייזל** און **ישעיהו גרינבערג**, די ברידער **איצל, ברוך, מרדכי, זרח, ישעיהו.** שוועסטער: **אסתר־מלכה, מינדל.**
צום אָנדענק פון מיין מאַן **דב שטיינהאָרן** פון פּאַביאַניץ, לאַנג־יאָריקער מיטגליד פון אָסטראָווער קאָמיטעט אין ישראל.

פאַראייביקט: **זלאַטע גרינבערג־שטיינהאָרן**

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם ליכטיקן אָנדענק
פון מיינע עלטערן און ברידער,
וואָס זענען אומגעקומען על קידוש השם

טאַטע־מאַמע :

מרדכי און יושפה דומאַן

ברידער :

יאַנקל דומאַן,

יונה דומאַן

פאַראייביקט :

הענרי דומאַן

דענווער, פאַראייניקטע שטאַטן

נזכור לעד את יקירנו, שנרצחו ע״י הנאצים בשנות מלחמת העולם השניה ומקום קבורתם אינו ידוע —

אמנו **רבקה רחל דומן** ז״ל

אחינו: **ברוך מרדכי** ז״ל
נתן ז״ל
ברל ז״ל

אחיותנו: **שיינה־מרים** ז״ל
שרה־מלכה ז״ל
חנה־גולדה ז״ל

נזכור את דודנו היקרים שלא נותר נצר למשפחותיהם:

אחי אבינו **יעקב דוד דומן** ז״ל ומשפחתו.
אחות אבינו **מאַטל גרינשטיין**, בעלה **שמואל**
ובנותיהם **אסתר וגולדה**.
אחי אבינו **יוסף דומן**, רעייתו וארבעת בנותיהם.
אחי אמנו **נתן ושיינדל זיידהפט** וחמשת ילדיהם.
אחות אמנו **פרל־לאה**, בעלה **יעקב טקץ׳** וחמשת ילדיהם.
אחי אבינו **מרדכי דומן** ז״ל, שנרצח ע״י הפולנים לפני המלחמה
רעייתו **יושפה** ובנה **יונה דומן**, שניספו בשואה.
לזכר אבינו **יצחק דומן**, שנפטר בארץ בשנת 1978.

המנציחים בכאב ובצער:
אסתר (דומן) רושניבסקי
משה דומן

